STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01592

NEGINES UN TFILES BAY YIDN IN LIKHT FUN DER YIDISH

I. L. Gidekel

Permanent preservation of this book was made possible
by Rochelle Granat & Rhoda Schulzinger
in honor of
Edward Schulzinger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה לייב חדקל

נגנות און תפלות ביי יידן
אין ליכט פון דער יידישער געשיכטע

●

ערשטער באַנד

ערשטער און צווייטער טייל

●

(ארויסגעגעבן פון אויטאָר)

בוענאָס איירעס

1 9 5 2

Se acabó de imprimir este libro
el día 25 de marzo de 1952, en
la "IMPRESORA BAIRES" de
Simón Eidelman, Cangallo 2981,
T. E. 86-0119, Buenos Aires

LEON GIDEKEL

Música y Oraciones Hebreas

a la Luz de su Historia

Printed by LEON GIDEKEL

BUENOS AIRES

IMPRESO EN LA ARGENTINA PRINTED IN ARGENTINE

Es propiedad. Queda hecho el depósito que marca la ley.

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיינע על-
טערן, שוועסטער און ברידער ז״ל.

אינהאַלט

אַ וואָרט פון מחבר — — — — — — — — — — — — — — — — — — 19

אַריינפיר — 25

ערשטע טייל

קאַפּ. 1 - מוזיק ביי יידן אין דער אוראַלטער צייט — — — — — — 33

יובל. די אַנטפלעקונג פון מוזיק צו פּאַסטוכער. חצוצרות אין דער מדבר. גבעת האלהים און שמואל הנביא. מוזיק אַלס מיטל צו היילן גייסטיק קראַנקע. שאול און אלישע הנביא. מוזיק אין די צייטן פון דוד און שלמה.

קאַפּ. 2 - יידישע אמונה און יידישע טראַדיציע — — — — — — — 37

יידישער מאָנאָטעאיזם. שוץ־מיטלען קעגן אַסימילאַציע. יידישע טראַדיציע. יידישע טראַדיציאָנעלע מוזיק.

קאַפּ. 3 - מדינת ישראל, יידישער שטאַט — — — — — — — — — 39

דער יידישער שטאַט. דער כח וואָס האָט צו דעם גורם געווען. די מסורה. די פאַרווירקלעכונג.

קאַפּ. 4 - די אַנטשטייאונג פון דער יידישער נגינה — — — — — 41

די ערשטע דערפינדער פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אין אינדיע און כינע. דער מאַגישער כח פון מוזיק ביי די בראַמיסטן, עגיפּטער, אַסירער, פּערסער און גריכן. די אַנטשטייאונג פון די פאַרשיידענע שפּראַכן, קליידער, טענץ און מוזיק. די אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק און זיין מוזיק.

קאַפּ. 5 - דער כאַראַקטער פון דער יידישער נגינה — — — — — 45

מוזיק אינעם אויספורעמען פון פאָלקס־כאַראַקטער. יידישע זעלבסט - דיסציפּלין. ווי ווירקט מוזיק אויפן מענטשן. דער גייסטיקער כח פון מוזיק

קאַפּ. 6 - די השפּעה פון דער יידישער נגינה אויפן פאָלקס־כאַראַקטער — — — — — — — — — — — — — — 49

לערנען זינגענדיק. אלישע בן אבויה. גריכישע נגינה. פאָלקס־ דיסציפּלין. קריסטאַליזירטע יידישע נגינה.

קאַפּ. 7 - די עוואָלוציע פון דער יידישער נגינה אין ארץ ישראל ביז נאָכן חורבן פון בית ראשון — — — — — — 53

די אַנטשטייאונג פון ליד. דאָס געזאַנג ביי דער אַרבעט. מוזיקאַלישע אינטערוואַלן ביי דער אַרבעט. קאַמפּס־מוזיק. אינדוסטריע, מסחר, רעליגיעזע צערעמאָניעס. נבואה און נגינה. דיסקורעל מוזיק אין דער מעדיצין. דאָס ברענגען דעם ארון האלהים אין עיר דוד. דוד אָרגאַניזירט פאַר זיין טויט די ליטורגישע נגינה. ווי מען האָט דורכגעפירט די נגינה אין בית המקדש, מוזיק ביי מקריב זיין קרבנות. פּראָצעסיעס מיט מוזיק, בכורים ברענגען. עולי לרגל. דאָס פּאָפּולאַריזירן די נגינה פון בית המקדש. חורבן פון בית המקדש — בית ראשון.

קאַפּ. 8 - די אַנטוויקלונג פון דער יידישער נגינה אין גלות בבל — — — — — — — — — — — — — — 71

ניט געווען ביי יידן קיין גרויסע פּאָליטיקער נאָך שלמה המלך. די צעטיילונג פון דער יידישער מלוכה אויף מלכות ישראל און יהודה. דער קעלבער־קולט אין דן אין בית אל. דער אויסגאַנג פוןביידע מלוכות. די פאַרשידענע קהלות אין בבל. די נגינה פון ארץ־ישראל און בבל. די טעמי בבל, די טראָפּ פון בבל. דאָס לייענען תורה און נביאים שבת אין די בתי כנסיות. קאַנאָניזירט די כתבי הקדש. כאָר און אָרקעסטערס צו זינגען ארץ־ישראל נגינה אין בבל.

קאַפּ. 9 - פּסקי הטעמים ביי די יידן אין גלות בבל — — — 77

די סכנה אַז די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן ביי די פאַרטריבענע יידן פון בבל. זייער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיטואַציע. מאָטיוון וואָס וואָלטן געקאָנט פירן די יידן צו אַסימילאַציע. די תקנות וואָס מען האָט איינגעפירט זיי צו דערווייטערן פון אַסימילאַציע. די טראָפּ פון בבל. אותיות

געצייכנט אויף די ווערטער. דאָס פּאַראייניקן תורה און נביאים מיט ארץ־ישראל נגינה.

קאַפּ. 10 - יידישע נגינה אין ארץ־ישראל אונטער פּער־סישער הערשאַפט — — — — — — — — — — — — 79

עזרא און די שבי־גולה שטאַרקן דעם רעליגיעזן געפיל דורך נגינה. באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן די רעליגיעזע זינגער און מוזיקער. נייע תפלות און נייע נגינות פון גלות.

קאַפּ. 11 - נגינות ישראל און תורת ישראל — — — — — — — 81

היסטאָרישע עוואָלוציע אין דער יידישער מוזיק. די השפעה פון די שכנים־פעלקער. געצנדינערײ אין ישראל, ירושה פון שלמה המלך. נגינות ישראל און תורת ישראל. פרעמדע נגינה, אַ סכנה פאַר דער יידישער עקזיסטענץ. די גרי־כישע נגינה אין ארץ־ישראל. דער קאַמף און דערגרייכונגען פון די חשמונאים.

קאַפּ. 12 - אידישע נגינה אין ארץ־ישראל אונטער דער פּערסישער הערשאַפט — — — — — — — — — — 89

די תקנות פון עזרא און נחמיה, די סופרים, תפלת שמונה עשרי און קריאת שמע. די אויסברייטערונג פון לערנען תורה, קהל חסידים, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין ארץ־ישראל אין יענער תקופה, טראָפּ. די נעמען פון די טראָפּ.

קאַפּ. 13 - יידישע נגינה אין ארץ ישראל אונטער דער גריכישער הערשאַפט — — — — — — — — — 95

די ווירקונג פון עזרא און נחמיהס טעטיקייטן אין ארץ־ישראל. די נגינות פון בית המקדש. די רואיקייט אין ארץ־ישראל. דער גריכישער אויסערלעכער גלאַנץ פאַרכאַפּט אַ טייל פון יידישן פאָלק. די אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור, גריכישע שפּילן און פיזישע איבונגען אין ארץ־ישראל. גריכישע מוזיק אין בית המקדש. די יידישע יוגנט און די פרחי־כהונה פאַרכאַפּט פון גריכישן אָרט לעבן. גריכישע נגינה אין די קהל־חסידים שולן אין דער פּראָווינץ. די ווירקונג פון דער גריכישער נגינה אויף דער יידישער

יוגנט. יהודה המכבי און זיינע תקנות. דאָס אומקערן זיך פון די יידן צו זייער טראַדיציאָנעלן זיטלעכן לעבן. נייע גאָלדענע כלים צו דער עבודה אין בית המקדש. באַזייטיקט די גריכישע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און נגינה פון בית המקדש. דער אָפּקלאַנג פון דעם אין די שולן פון דער פּראָ־ווינץ. מוזיק אין פּריוואַטן לעבן פון די יידן אין דער תקופה.

קאַפּ. 14. - יידישע נגינה אין ארץ־ישראל אונטער דער רוימישער הערשאַפט — — — — — — — — — — — — — 99

דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע 400 יאָר פון עזרא ביז דער רוימישער הערשאַפט אין ארץ־יש־ראל. דער קעניג הורדוס און זיינע אויפטואונגען און רעפאָר־מעס. רוימישער אָדלער אויף אַ טויער פון בית המקדש. דער סנהדרין פאַרלירט זיין וויכטיקייט. די פּרושים דער־ווייטערן זיך פון פּאָליטיק. נייע קלאַנגען, טאָן ארטן אין ריטם פון דער יידישער נגינה. נאָכן חורבן פון צווייטן בית המקדש פאַרבאָטן מוזיקאַלישע פאַרוויילונגען און געמישטע כאָרן. די סאַנקציעס פאַר די וואָס וועלן אָנהאַלטן מוזיקאַ־לישע פאַרוויילונגען און געמישטע כאָרן. אַ מוז צו לערנען תורה זינגענדיק. די אַנטלאָפענע יידן פון ארץ־ישראל און זייער השפעה אויף די אַלטגעזעסענע יידן אין דער פרעמד. דאָס שאָקלען זיך און זינגען ביים לערנען תורה. די ליידן פון יידן אין דער פרעמד נאָכן אונטערגאַנג פון מלכות יהודה. נייע גלות־תפלות און זייערע נגינות. פאָלקס־נגינה אין ארץ־ישראל נאָכן חורבן. דאָס קאַנאָניזירן ארץ־ישראל נגינה אין גלות אין נסחאות התפלה. דאָס אָפּהיטן די יידישע נגינה אין גלות.

קאַפּ. 15. - פּסקי הטעמים (טראָפּ) — — — — — — — — — — — — — 107

אַמאָליקע פאָרעם פון איבערגעבן גייסטיקע ירושות צו קינדער. לערנען קינדער תורה איז ביי יידן אַ חוב. שכר למוד. קינדער נעמען איבער נגינה זייער לייכט. די נויט־ווענדיקייט צו פאַרצייכענען נגינה ביי יידן. דער בית המקדש ווי אַ מוזיקאַלישע לאַבאָראַטאָריע. פון פאָלק צום בית המקדש און פון בית המקדש צום פאָלק. נאָכן חורבן פון ערשטן בית המקדש. די סכנה פון פאַרגעסן די יידישע נגינה. העברעאיש פאַרלירט איר באָדן. לשון קודש פאַר תורה און תפלה.

קאַפּ. 16 - פּסקי הטעמים (טראָפּ) אין ארץ־ישראל — — — — — 111

די אָפּשטאַמונג פון טראָפּ. די באַוועגונגען פון די הענט פון דעם בעל קורא ביים לייענען תורה און נביאים. די מיינונג פון גלח שפּיידעל וועגן די טראָפּ. די מעלאָדיעס פון די טראָפּ אין תפוצות ישראל. די נעמען פון די טראָפּ זיינען די נעמען פון באַקאַנטע מעלאָדיעס, וואָס מען האָט געזונגען אין ארץ־ישראל. אין בבל האָט מען נאָר פאַרצייכנט דעם ערשטן אות פון דעם נאָמען פון דער מעלאָדיע. די רעפאָרמע פון די טראָפּ אין טבריה. דאָס זינגען תורה, נביאים אין די חדרים מיט טראָפּ. די מיינונג פון פאָרשער פרידלענדער, רב אברהם דבלמש אין זיין ספר מגון אברהם. מימיק פון בעל קורא ביים לייענען תורה און נביאים. די מסורות פון בן נפתלי און בן אשר. רבי יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים. די שאַפונג פון אַ גייסטיקער טעריטאָריע אין גלות. די גייסטיקע פעסטונגען פון יידישקייט אין גלות. די גרינדונג פון ישיבות אין די גרויסע שטעט. די טראָפּ אַלס איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען פאַרן קיום היהדות. אייזיק הירש ווייס. די נעמען פון די טראָפּ. די פיר פאַרשידענע טראַדיציעס ביי יידן צו זינגען די טראָפּ. ספּעציעלע ניגונים צו די פּרשיות וואָס מען לייענט ימים נוראים, ויחל, אַז ישיר, האזינו, עשרת הדברות, די ספרי אמ"ת און די חמש מגילות.

קאַפּ. 17 - די גייסטיקע פעסטונגען אין גלות — — — — — — — 121

רבי יוחנן בן זכאי און זיינע חברים און תלמידים. די שאַפונג פון אַ גייסטיקע טעריטאָריע אין גלות. די גייסטיקע פעסטונגען פון אידישקייט אין גלות. די גרינדונג פון ישיבות אין די גרעסערע שטעט.

קאַפּ. 18 - נגינות הנביאים — — — — — — — — — — — — 125

דער צוזאַמענשטעל פון נגינות הנביאים. די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון די נביאים. דער ריטם פון דער נגינה. אַנאַליז פון די נגינות פון פעלקער. דייטשע נגינה, רוסישע, יידישע נגינה אין נוסחאות התפילה. יידישע נגינה און יידישע סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. די יידישע אַגריקולטור ימים טובים. די תקופה פון די נביאים. די אויפפאַסונג פון די נביאים. דער נביא רעדט ניט אין זיין נאָמען,

נאָר כה אמר אד׳. פעלקער, — אַ געצייג פון דער השגחה, די צוקונפט — אַ פּראָצעס און אורזאַך פון נעכטן, די האָפענונג פון באחרית הימים. דער נביא — אַ פּאָעט בחסד עליון. אין נגינות הנביאים פילט מען זייער פאַנ־טאַזיע און ווייטן קוק. — מפטיר־נביא איז אַ בכבודיקע עליה.

קאַפּ. 19 - נגינות צו מגילת שיר השירים — — — — — — — — — — 133

ניגון און טראָפּ. טראָפּ אַן תנ״ך ווי תנ״ך אַן טראָפּ. שיר השירים אַן איידעלע לירישע פּאָעמע. דער אינהאַלט פון שיר השירים. שיר השירים אַלס אַלעגאָריע פון גאָט אין כנסת ישראל. די פראַגע פון אַריינגעמען שיר השירים אין די כתבי הקודש. ווען מען זינגט שיר השירים. שיר השירים אין קבלה. שיר השירים ביי אַשכנזים און ספרדים. פאַר־וואָס איז די נגינה פון שיר השירים פאַרשידן אין די קהילות. די פאַרשידענע ארץ־ישראל־קלימאַטן און די קלי־מאַטן פון גלות.

קאַפּ. 20 - נגינות מגילת רות — — — — — — — — — — — — — 137

רות. דער אינהאַלט פון רות. דער אינהאַלט פון די פיר קאַפּיטלען. נוסח רות און די לירישע טראָפּ. מנהג צו זינגען מגילת רות יום טוב שבועות בציבור. פאַרוואָס זינגט מען רות אין שבועות. נגינות רות, די אויטענטישע נגינה פון ארץ־ישראל.

קאַפּ. 21 - נגינות מגילת איכה (אָדער קינות) — — — — — — 141

ירמיהו הנביא זאָל זיין דער מחבר פון מגילת איכה. ווען האָט ירמיהו געשריבן די מגילת איכה. די צעטיילונג פון איכה. ווען מען זינגט איכה און די שטימונג ביים זינגען. דער רייזנדער רב יעקב ספיר. אַ נאַכט פון תשעה באב אין אַ שול אין תימן. די טראָפּ פון מגילת איכה. די נגינות פון איכה און די ערשטע נוצרים.

קאַפּ. 22 - נגינות מגילת קהלת — — — — — — — — — — — 147

קהלת, דער מחבר פון קהלת. קהלת און די כתובים. לייענען קהלת בציבור. מחזור וויטרי. ניטאָ קיין באַשטימטער נוסח

צו די טראָפּ פון קהלת. די ספרדים לייענען קהלת מיטן נוסח פון רות און די אַשכנזים מיטן נוסח פון שיר השירים.

קאַפּ. 23 - **נגינות מגילת אסתר** — — — — — — — — — — — — 149

מגלת אחשורוש. דער ריכטיקער נאָמען פון אסתר המלכה. אסתר און מרדכי. די צייט פון אחשורוש׳ס קעניגן און זיין זון דריות. ווען האָט געטראָפן דער נס פון פורים? ושתי המלכה, המון־ממוכן הרשע, זיינע צען זין. די האַנדלונג פון מגלת אסתר. פאַר וואָס ווערט ניט דערמאָנט גאָטס נאָמען אין דער מגלה, ווי מען דאַרף לייענען די מגלה. די טראָפּ פון מגלת אסתר. די נגינה פון די טראָפּ. די פסוקים מיט זייערע ספּעציעלע נגונים.

קאַפּ. 24 - **נגינות פורים — חג־הפורים** — — — — — — — — — 155

יום־טוב פורים. דער נאָמען פורים. די הויפּט־פּערזאָנען פון פורים־געשעעניש. ווען מען לייענט די מגילה. די סעודות פורים, שלח מנות, נדבות טיילן, פורים שפּילער, דער פורים רב. פורים אין די צייטן פון די גאונים. טעאַטער פאָרשטעלונגען פון נס פורים. די נגינות פון פורים. לידער וועגן מרדכי און המן. רעליגיעזע פּיוטים פון פורים. קרובות לפורים. פורים דער יום־טוב פון פרייד. פורים קטן. די פייערונגען פון פורים קטנס פון קהלות און פאַמיליעס.

קאַפּ. 25 - **יידישער גייסטיקער כח, יידישע קדושה און יידישע נגינה** — — — — — — — — — — — — — — — 161

די באַוועגלעכע יידישע טעריטאָריע. אין גלות האָט זיך דער ייד ניט געפילט דערנידעריקט. יידן טראָגן ניט קיין האַס צו די פעלקער וואָס האָבן זיי געדריקט. שבת ווערט דער ייד פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינץ. מוזיק, די צווייטע פאָלקס־שפּראַך ביי יידן.

קאַפּ. 26 - **יידישע תפלות — סדור און סדורים** — — — — — — — 163

די אייגנאַרטיקייט פון די יידישע תפלות. די שפּראַך פון די תפלות. דער רמב״ם און די יידישע תפלות. עזרא הסופר און זיין בית דין צדק. תפלות איבערזעצט אויף דער פאָלקס שפּראַך. תפלות אַנשטאַט קרבנות. דער חוב פון אַ יידן צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג. די זאַמלונג פון תפלות. סדור

רב עמרם גאון, רב סעדיה גאון, רמב״ם, רש״י רבינו שמחה וויטרי. נוסח אשכנז, נוסח ספרד, נוסח חב״ד. די איינטיילונג פון די תפלות: מאמרי ח״זל, תורה, נביאים, מדרשים אין די תפילות. דינים וועגן שבת און יום־טוב. די לערער, סופרים און חזנים. דאָס שטייגן פון די חזנים. רבי יהודה פון באַרצעלאָנאַ און זיין ספר העתים.

קאַפּ. 27 - היסטאָרישע געשעענישן. יידישע מאָראַל און עטיק אין די תפלות — — — — — — — — — — — — — — 173

די ערשטע תפילה פון יידישן קינד, אַ ייד דאַרף אַלע טאָג אין דאַוונען מאַכן זיין חשבון הנפש, אַ ייד איז מחויב זיך צו האַלטן היגיעניש, וואַשן די הענט „נטילת ידים״; דער חוב פון יעדער יידן צו לערנען תורה פאַר זיך און צו זיינע קינדער, אַ ייד, טאָר ניט נעמען קיין געצאָלט פאַר לערנען תורה מיט אַ צווייטן ייד. אַ ייד בעט ניט ביי גאָט פּראַזאַישע עולם הזה׳דיקע באַקוועמלעכקייטן. אויך נישט קיין עולם הבאָ. ער בעט ביי גאָט, נצור לשני מרע, היט מיין צונג און ליפּן פון צו ריידן שלעכטס, דורך תפלה האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דעם ייד די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן פון יידישן פאָלק: עקדת יצחק, יציאת מצרים, מלכות דוד, נס חנוכה, מכביים, נס פורים, די ליבע צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, צו גערעכטיקייט, צו ירושלים. די קאָשמאַרע איבערלע־בונגען אין די גלותן פאַראייביקט אין די סליחות, די פסוקי דזמרא דער הלל פון אַלע טאָג.

קאַפּ. 28 - די השפעה פון דער יידישער נגינה אין קיום היהדות — — — — — — — — — — — — — — — 189

מוזיק אין אַלגעמיין. מוזיק אַלס שפּראַך. זינגער, שפּילער און דעקלאַמאַטאָרן פון ליטעראַרישע ווערק. מוזיק און לי־טעראַטור. די אָפּשטאַמונג פון וואָרט מוזיק. די דריי אָנער־קענטע וועלט־מעלאָדיעס. רעליגיעזע געזאַנגען. מוזיק אַ געהילף צו דער שפּראַך. וואָס איז יהדות, גלות נגינה ביז עבודת אלהים אין דער מדבר. חצוצרות. דער ריטם אין דער נגינה. געטלעכער כח אין דער נגינה. דער איינ־האַלט פון יידישער שירה. די יידישע אמונה. כלל און יחיד. נגינה ביז צו דער מדרגה פון תורה. תקנות צו לייע־

נען תורה און נביאים אין די שולן און ביחידית. תפילה און נגינה. די נסחאות פון שלש רגלים און פון ימים נוראים. די יידישע פאָרעם פון איבערגעבן נגינה בירושה. אַרכעאָ־לאָגישע אויסגראָבונגען: ווי מען האָט געלערנט און גע־נוצט מוזיק אין כינע, זייערע נעמען און פאָרשטעלונגען. ביי יידן איז דער מענטש וואָס טראָגט די גייסטיקע ירושה, ניט דער אינסטרומענט, נאָר די מוזיק גופא. מוזיק איז ביי די יידן אַ סטימול צו אַ גרויסן ציל. אין גלות האָבן די תפלות פון זיך זעלבסט אַרויסגעגעבן זייער נגינה. נגינות פון קבלת שבת, פון שבת פרי און מנחה. נגינות אין יידישן קאָלעקטיוון און פּריוואַטן לעבן. די השפעה פון דער נגינה אויף דער יידישער גייסטיקער ענערגיע.

צווייטער טייל

קאפּ. 1 - ת ה ל י ם — — — — — — — — — — — — 203

ספר תהלים. תהלים דער בעסטער יידישער פריינד. וואָס די מענטשהייט וואָלט זיך דערוואוסט ווען דער תהלים וואָלט געקאָנט רעדן. חנוכת הבית פון ערשטן בית המקדש. די יידישע דראַמע: גלות'ן. תהלים אַלס טרייסט און האָפענונג פאַר די יידן אין גלות. תהלים ווי אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און די יידן. תהלים אין דאַווענען. תהלים זאָגן ביי יידן ווי תורה לערנען. חברות תהלים צו זאָגן אַלע טאָג אַ יום תהלים.

קאפּ. 2 - די אָרדענונג פון די קאַפּיטלען פון ספר תהלים — — 211

די נעמען פון די קאַפּיטלען, די נעמען פון די טראָפּ. די אַמאָליקע מוזיקאַלישע טערמינאָלאָגיע. ווי מען האָט אַמאָל געזונגען תהלים אין בית המקדש. די נעמען פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. די נעמען פון די מעלאָדיעס. די איינטיילונג פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

קאפּ. 3 - תהלים ווי אַ דאָקומענטאַציע פון יידישן גייסטיקן לעבן. היסטאָרישע געשעענישן און דערציאונג — — — — — — — — — — — — — — 221

אַנאַליז פון די מזמורים פון תהלים. די מזמורים וואָס מען האָט געזונגען אין ערשטן און צווייטן בית המקדש אין די באַשטימטע פייערטעג, פון ראש־חדש, ימים טובים און נאַציאָנאַלע פייערטעג. די פאַרערונג פון יידישן פאָלק צו זיין קעניג. די ניי־יאָר פייערונג (ראש השנה) אין ארץ־ישראל. די חתונה פון אַ יידישן פרינץ אין ארץ־ישראל.

קאפּ. 4 - אייגנאַרטיקע פּאָעזיע און מוזיק אין תהלים — — — — — 231

די צוויי גרויסע גאָטס מתנות צו די מענטשן. מיינונגען וועגן פּאָעזיע און מוזיק: וואָלטעיר, לאַמאַרטינאַ, שעקס־

פּיר, דעשאַמפּס. יידישע קלאַסישע פּאָעזיעס. די הנאה פון אַ ניגון, נגינה לויט קבלה. חסידישע מוזיקאַלישע טער־מינאָלאָגיע. שירה און זמרה ביי יידן. די ווירקונג פון נגינה ביים מקריב זיין קרבנות. תורה וועגן קרבנות. רמב״ם וועגן קרבנות, נביאים וועגן קרבנות. די ווירקונג פון די באַשטימטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן ביים מקריב קרבנות. וידוי ביי מקריב זיין קרבנות.

קאַפּיטל פינף

קאַפּ.5 - ווי מען זינגט די מזמורים פון תהלים אין די פאַרשידענע יידישע צענטערן — — — — — — — — — — 243

די פאַרשידענע פאָרמען ווי מען האָט געזונגען די מזמו־רים אין בית המקדש. די עמערגענץ צו פאַרבאָטן צו זינגען און הערן זינגען די אויטענטישע נגינה פון די מזמורים נאָכן חורבן בית שני. די אויטענטישע נגינה פון תהלים ביי די יידן פון תימן און פון בבל. קאַפּיטל קמ״ד לדוד ברוך און די לעגענדע: דער רייזנדער בנימין פון טודעלאַ. עזרה הסופר און די יידן פון תימן. פאָלקס נגינה ביי תימנער יידן. טענץ ביי יידן.

קאַפּ. 6 - תהלים אין דער קירכע — — — — — — — — — — — — 261

תהלים דער יסוד פונעם קירכלעכן קולט. דער פאַרגלייך פון זייער נגינה מיט די פּרימיטיווע נגינות פון די יידן פון בבל און תימן. פעטער וואַגנער און זיין בוך: „די גע־בורט פון די גרעגאָריאַנישע געזאַנגען". ישו, דעם לעצטן אָוונט פאַר זיין קרייצונג. פילון פון אַלעקסאַנדריע. מילמאַן און זיין געשיכטע פון קריסטנטום. וויברעל, אין זיין בוך: „מוזיק און רעליגיע". די פאָרעם פון זינגען די מזמורים פון תהלים אין דער קירכע. דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס. די באַפעלן פון די ערשטע עלטסטע פון דער קירכע וועגן תהלים. קריסוסטמוס וועגן די נייע גלויביקע. אַמבראָזיוס וועגן תהלים. דער פאַרבאָט פון די עלטסטע גייסטלעכע פון דער קירכע צו שפּילן אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענ־טן, ווען מען זינגט די מזמורים פון תהלים. סאַן קלעמענט און די מזמורים פון תהלים. סאַן אַמבראָסיאָ, סאַן אויגוסט, סאַן פּעדראָ, סאַן גרעגאָריאָ און זיין „אַנטיפאַנאַריאָ". די נייע אַריינגעקומענע תפלות און נגינות אין קירכע. די

קירכע אַלס קינעמאַטאָגראַפישער אַפּאַראַט אויפצוכאַפּן אַלע אַספּעקטן פון לעבן. דער פּויפּסט חוליאָ דער דריטער און פּאַלעסטרינאַ. די נגינות פון דער קירכע ביז דעם 18טן יאָרהונדערט. סעבאַסטיאַן באַך און הענדל. געטהע און די דייטשע מאָראַל. די פוגאַס פון באַך אין קלויסטער. דייטשער מענטאַליטעט און באַרבאַריזם. די פּרימיטיווע קירכן־געזאַנגען — אויטענטיש יידישע.

אַרײַנפֿיר פֿון מחבר

אַ וואָרט פון מחבר

דער ציל פון דעם דאָזיקן בוך איז צו באַקענען דעם אַלגעמיי־נעם לייענער מיט דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון די יידישע תפילות און דער יידישער נגינה אין ליכט פון דער יידישער גע־שיכטע.

מיר וועלן אָנהייבן פון דער צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק איז געזעסן אין זיין אייגן לאַנד, אין ארץ ישראל, פירנדיק אַ לעבן פון אַן אומאָפּהענגיק פאָלק אויף אייגענעם באָדן און שמידנדיק זיין אייגנאַרטיקע קולטור. און דערנאָך וועלן מיר איבערגיין צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער נגינה אין גלות, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט שוין געלעבט אין דער צעשפּרייטקייט צווישן די אומות העולם, אָבער דאָך ווייטער פאַרגעזעצט די אַנט־וויקלונג פון זיין באַזונדערער קולטור אונטער די פאַרשידענע קלי־מאַטישע, געאָגראַפישע און סאָציאַלע באַדינגונגען און ביי אוי־סערגעוויינטלעך שווערע און טראַגישע איבערלעבונגען.

די צעשפּרייטקייט פון דעם יידישן פאָלק איבער דעם גאַנצן ערד־קיילעך נאָכן חורבן פון צווייטן בית המקדש האָט גורם געווען, אַז דאָס גייסטיקע יידישע לעבן זאָל פאַרלירן זיין איינהייטלעכקייט בנוגע שפּראַך, טראַדיציע און דורכדעם איז אויך די מענטאַליטעט פון די פאַרשידענע צעשפּרייטע גרופּעס פון יידישן פאָלק געוואָרן פאַרשידן ביי יעדער פון זיי, אָפּהענגיק פון די גייסטיקע, עקאָנאָ־מישע, סאָציאַלע און אַנדערע באַדינגונגען אין זייערע באַזונדערע ווינערטער.

דאָך איז דער שאַפונגס־גייסט פון יידישן פאָלק געווען אַזוי

גרויס אין אַלע צייטן, ווי גרויס עס איז גאָטס וועלט. און וואו נאָר אַ פלאַץ וואו יידן האָבן זיך באַזעצט, דאָרט האָבן זיי גלייך אָנגע־הויבן צו בויען און צו שאַפן פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין און דערביי אויך ניט אויפגעהערט צו פלעגן די אייגענע גייסטיקע ווערטן. און אַזוי זיינען געשאַפן געוואָרן גרויסע מאָנומענטאַלע יידיש־גייסטיקע אוצרות און אַזוי איז אויך איבערגעפלאַנצט גע־וואָרן די אַלטע נגינה און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ ספּעציפיש יידישע גלות־נגינה.

כדי צו שרייבן דאָס דאָזיקע בוך, האָב איך זיך באַמיט צו באַ־קענען מיטן גרויסן פאַרשפּרייטן יידישן גלות, מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען, כאַראַקטער, שפּראַך, באַשעפטיקונגען, קולטור, טראַ־דיציעס און אויך די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען פון יעדן לאַנד באַזונדער וואו יידן האָבן געלעבעט, געליטן און געשאַפן זייער קולטור.

איך האָב זיך אויך באַמיט אַריינצודרינגען אין דער גרויסער יידישער פאַרצווייגטער שאַפונגס־קראַפט פון דורות, כדי אַרוים־צוציען פון דאָרט, די דינינקע גאָלדענע נגינה־געוועבן פון יעדן לאַנד, פון יעדן קבוץ און קהלה, וואו יידן האָבן געלעבט און געשאַפן, כדי פון דעם צו שאַפן אַ פיל קאָלירטן טעפּיך וואָס זאָל הייסן: תפילות און נגינות ישראל. די שוועריקייט פאַר מיין אַרבעט איז באַשטאַ־נען אין דעם, וואָס דאָס יידישן פאָלק האָט אין משך פון די קאַרגע צוויי טויזנט יאָר פון זיין גלות געלעבט אויף אַן אונטערוועגנס־צושטאַנד, אַן אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס...

מען האָט געמוזט נאָכגיין דער היסטאָריע פון די יידן אויף דער באַוועגלעכער טעריטאָריע וואָס הייסט גלות, טראָט נאָך טראָט, קלויבן און אויסקלויבן די פאַרשידענע טענער וואָס דער יידישער גייסט און די יידישע געפילן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן.

ביים זאַמלען די נויטיקע מאַטעריאַלן וועגן דער נגינה פון יידישן פאָלק, פון דער תקופה איידער עס האָט זיך פעסט באַזעצט אין אייגענעם צוגעזאָגטן לאַנד, און אפילו ווען דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט סטאַביל אין ארץ ישראל, זיינען די שוועריקייטן גע־ווען טאָפּלטע:

א) אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור געפינען זיך ניט קיין שום ספעציעלע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער נגינה און אַוודאי ניט קיין שום טעאָריע פון נגינה, אָדער כאַראַקטעריסטיק פון די פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס זייערע נעמען ווערן אפילו אויס־גערעכנט און דערמאָנט אין תנ״ך.

ב) אונדזערע נביאים האָבן געשאַפן אייביקע ווערטן פאַר סאָציאַלן יושר, צדק ומשפט. אונדזערע חכמים האָבן געשאַפן מאָנומענטאַלע ווערק, וועגן הלכה און אגדה. אונדזערע היסטאָריקער האָבן געשריבן וועגן אונדזערע באַפרייונגס פּראָצעסן, וועגן אונדזער אויפשטייג אַלס סואווערען פאָלק אין די צייטן פון די מלכים שאול, דוד, שלמה און אַנדערע. אונדזערע קאַמפן מיט די שכנים פעלקער, אונדזער אויפשטייג און פאַלן און די פאַרשידענע מלחמות אין אונדזער לאַנד, ווי אויך אונדזער שאַפן און גייסטיקע דערגרייכונגען אין גלות. אונדזערע שרייבער האָבן דאָס אַלץ אָפּגעשפּיגלט אין זייערע ווערק אויף פאַרשידענע אופנים. קיינער האָט אָבער ניט דערמאָנט אונדזער מוזיק אַלס אַזעלכע. זי ווערט בלויז דערמאָנט ווי פאַרבייגייענדיק, ווען עס ווערט גערעדט וועגן די כהנים און לויים און דער מוזיק אין בית המקדש, אָדער וועגן פאַמיליערע פאַרוויילונגען, קעניגלעכע הויפן, הויכער געזעלשאַפט און פאַרוויילונגס־הייזער.

די „טראָפּ״ (די אַלטע נאָטן) וואָס עזרא הסופר האָט געבראַכט פון בבל צו זינגען דעם תנ״ך. און שפּעטער די טעמי־טבריה, (די יידישע נאָטן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין טבריה אין 10טן יאָרהונדערט נ״ק) זיינען אויך ניט גאַנץ קלאָר אויף צו קאָנען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אַזוי האָט מען אַמאָל געזונגען דעם תנ״ך אין ארץ ישראל, ווייל מען זינגט עס איצט פאַרשידן און מיט פאַרשידענע וואַריאַציעס אין די פאַרשידענע קהלות אין גלות.

די יידישע פאַרצייטיקע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גלות, רעדט בכלל גאָר ניט וועגן יידישער נגינה אַלס אַזעלכע, כאָטש עס איז געשאַפן געוואָרן און עס איז דאָ אַ רייכפאַרביקע יידישע נגינה בכל תפוצות ישראל.

אונדזערע גדולים האָבן געשריבן גרויסע אָפּהאַנדלונגען וועגן

תלמוד און הלכה, שאלות און תשובות. אויך וועגן אַלערליי רעלי־גיעזע און כלל־ענינים, אָבער וועגן נגינה, וועגן יידישער נגינה אַלס נגינה האָבן זיי ניט געשריבן, זיי האָבן נאָר דערלויבט און פאַר־באָטן צו הערן מוזיק אין די פאַרשיידענע צייטן פון יידישן יאָר.

אונדזערע מוזיקאַלישע גאונים פון דער מאָדערנער צייט, אונ־דזערע גרויסע ווירטואָזן אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, האָבן געמוזט לערנען מוזיק ביי די אומות העולם. זיי האָבן שפּעטער פאַר די פעלקער געשאַפן וואונדערבאַרע מוזקאַלישע ווערק. די ווירטואָזן האָבן פאַר די פעלקער געשפּילט, זיי פאַרשאַפט הויכן קינסטלערישן גייסטיקן גענוס, און נאָכן טויט פאַרבליבן אַלס זייע־ריקע, איבערלאָזנדיק פאַר אונדז, גאַנץ אָפט אַ היבש ביסל פאַר־ביטערונג און ווייטיק...

וועגן אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער יידישער נגינה אין ארץ־ישראל, קאָן מען דורך פיל שוועריקייטן און השערות, דורך זוכן און נישטערן אין די גאָר אוראַלטע און אַלטע ליטעראַטורן, איי־גענע און פרעמדע, זיך שאַפן אַ באַגריף פון דער יידישער מוזיק פון אַמאָל, איבערהויפּט נאָך די דורכגעפירטע פאָרשונגען אַף דעם דאָזיקן געביט פון אידעלזאָן און אַנדערע...

דאַקעגן וועגן דער יידישער נגינה אין גלות האָבן מיר ניט קיין קוועלן, און דער פאָרשער מוז נאָכגיין טריט נאָך טריט נאָכן יידי־שן פאָלק אין גלות. כדי צו קאָנען אויפכאַפּן און אַריינגעמען די אַלע טענער וואָס האָבן אַרויסגעקלונגען פון דער יידישער פאָלקס נשמה.

מען מוז אויסהערן דעם בעל תפלה, דעם חזן, משורר, קלעז־מער, בדחן, זאַגערקע, אַקטיאָר, בעל קורא, מלא מאכער, צדק־הדין זאָגער, דעם אַרבעטער באַ זיין אַרבעט, די מאַמע ביים פאַרוויגן דאָס פּיצעלע קינד, די ליבעס־לידער א. אַ. וו. און פון זיי אַלע אַרויסציען די זילבערנע און גאָלדענע קלאַנגען פון יידישער אמונה און בטחון, פון יידישער קדושה, פון יידישער פרייד און האָפענונג, פון יידישן צער און צאָרן, פון יידישן אייגנאַרטיקן הומאָר, פון יידישן אָרט לעבן און טראַדיציע, און פון דעם אַלעמען אויפצו־שטעלן און צונויפצושטעלן די יידישע נגינה פון גלות.

כדי צו שרייבן וועגן אידישער נגינה און תפילה איז נויטיק צו באַלייכטן יעדע היסטאָרישע באַוועגונג און יעדע סאָציאַלע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די יידן און וואָס האָט געשאַפן נייע קלאַנגען, נייע צוזאַמענבינדונגען פון טענער לויט די נייע געשאַפענע סיטואַציעס און סאָציאַל-היסטאָרישע באַדינגונגען. ווייל מוזיק דריקט אויס אַלע געשעענישן פון דעם לעבן פון יעדער תקופה באַזונדער דורך קלאַנגען, פונקט ווי ליטעראַטור טוט עס דורך ווערטער.

מיין בוך פרעטענדירט ניט צו זיין קיין געשיכטע פון יידישער נגינה אין די ענגע ראַמען פון דער באַהאַנדלטער מאַטעריע. ערשטנס ווייל ניט דאָס איז דער ציל פון דעם בוך און צווייטנס, ווייל איך בין אויסן געווען צו באַהאַנדלען אַ סך זייטיקע אַספעקטן און פאַקטאָרן פון יידישן לעבן, זינט יידן האָבן זיך פאָרמירט אַלס פאָלק.

איך האָב זיך אויך באַמיט אין דעם בוך אויסצומיידן די שווערע מוזיקאַלישע טערמינען, כדי עס זאָל זיין לייכטער און צוגענגלעכער פאַר יעדן לייענער.

איך וויל האָפן, אַז די וואָס וועלן לייענען דאָס דאָזיקע בוך וועגן יידישער נגינה און תפלה, וועלן קאָנען לייכט אַריינדרינגען אין אונדזער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און אין אונדזער קעגנוואַרט, און אַזוי אַרום זיך באַקענען מיט די ברייטע האָריזאָנטן פון יידישן לעבן און שאַפן פון דור דורות.

און דאָס וועט זיין מיין גרעסטע דערגרייכונג און דאַנק פאַר מיין אַרבעט.

י. ל. חדקל

אַריינפיר

פון די אַלע אייגנשאַפטן גייסטיקע און פיזישע, מיט וועלכע די נאַטור האָט באַשאָנקען דעם מענטשן און מיט וועלכע דער מענטש האָט זיין קולטור געשאַפן, צייכענען זיך אויס פאָלגנדע: מחשבה־געדאַנק, וואָרט, אידעאַס, מוזיק (קלאַנגען) מימיק (אויסדרוקפולע באַוועגונגען פון קערפער און אברים) און טענץ, (ריטמישע קערפערלעכע באַוועגונגען).

די אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן האָט דער מענטש זייט טויזנטער יאָר געטאָקט, געפיילט, געפולירט און פערפעקציאָנירט, כדי צו מאַכן מעגלעך, אַז זיי זאָלן געטריי און פינקטלעך דערפילן און אויספירן זיינע געדאַנקען, זיין ווילן, מחשבה און ווונטשן.

אָט די אַלע אָנשטרענגונגען האָבן דערמעגלעכט דעם מענטשן צו דער־הויבן זיינע פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן צו אַ געוויסער מדרגה פון פערפעקציע. אָבער נישט אַלע מאָל קאָן דער מענטש זיי באַנוצן זעלבשטענדיק. ווייל כדי צו ברענגען צום אויסדרוק זיין מחשבה, זיין אידעאַ, מוז דער מענטש אָנקומען נאָך הילף צום וואָרט, צו מימיק און אָפט צו ריטמישע קערפערלעכע באַוועגונגען (טענץ).

צו מאַכן שאַרפער און קרעפטיקער דאָס וואָרט, מוז מען אָנקומען צו מוזיק, מימיק און לאָגיק.

צו אַרויסרופן די געהעריקע גייסטיקע עמאָציע דורך טענץ, מוז מען אָנקומען, צו ריטם, מוזיק און מחשבה.

די מחשבה איז בכלל דער גייסטיקער מאָטאָר וואָס ברענגט אין באַוועגונג די אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, „סוף מעשה במחשבה תחילה".

די איינציקע אייגנשאַפט, וואָס דער מענטש האָט דערהויבן צו דעם העכסטן גראַד פון פערפעקציע און זעלבשטענדיקייט, צו קאָנען ווירקן און באַגייסטערן, אויסדריקן געדאַנקען און איבערלעבונגען, אָן דער מיטהילף פון אַנדערע אייגנשאַפטן, איז מוזיק.

פון מוזיק ווערט מען באַגייסטערט און עמאָציאָנירט, באַאיינפלוסט און דערהויבן, אין וואָס פאַר אַ גייסטיקן און פיזישן צושטאַנד מען זאָל זיך געפינען.

מוזיק איז בכוח צו ווירקן דירעקט אויף דער מענטשן, צו באהערשן זיינע געפילן און זיינע רמ"ח אברים.

מוזיק רופט ארויס ביי די מענטשן א שטימונג פון אייניקייט און גלייכהייט. הויבט זיי ארויס פון זייער וואכעדיקייט, פון זייער פארהאַ־וועטקייט, פון זייער הור־הא לעבן, פון זייער צעטראגנקייט, פון זייער ווירקלעכקייט, קאנצענטרירט זייערע געפילן און פירט זיי אריין אין א וועלט פון שיינקייט, גלייכקייט און גוטסקייט, אין א וועלט פון כלו טוב.

און דערפאר איז דא מוזיק אומעטום און ביי אלע אומשטענדן, ווו מענטשן געפינען זיך, אין קלויסטער ווי להבדיל אין שול, אין טעאטער, גרויסע פארזאמלונגען, מיליטערישע גענג, אויך רעסטאראנען, בארס, חתונות, פאמיליען־פארוויילונגען, פאלקס־פארוויילונגען, לוויות א. א.

*
**

ביי די גאר אלטע פעלקער האט זיך מוזיק גערעכנט ווי א געטלעכע דערשיינונג. ביי זיי איז געווען אנגענומען, אז מוזיק און נבואה זיינען לייבלעכע שוועסטער און זיי שטאמען ביידע פון גאטס גייסט.

ביי די אלטע פרימיטיווע פעלקער האט זיך די מוזיק אנטפלעקט צו די פאסטוכער, וועלכע זיינען שטענדיק נאענט צו דער נאטור. אונטערן פרייען הימל, צווישן בערג און טאלן, כאפן זיי אויף יעדן קלאנג און אפקלאנג, ווערן באגייסטערט פון דעם שיינעם ארום און נישט האבנדיק מיט וועמען צו טיילן זיך מיט די עמאציאנירנדיקע איינדרוקן, זינגען זיי, דאס הייסט, די עמאציע זינגט פון זיי ארויס. און כדי צו ברענגען צום אויסדרוק זייערע געפילן און זייער באגייסטערונג, האבן זיי געמאכט לויט זייערע מעגלעכקייטן און פעיקייטן פרימיטיווע מוזיקאלישע אינ־סטרומענטן, ווי הארפן, פייפלעך וכדומה און אויף זיי עס אויסגעשפילט.

מיט דער צייט איז צוגעקומען צו די אינספיראציעס אויך די בענק־שאפט נאך געזעלשאפט, נאך אייגענע נאענטע און טייערע, וועלכע געפינען זיך ווייט פון זיי, און עס זיינען געשאפן געווארן לידער און מעלאדיעס, אין וועלכע זיי האבן אויסגעדריקט זייערע איבערלעבונגען און בענקשאפט.

ווען זיי האבן זיך צוריקגעקערט א היים מיט זייערע סטאדעס שאף, האבן זיי עס געטאן זינגענדיק און שפילנדיק אויף זייערע הארפן און פייפלעך. די איינוווינער פון די ישובים האבן אויפגעכאפט די לידער און מעלאדיעס און האבן זיי געזונגען ביי אלע אנגעלעגנהייטן, מיט דער צייט איז עס אויסגעברייטערט געווארן און פארוואנדלט געווארן אין פאלקס מוזיק.

***

א פאָלק איז פאָרמירט געוואָרן אויף א לאנד, וווּ אַן אוראַלטע משפּחה האָט זיך געהאַט באַזעצט און קולטיווירט, זיך נאַטירלעך פאַרמערט ביז פון דער ערשטער פּרימיטיווע מישפּחה זיינען אנטשטאַנען מערערע משפּ־חות, פון וועלכע ס'האָט זיך מיט דער צייט פאָרמירט א שבט. דער שבט האָט זיך געמערט און האָט זיך געטיילט אויף מערערע שבטים און די מערערע שבטים אויף נאָך שבטים, פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעפאָר־רעמט א מדינה.

די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען פון לאַנד, וווּ זיי האָבן געלעבט און זיך געמערט, זייער שפּראַך און זייערע געוווינהייטן, האָבן געהאָלפן צו האַלטן פאַראייניקט די אַלע שבטים. דער קלימאַט פון לאַנד האָט געלייגט זיין חותם אויף דעם אויסזען פון די מענטשן און האָט זיי פאַרברידערט. די אָרגאַניזאַציע פון פאָלק האָט שטופנווייז און לאַנגזאַם זיך אַנטוויקלט ביז זי האָט דערגרייכט די פאָרם פון א שטאַט, מדינה, מיט אַלע אירע אַטריבוטן.

די קולטור, די אַלע פיזישע און גייסטיקע שאַפונגען פון פאָלק אויף זיין לאַנד, זיינען זיך צעוואַקסן דורך דער צייט, פּונקט ווי עס זיינען זיך צעוואַקסן די ביימער און געוויקסן פון לאַנד.

די ערד איז געוואָרן באַליבט און טייער ביים פאָלק מער ווי זיין אייגענער לעבן, ווייל עס גיט אים חיונה, ווייל דאָס איז זיין היים, ווייל ער איז דער בעל הבית, ווייל עס גיט אים לופט צו אָטעמען, דאָס איז די הייליקע ירושה פון זיינע עלטערן, ווייל דאָס איז דאָס וויגעלע פון זיין פאָלק, פון זיין קולטור, און ווייל עס האַלט פאַראייניקט, פאַרברידערט דאָס גאַנצע פאָלק.

אזוי האָט יעדעס פאָלק — שטופנווייז און לאַנגזאַם — געשאַפן, אַנטוויקלט און קולטיווירט זיין אייגנאַרטיקע מוזיק, וועלכע ער האָט אין א צייט פון דורות, געפיילט, געפּולירט, געטאַקט און פּערפעק־ציאָנירט.

דורך דער מוזיק דריקט אויס יעדעס פאָלק די פרייד פון לעבן, די נצחונות און מפּלות פון די קאַמפן מיט די שכנים און מיט דער נאַטור, זיינע ליידן און איבערלעבונגען ביז צו די קלענסטע ניואַנסן.

מיט דער צייט איז די געשאַפענע מוזיק געוואָרן די מוזיק פון גאַנצן פאָלק, די נאַציאָנאַלע מוזיק וואָס ווערט אָפּגעהיט און קולטיווירט פון אַלע בירגער מיט באַזונדערער ליבע און צערטלעכקייט.

די נאַציאָנאַלע מוזיק איז אזוי אַרום געוואָרן דער גייסטיקער שפּיגל פון יעדן פאָלק באַזונדער, אין וועלכן מען קאָן זען קלאָר און דייטלעך, דעם כאַראַקטער פון פאָלק, זיין דערציאונג, זיינע קולטורעלע דערגרייכונ־גען און זיין לעבנס ניוואָ.

די נאַציאָנאַלע מוזיק איז אויך צו דער זעלבער צייט, דער גייסטיקער

פּאַספּאָרט פון יעדן פאָלק. הערנדיק די מוזיק, דערקענט מען גלייך צו וואָס פאַר אַ פאָלק זי געהערט. ווייל אין דער מוזיק קומט צום אויסדרוק, ווי געזאָגט, די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון יעדן לאַנד.

***

פון גאָר די אַלטע צייטן האָט זיך דאָס קולטורעלע לעבן פון פעלקער אויסגעפורעמט און אַנטוויקלט אין דער באַציונג פון דעם מענטש צו זיין גאָט וואָס ער האָט זיך געשאַפן.

דורך דעם געפיל פון פאַרערונג און דעם באַגער צו געפינען חן ביי זיין גאָט, האָט זיך דער מענטש געפלייסט צו אויסבעסערן זיך, אויסצו־היטן זיך פון צו טאָן שלעכטע טאַטן און צו לעבן אַ רויק אָרנטלעך לעבן.

דאָס איז געווען דער ערשטער טריט צו מאָראַל און קולטור, מיט וואָס דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך אונטערשיידט פון דער חיה.

אין פאַרלויף פון צייט איז געקומען די שטרעבונג פון די מענטשן צו האָבן זייער גאָט נאָענט לעבן זיך, כדי ער זאָל צו יעדער צייט קאָנען קומען צו אים בעטן דאָס גוטיקסטע ווי אויך אויסצודריקן זיין דאַנק און לויב פאַר דעם גוטס וואָס זיין גאָט האָט צו אים געטאָן.

צו דעם צוועק האָבן די מענטש אויסגעבויט פאַר זייער גאָט אַ וווינונג, אַ טעמפּל, וווּ ער זאָל רוען און זיך שטענדיק געפינען.

די טעמפּלען, גאָטס וווינונגען אויף דער ערד, האָט דער מענטש שטענדיק געזוכט צו באַצירן און פאַרשענערן, כדי בעסער צו געפעלן זיין גאָט.

צו בעטן צו זיין גאָט, אָדער צו דאַנקען און לויבן אים, האָט דער מענטש באַגלייט זיינע לויב און געבעט ווערטער מיט מוזיק און מיט רימטמישע באַוועגונגען, — מיט טענץ.

אַזוי אַרום זיינען געשאַפן געוואָרן ביי די פעלקער רעליגיעזע מוזיק, שיינע מעלאָדיעס מיט ווערטער (תפלות) און אויך מעלאָדיעס אָן ווערטער, געזונגען און געשפּילט אויף זייערע פּרימיטיווע מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן.

צו געפעלן זייער גאָט און צו פאַרשאַפן אים שטענדיק אַ נחת רוח, האָט זיך ביי די מענטשן אַנטוויקלט דאָס געפיל פון מאָראַל, יושר, צדק, און משפּט, ווייל גאָט וויל אַזוי. צוליב דעם זיינען מיט דער צייט גע־שאַפן געוואָרן דינים און מנהגים, צו וועלכע די מענטשן האָבן זיך צוגעהערט און געפאָלגט.

אין די טעמפּלען זיינען אויך געשאַפן געוואָרן פאָרמעס און נאָרמעס

ווי אַזוי דורכצופירן קאָלעקטיווע תפילות און לויב־געזאַנגען צו גאָט. צו דעם צוועק זיינען באַשטימט און אויפגענומען געוואָרן ספּעציעלע טעמפּל־באַאַמטע, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צוצוגרייטן און דורכצופירן אַלע פייערלעכקייטן אין די טעמפּלען.

**
*

צו די נגינות פון די פּאַסטוכער זיינען צוגעקומען די ערשטע פּרימיטיווע טענער־מעלאָדיעס, געשאַפן פון די ערשטע פּרימיטיווע משפּחות וועלכע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס־געזאַנגען דורך דעם וואָס זיי זיינען פאַרברייטערט און ריטמיזירט געוואָרן צו קאָנען אויסדריקן די נייע צוגעקומענע געפילן און איבערלעבונגען.

אַזוי איז אַנשטאַנען די רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און פאָלקס נגינה ביי די פאַרשידענע אַלטע פעלקער, וועלכע איז שפּעטער מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טראַדיציאָנעלע נגינה ביי אַלע מאָדערנע פעלקער.

ערשטער טייל

קאפּיטל איינס

מוזיק ביי יידן אין דער אור אַלטער צייט

יובל. די אַנטפּלעקונג פון מוזיק צו פּאַסטוכער. חצוצרות אין דער מדבר. גבעת האלהים און שמואל הנביא. מוזיק אַלס מיטל צו היילן גייסטיק קראַנקע. שאול און אלישע הנביא. מוזיק אין די צייטן פון דוד און שלמה.

אין דער תורה ווערט דערמאָנט, דער פּאַסטוך פון שאָף און רינדער און דער שפּילער אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן צוזאַמען, ותלד עדה את יבל הוא היה יושב אהל ומקנה, רועי צאן ובקר, ושם אחיו יובל, הוא היה אבי כל תפש כנור ועוגב. (בראשית ד׳ כ״א) און עדה האָט גע־בוירן יבל, איז ער געווען אַ פּאַסטוך, געפּיטערט שאָף און רינד, און זיין ברודער יובל איז געווען דער פּאָטער (לערער) פון אַלע וואָס קאָנען האַלטן אַ כנור און עוגב. אַ נאַטירלעכע מענטשלעכע דערשיינונג, אַ מאַמע האָט געבוירן צוויי קינדער, איז איינער געווען אַ מוזיקער, און דער צווייטער אַ פּאַסטוך, צוויי נוצלעכע עלעמענטן אין לעבן פון יענע צייטן.

דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל, דער שפּעטערדיקער פּאַקטישער גרינדער פון דער יידישער מלוכה, איז אין דער יוגנט געווען אַ פּאַסטוך וואָס האָט געפּיטערט זיין פּאָטערס שאָף און צו דער זעלבער צייט איז ער געווען פון די באַגאַבטסטע כנור שפּילער פון יענער צייט.

ביי יידן, ווי ביי אַלע אַלטע פעלקער פון יענער צייט זיינען מוזיק און נבואה געווען ווי צוויי גייסטיקע שוועסטער, און האָבן זיך געקאָנט געפינען אין איין פּערזאָן, ווייל „חוזה״ האָט באַדייט, נביא און מוזיקער, חוזה המלך. (דברי הימים א׳ כ״ה).

פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די יידן האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר האָט מען באַנוצט די „חצוצרות״, זילבערנע מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן פאַר סיגנאַלן, מיט וועלכע מען האָט דיסציפּלינירט די יידן און אָנגעפירט מיט זיי. ווען מען האָט געבלאָזן אין ביידע חצוצרות, האָבן זיך אַלע יידן באַדאַרפט צושטעלן צום אהל מועד. אויב מען האָט גע־בלאָזן אין איין חצוצרה האָבן זיך געדאַרפט צושטעלן נאָר די עלטסטע.

אז מען האָט געבלאָזן אַ תרועה, האָבן זיך געריִרט אין גאַנג די וואָס האָבן גערוט אין קדמה. אַ צווייטע תרועה, האָט זיך באַוועגט אין גאַנג די מחנה וואָס האָט גערוט אין תימן, א. אַ. וו״ייטער (במדבר ט׳ י׳). שפּע־טער איז צוגעקומען דער שופר, געמאַכט פון אַ האָרן פון אַ באָק, אַלס שלאַכט־סיגנאַל.

דאָס יידישע פאָלק האָט צוגעגעבן אַ סך וויכטיקייט צום שופר. מיטן קול פון שופר האָט זיך גאָט באַוויזן צו די יידן אויפן באַרג סיני: ויהי קול השופר הולך וחזק מאוד (שמות י״ט), דורך דעם שופר האָבן די יידן געהערט די געטלעכע שטים פון גאָט: עלה אלהים בתרועה א״ד בקול שופר. דאָס ספּעציפישע קול פון שופר מאַכט ציטערן דאָס פאָלק: אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרד? פרעגט דער נבאי עמוס; מיטן שאַלן פון זיבן שופרות איז איינגעפאַלן די פעסטונג פון יריחו (יהושע י׳); גדעון און זיין מיליטער האָבן געבלאָזן שופר צו מאַכן ציטערן די מחנה פון מדין, (שופטים ז׳ ז׳); דוד המלך האָט געבראַכט דעם ארן האלהים אין עיר דוד בתרועה וקול שופר; אין די טעג פון ראש השנה און יום כפור בלאָזט מען שופר; אין אַ יובל־יאָר בלאָזט מען שופר; גאַנץ חדש אלול בלאָזט מען שופר צו דערוועקן די יידן צו תשובה; ווען עס האָט געפעלט רעגן אין ארץ־ישראל, האָט מען געבלאָזן שופר, אַזוי אויך ביים מקדש זיין דעם חדש. ביים מחרים זיין מענטשן. ערב שבת האָט מען אין ארץ־ישראל געבלאָזן זעקס תרועות, כדי אַלע קלאַסן אַרבעטער זאָלן אָפּשטעלן זייער אַרבעט, און דאָס יידישע פאָלק וואַרט אויף שופר של משיח, וואָס וועט ברענגען שלום און גליק אויף דער וועלט.

***

אין די צייטן פון די שופטים האָט שוין די יידישע מוזיק שטאַרק פּראָגרעסירט. אין גבעה טרעפט מען שוין אַ גאַנצע מוזיקאַלישע אַקאַדע־מיע און פיר מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: נבל, תוף, חליל און כנור.

שמואל הנביא זאָגט צום קינפטיקן מלך שאול: בלכתך היום מעמדי ופגעת חבל נביאים יורדים מהבמה, ולפניהם נבל ותף וחליל וכנור והמה מתנבאים (שמואל א׳ י׳). אַז דו וועסט אַוועקגיין פון מיר, וועסטו באַ־געגענען אַ קאָמפּאַניע נביאים, וועלכע נידרען אַראָפּ פון דער „במה״ און פאַר זיי, אַ האַרף, אַ פּייקל, אַ פייפל און אַ כנור, און זיי זאָגן נביאות.

נביאות און מוזיק, ווי געזאָגט, זיינען געווען ווי צוויי גייסטיקע שוועסטער. ביידע האָט מען גערופן מיטן זעלבן נאָמען. נביא איז געווען דער וואָס האָט געשפּילט אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, און נביא האָט אויך געהייסן דער יעניקער וואָס האָט געזאָגט נביאות. אין דעם פאַל פון שאולן מיינט מען טאַקע שפּילער.

אויף ווי ווייט עס האָט זיך צעבליט די יידישע נגינה אין יענער צייט,

קאָן אונדז דינען דער פאַקט אַז מען האָט זי געוואוסט ווי באַנוצן צו היילן מעלאַנכאָליש קראַנקע.

ווען דער ערשטער קעניג שאול ווערט קראַנק אויף מעלאַנכאָליע, און איז באַהערשט פון אַ שלעכטן גייסט, איז די בעסטע רפואה פאַר אים, אַ גוטער כנור־שפּילער. און ווען דוד דער כנור־שפּילער, פלעגט שפּילן פאַר שאולן אין דער צייט ווען ער איז באַהערשט געוואָרן פון שלעכטער שטימונג, פלעגט שאולן גרינגער ווערן, ווייל דאָס שפּילן האָט פאַרטריבן פון אים דאָס שלעכטעס און געבראַכט צו אים מנוחת הנפש.

און ניט נאָר האָט מען דאַן גענוצט מוזיק צו היילן מעלאַנכאָליש־קראַנקע, צו פאַרטרייבן פון זיי דעם שלעכטן גייסט וואָס האָט זיי באַהערשט, נאָר מען האָט גענוצט מוזיק צו דערוועקן אין דעם מענטשן גאָטס גייסט . . .

ווען דער נביא אלישע האָט געדאַרפט פאָראויסזאָגן וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה צווישן מלכי ישראל און יהודה קעגן אדום, און געפינענדיק זיך אין אַ געדריקטער שטימונג, האָט ער געהייסן ברענגען אַ מוזיקער אַ שפּילער, קחו לי מנגן. און ווי נאָר דער שפּילער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן — האָט אויף אים גערוט דער גייסט פון גאָט (מלכים ב׳ ג׳) און ער האָט געקאָנט נביאות זאָגן.

אין די צייטן פון דוד המלך און זיין זון שלמה איז די יידישע נגינה שוין געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע פון אַנטוויקלונג און פּערפעקציע, לויט יענער צייט. דאָ הערט מען צום ערשטן מאָל וועגן דער באַשטימונג פון אַ גרויסער צאָל מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ צו איין זאַך — להרים בקול לשמחה (דברי הימים א׳ ט״ז), אויפצוהייבן דאָס קול אין פרייד. און כדי דאָס צו דערגרייכן מוז שוין אומבאַדינגט זיין אַ באַשטימטער סיסטעם פון האַלטן זיך צוזאַמען, דאָ מוזן זיין באַשטימטע געזעצן פון כאָראַלער און אָרקעסטראַלער דיסציפּלין, און דאָס ווייזט אויס האָבן זיי געהאַט, אַז ניט וואָלטן זיי ניט דערגרייכט די פריער דערמאָנטע מדרגה.

לויטן תנ״ך זיינען אין יענער צייט דערפונדן געוואָרן נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע מוזיקער און זינגער. עס איז געווען אַ שטאַב פון מלמדי שיר אין בית המקדש, און אין פאָלק. די יידישע נגינה האָט אין יענע צייטן פאַרהילכט דאָס גאַנצע לאַנד, מען האָט געזונגען ביי אַלע געלעגנהייטן: ביים זייען, שניידן, אַראָפּנעמען די תבואה, טרעטן די וויינטרויבן און ביי די גרויסע פאָלקס־פאַראַדן, פאַמיליערע שמחות און פאָלקס־שמחות.

קאַפּיטל צוויי

יידישע אמונה און יידישע טראַדיציע

יידישער מאָנאָטעאיזם. שוץ־מיטלען קעגן אַסימילאַציע. יידישע טראַדיציע. יידישע טראַדיציאָנעלע מוזיק.

דאָס יידישע פֿאָלק האָט זיך אונטערשיידט פון אַלע אַלטע פעלקער פון די אַלטע צייטן, דורך דער אידעע פון אחדות הבורא (מאָנאָטעאיזם).

דאָס אָפּשיידן זיך פון די פעלקער, איז געווען און האָט געמוזט זיין דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגער גייסטיקער עוואָלוציע אין משך פון דורות און דורות, זוכענישן און לאַנגע קאַמפן פאַר אַ העכערן געלייטערטן גלויבן, וואָס האָט געבראַכט צו גייסטיקער זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאָלק און באַוועגט דאָס יידישע פֿאָלק צו לעבן זיין אייגנאַרטיקן לעבן, אָפּגע־זונדערט פון די געצנדינערישע פעלקער. דאָס איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ פּאַנצער קעגן אַסימילאַציע, קעגן אויסמישן זיך מיט די פעלקער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, כדי צו דערגרייכן די פולשטענדיקע גייסטיקע זעלבשטענדיקייט, זיינען אין משך פון דורות געשאַפן געוואָרן די געהע־ריקע און נויטיקע שוץ־מיטלען, וואָס האָבן אָט די זעלבשטענדיקייט פאַר־טיידיקט און אָפּגעהיט.

די שוץ־מיטלען זיינען באַשטאַנען אין מנהגים, דינים, מדות טובות, טהרת הגזע, כשרות און אַנדערע, וועלכע האָבן אַרומגענומען און אַרומ־גערינגלט דאָס יידישע פֿאָלק אַזוי שטאַרק און פעסט, ווי מיט אַן אייזערנע וואַנט. די גייסטיקע מנהיגים, די פֿאָלקס שומרים, האָבן גוט אַכטונג גע־געבן, אַז די שוץ־מיטלען זאָלן פאַר דער לאַנגער צייט ניט צעשטערט און צעבראָכן ווערן.

אין אָט דער אייגנאַרטיקער אָפּגעזונדערטקייט האָט זיך געשאַפן און אַנטוויקלט ביי די יידן אַן אייגנאַרטיקע ריין־יידישע טראַדיציע.

די טראַדיציע איז דאָס ריין ציכטיק יידישע לעבן, מדות טובות, רחמנות צום שוואַכן און געפאַלענעם, ליב האָבן דעם חבר ווי זיך אַליין, טון גוטס און זיך דערוייטערן פון צו טון שלעכטס, טיילן צדקה, זיין ערלעך און אויפריכטיק, ניט זאָגן קיין ליגן, ניט בליידיקן א"א, אָפּהיטן

יידישע ימים טובים, כשרות, טהרת המשפחה, דינען דעם אלמעכטיקן גאָט און לערנען זיין תורה.

די דערמאָנטע טראַדיציע וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן פון די יידן בכל תפוצות, איז געוואָרן די גייסטיקע ענערגיע, די גייסטיקע טרייב־קראַפט פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. אדאַנק דער ענערגיע האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן און אַנטוויקלט זיין אייגנאַרטיקע קולטור און ליטעראַטור, זיין ציוויליזאַציע, זיין אַרט לעבן און דענקען, זיין דערציאונג, זיין מאָראַל, זיין נגינה און זיין נאַציאָנאַלע סטרוקטור.

די טראַדיציע איז פאַר דער צייט געוואָרן דער הייליקער בונד פון גאָט מיט זיין פאָלק ישראל, ווי דאָס אַנפּלעקט זיך אַזוי שיין און הערלעך אין אַלע יידישע גייסטיקע שאַפונגען פון תורת משה, נביאים, תלמוד בבלי און ירושלמי, ספרות הגאונים, רבנישע ליטעראַטור ביז קבלה און חסידות. צו דער זעלביקער צייט שפּיגלט עס אָפּ די אינערלעכע גאַנצקייט און ברידערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון גאַנצן יידישן פאָלק, כאָטש דאָס פאָלק איז צעשפּרייט אַפן גאַנצן ערד־קיילעך.

די יידישע טראַדיציאָנעלע נגינה איז געוואָרן די גאָלדענע קייט וואָס בינדט צוזאַמען דאָס יידישע פאָלק בכל תפוצות. די געזאַנגען פון תורה, נביאים, מגילות, סליחות און תפלות, זיינען איינהייטלעך כמעט אין אַלע יידישע קהלות.

קאַפּיטל דריי

מדינת ישראל (יידישער שטאַט)

דער יידישער שטאַט. דער כח וואָס האָט צו דעם גורם געווען. די מסורה. די פאַרווירקלעכונג.

דער יידישער שטאַט האָט זיך געשאַפן אויסטערליש — ניט אויף לאַנד, וואו עס זאָל זיך האָבן באַזעצט אַ יידישע משפּחה, און פון דער משפּחה זאָלן זיך האָבן אַנטוויקלט שבטים און פון די שבטים אַ פאָלק. די יידישע מדינה האָט זיך געשאַפן אויף דער באַזע פון אַ מסורה, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן ביי די יידן אין מצרים און איז איבערגעגעבן געוואָרן פון פאָטער צו קינד.

די מסורה דערציילט, אַז אין אַ געוויסער צייט האָט געלעבט אין לאַנד כנען די ערשטע יידישע משפּחה פון פּאַטריאַרך אברהם און גאָט האָט אים צוגעזאָגט דאָס לאַנד צו שענקען אַלס ירושה צו זיינע קינדער אויף דור דורות.

דער כח וואָס האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה איז געווען אַ ריין גייסטיקע, געבויט אויפן זכרון, אויף טראַדיציע.

אין אַט דער מסורה האָט זיך פאַר דער צייט פון 410 יאָר שקלאַפנטום אין מצרים, אויסגעוואָרעמט און אויסגעבענקט דער ווילן זיך צו באַפרייען פון שקלאַפנטום, און גיין זיך באַזעצן אויף יענעם לאַנד וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהמען.

און ניט וויסנדיק פון דעם פאַרנעם פונעם צוגעזאָגטן לאַנד, און ניט קענענדיק דעם כאַראַקטער, קלימאַט, נאַטור און געאָגראַפיע פון לאַנד, ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן צו באַפרייען זיך פון מצרים, און אויך אויף די געפאַרן פון קרייצן דעם מדבר, האָבן די יידן ניט גערוט, געוואַנדערט גאַנצע 40 יאָר אין דער מדבר, געקעמפט מיט אַ סך פעלקער, געליטן הונגער און דורשט, ביז זיי זיינען געקומען צו זייער לאַנד.

אויף אַזאַ אויסטערלישן אופן איז אויך פאַרגעקומען די אָרגאַניזירונג

פון דער מדינה, ניט זיצנדיק אויפן לאנד און ניט שטופנווייז, לויט די צייטן און אומשטענדן זאלן האבן געפאדערט, זיינען געשאפן געווארן די דינים און רעגלאמענטן צו רעגירן דעם שטאט און בירגער, נאר ווייט פון לאנד, אין דער מדבר, אונטער דער ברענענדיקער זון, ווייט פון ישובים, האט זיי משה געגעבן אלע דינים חוקים ומשפטים צו רעגירן דעם שטאט און די בירגער.

דארט האט זיי משה געזאגט: היום נהיות לעם, היינט ביסטו געווארן צו א פאלק. ניט דורך באזעצן דאס לאנד, ווי אלע פעלקער טוען, ביסטו געווארן א פאלק, נאר דורך די געזעצן פון דער תורה, מיט די געהעריקע סאציאלע דינים און חוקים צו רעגירן א פאלק און ארגאניזירן א לאנד.

אזוי איז אנטשטאנען די מדינת ישראל אין דער מדבר, איידער דאס פאלק האט זיך באזעצט אויף דער פיזישער טעריטאריע.

קומענדיק אין דעם צוגעזאגטן לאנד מיט א פארטיקן אפאראט פון אן ארגאניזירטער מדינה, האט זיך ערשט אנגעהויבן דער פראצעס פון אנטוויקלונג ווי אויך אויסקריסטאליזירונג פון כאראקטער פון דעם יידי־שן פאלק, זיין שפראך, זיין קולטור, זיין ליטעראטור, זיינע מנהגים, זיינע טראדיציעס און זיין מוזיק.

קאפיטל פיר

די אַנטשטייאונג פון דער יידישער נגינה

די ערשטע דערפינדער פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אין אינדיע און כינע. דער מאַגישער כח פון מוזיק ביי די בראַמיסטן, עגיפּטער, אַסיריער, פּערסער און גריכן. די אַנטשטייאונג פון די פאַרשיידענע שפּראַכן, קליידער, טענץ און מוזיק. די אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק און זיין מוזיק.

קיין שום קולטור־שפּראַך ציט ניט איר אורשפּרונג ביז צו אזא וויי־טער צייט, און קיין קולטור־שאַפונג האָט ניט אזא ברייט פעלד פון פאַרשיידענע מיינונגען, השערות און פאַנטאַזיעס, ווי מוזיק.

אין אונדזער תורה ווערט דערמאָנט, אַז דער ערשטער דערפינדער פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, פון פאַר דער צייט פון מבול, איז געוועזן יובל. ער זאָל האָבן דערפינדן די האַרפע און פלייט, כנור ועוגב.

אין אינדיע גלויבט מען, אַז מוזיק און מוזיקאַלישע אינסטרומענטן שטאַמען פון דער געטין סאַראַזוואַטי, די פרוי פון בראַהמאַ, די מוטער פון נאַוואַדאַ, דער דערפינדער פונעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט „ווינאַ״. אין אינדיע זיינען אַדאַנק די בראַהמיסטישע גייסטלעכע אָפּגעהיט און אויפגעהאַלטן געוואָרן די רעליגיעזע און פאָלקס־מעלאָדיעס, וואָס שטאַ־מען פון טויזנטער יאָרן צוריק. אפילו די פאָלקס־גלויבונגען וועגן דעם מאַגישן כח פון מוזיק צו קאָנען פאַרשלעפערן די בייזע געפערלעכסטע חיות, אָדער צו קאָנען פאַרוואַנדלען אין אַש די פערזאָנען, וועגן וועמען מען טראַכט בעת מען זינגט פאַרשיידענע ספּעציעלע געזאַנגען, ווערן אָנגעהאַלטן ביי זיי ביז דער לעצטער צייט.

די טראַדיציע פון כינע דערציילט פון פרימיטיווע מוזיקאַלישע אינ־סטרומענטן און מוזיקאַלישע סיסטעמען, וואָס זאָלן האָבן דאָרט עקזיס־טירט מיט צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכענונג.

די עגיפּטער און אסיריער האָבן אין די גאָר אַלטע צייטן פון זייער

עקזיסטענץ באַנוצט מוזיק נאָר ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס און צו באַ־גלייטן זייערע טויטע צו זייער אייביקער רו... זייערע מוזיקאַלישע סיס־טמען, ווי זייערע ווּיסנשאַפטן אין אַלגעמיין, זיינען געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן אין די טעמפּלען ביי זייערע גייסטלעכע.

די פּרימיטיווע פּערסער האָבן אין יענע אַלטע צייטן באַטראַכט מוזיק שעדלעך פאַרן פאָלק, ווייל מוזיק רופט אַרויס שלעכטע גייסטער וועלכע פאַרפירן דאָס פאָלק. זיי פלעגן נאָר זינגען און שפּילן זייערע הימנען פאַר זייערע געטער און קעניגן. די גריכן האָבן געגלויבט, אַז זייער גאָט אַפּאָלאָ איז געווען דער באַשאַפער פון מוזיק. זיי האָבן גע־גלויבט ווי אַלע פעלקער, אַז מוזיק איז אַ געטלעכע דערשיינונג. ביי זיי איז מוזיק געווען אַ טייל פון פאָלקס־דערציאונג.

ווען פּערסיע איז באַהערשט געוואָרן פון די גריכן דורכן קעניג אַלעקסאַנדער דער גרויסער (330 יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכענונג), האָבן די גריכן דעמאָלט אַהין אַריינגעבראַכט זייער אַלגעמיינע קולטור צוזאַמען מיט זייער מוזיק און מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

די אַנטשטייאונג פון די פאַרשיידענע שפּראַכן, קליידונג, טענץ און מוזיק

פון די אַלע אויסגערעכנטע השערות און מיינונגען איז זיכער, אַז די אַנטשטייאונג פון מוזיק דאַטירט זיך מיט אַ סך טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די פּרימיטיווע מענטשן־משפּחות האָבן זיך באַזעצט אויף אַ לאַנד אונטער פאַרשידענע קלימאַטן און אַטמאָספערן.

און אַזוי ווי די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען פון די פאַרשידענע טיילן פון ערד־קיילעך, וואו די ערשטע מענטשן משפּחות האָבן זיך באַזעצט, זיינען פאַרשידן, און דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט געפאָדערט אין יעדער טייל פאַרשידענע מיטלען, וואָס האָט אונ־טערשיידט איינע פון די אַנדערע, האָט זיך אַזוי אַרום געמוזט שאַפן אַ סך פאָרמען פון אויסדרוק, פון שפּראַך, קליידונג, מוזיק, טענץ, גע־וואוינהייטן מנהגים און פון פאַרשידענע פּיל־פאָרעמדיקע אינסטרומענטן פון אַרבעט.

און אַזוי ווי די דיסטאַנץ און קאָמוניקאַציע פון די באַזעצטע משפּחות איבערן ערד־קיילעך, האָט זיי אין יענע צייטן געשטערט זיך צו קאָמוניקירן, צו דערנענטערן און צו פאַראייניקן, האָט זיך יעדע משפּחה אָדער שבט, לויט זייערע ספּעציפישע לעבנס־באַדינגונגען, אומשטענדן און פאָדערונגען, געשאַפן זיין קולטור, זיין געצייג צו דער אַרבעט און זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אַזוי אַרום זיינען אַנשטאַנען און עס האָבן זיך אַנטוויקלט

א סך פארשידענע שפראכן, פארשידענע מוזיק און מוזיקאלישע אינסטרומענטן, טענץ און קולטורן, ווייל די מענטשן משפחות וואס האבן זיך באזעצט אין די געגנטן פון קאלטן קילמאט, האבן געמוזט נוצן אנדערע קליידער און אויסדרוקן, ווי די וואס האבן זיך באזעצט אין די הייסע געגנטן, א. א. וו.

די אייגנארטיקייט פון יידישן פאלק און זיין מוזיק

ווען דאס יידישע פאלק האט זיך באזעצט אין זיין לאנד און זיך באפעסטיקט ווי א סואווערענער שטאט, האט עס צוליב זיינע אנגענומענע געזעצן פון הויכער עטיק און סאציאלן יושר, וואס איז מיטגעבראכט געווארן פון בארג סיני, געמוזט לעבן אן אפגעזונדערט לעבן פון די פעלקער פון זיין ארום, ווייל יענע פעלקער זיינען געווען ווילדע געצנדינער און האבן ניט געהאט קיין באגריף פון מאראל.

דאס מוזן זיין אפגעזונדערט פון די שכנים־פעלקער און די אייגנארטיקייט פון יידישן ארט לעבן, האט אנטוויקלט ביי די יידן א שטארקן ווידערשטאנד־כח קעגן מעגלעכע השפעות פון שכנישע און ניט־שכנישע פעלקער, און די יידן זיינען געבילבן, עם לבדד ישכן, א פאלק וואס לעבט אליין, פאר זיך.

דארט, אין זיין לאנד און זיין אטמאספער, אונטער די קלימאטישע און געאגראפישע באדינגונגען, וואו זיין לאנד האט זיך געפונען, האט זיך ביים יידישן פאלק, באגלייך מיט אלע פעלקער, אויך אנטפלעקט און אנטוויקלט זיין שפראך, זיין מוזיק, זיין טראדיציע, זיינע מנהגים, זיינע טענץ, זיין קולטור אין אלגעמיין און זיין ליטעראטור.

דער ריטם פון דער ארבעט ביים אקערן, זייען און באארבעטן די פעלדער; ביים שניידן די תבואה און ביים אראפנעמען די פרוכטן פון די גערטנער, ביים צונויפנעמען און ביים טרעטן די וויינטרויבן און ביים דרעשן די תבואה; די פרייד פון פרילינג און פון זיכערקייט, צוזאמען מיט די געזאנגען פון דער ארץ־ישראל נאטור; די קלארע לופט, די הויכע בערג און שיינע טאלן, די שיינע ארץ־ישראל בלומען, די שיינע ארץ־ישראלדיקע לבנה־נעכט, די וואונדערבארע נאטירלעכע הארמאניע פון דעם אלעמען, האט ארויסגערופן ביי די יידן אזוי פיל עקסטאז און עמאציע, אז עס האבן זיך געשאפן זיסע, שיינע מעלאדיעס און התלהבותדיקע טענץ מיט אן אייגנארטיקן ריטם, וואס האט פארהילכט דאס לאנד און אנגעפולט אלעמענס הערצער מיט זוניקער פרייד. די געשאפענע מעלאדיעס מיט זייער אייגנארטיקן ריטם, וואס שטאמען פון די ערשטע צייטן ווען די יידן האבן זיך באזעצט אויף זייער לאנד, זיינען דורך דער צייט געווארן די באזע פון ריינער יידישער נגינה פאר די קינפטיקע דורות.

מיט אט־די מעלאדיעס, פאראייניקט מיט ווערטער, האט מען אין

די צייטן פון דוד המלך און זיין זון שלמה געזונגען מזמורים און תפילות אין בית־המקדש. מיט די מעלאָדיעס האָט מען אין אַלע צייטן באַזונגען די נאַטירלעכע שיינקייט פון ארץ־ישראל. מיט די מעלאָדיעס און מיט ריטמישע באַוועגונגען, האָט מען אויסגעזונגען און אויסגעטאַנצט די פרייד, די נאַטירלעכע אמתע פרייד פון צו זיין אַ ייד און לעבן אין אייגן לאַנד. מיט די מעלאָדיעס האָט מען אויך געלערנט תורה און אַנדערע יידישע למודים.

אַ סך אייגנשאַפט, קאָלאָריט און התלהבות האָט צוגעגעבן צו דער יידישער נגינה דאָס ריינע עטישע לעבן פון די יידן. די טהרת הגזע (די ריינקייט פון אָפּשטאַם), וואָס האָט די יידן אָפּגעזונדערט פון די שכנים־פעלקער, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו זנות, שפיכת דמים און עבודה זרה.

קאַפּיטל פינף

דער כאַראַקטער פון דער יידישער נגינה

מוזיק אינעם אויספורעמען פון פאָלקס־כאַראַקטער. יידישע זעלבסט־דיסציפּלין. ווי ווירקט מוזיק אויפן מענטשן. דער גייסטיקער כח פון מוזיק

די יידישע נגינה, וואָס האָט זיך געשאַפן און אַנטוויקלט אין דער אויבנדערמאָנטער אַטמאָספער, האָט מיט דער צייט מיטגעווירקט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַלגעמיינע פאַקטאָרן, צו אויספורעמען דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער, צו דערווייטערן זיך פון בלוט־פאַרגיסונג, געצנדינעריי און אויסגעלאַסנקייט.

די אַלגעמיינע פאַקטאָרן זיינען: די דינים און לערע וואָס עס איז די יידן געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני, די אייגנאַרטיקייט פון זייער פאַמיליען־לעבן, דער הויך־קולטורעלער צושטאַנד פון די פאַרשידענע תקופות, דער לעבנס־ניוואָ פון פאָלק, זיין מענטאַליטעט, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, זיין וויסן און זיין מאָראַל.

אין פאָלק האָט זיך אַנטוויקלט צוליב די דערמאָנטע פאַקטאָרן אַ שטאַרקע זעלבסט־דיסציפּלין, וואָס האָט יעדן יידן געצאַמט און אָפּגעהאַלטן פון צו טון שלעכטס.

צו אַט דער זעלבסט־דיסציפּלין האָט אויך אַ סך מיטגעווירקט די יידישע נגינה מיטן ספּעציפישן ארץ־ישראל ריטם. ווייל מוזיק אין כלל, אויסער וואָס זי איז דער העכסטער פּאָעטישער אויסדרוק פון יעדער פאָלקס־נשמה אין טענער, איז עס די וואָס שאַפט דיסציפּלין. מוזיק אָן דיסציפּלין איז קיין מוזיק נישט. און ארץ־ישראל־נגינה מיט ארץ־ישראל־ריטם, פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ וואונדערבאַרע דיסציפּלין, וואָס ברענגט צו התלהבות. די דיסציפּלין האָט זיך אָפּגערופן און אַריינגעדרונגען אין פאָלק און געווירקט אויף זיין לעבנס־שטייגער.

ווי ווירקט מוזיק אויף די מענטשן

מען האָט אַלע מאָל געוואוסט און אָפּגעשאַצט דעם גייסטיקן כח, וואָס ליגט אין מוזיק און די ווירקונג וואָס מוזיק האָט אויפן מענטשן, און מען האָט עס ביי אַלע געלעגנהייטן אויסגענוצט. מען האָט געוואוסט די פאַרשידענע אופנים, ווי אַזוי מוזיק ווירקט אויף דעם מענטשן, און אַז זי איז אַן אומגעהויער שטאַרקער כח, וואָס אָט קאָן זי מאַכן פון דעם מענטשן אַ רואיקן געהאָרכזאַמען בירגער און אָט קאָן זי אים פאַרוואַנדלען אין אַן אויסגעלאַסענער בלוט־דורשטיקער חיה.

דאָס ווענדט זיך ווי אַזוי מען אינטערפּרעטירט די מוזיק און דעם ריטם: איז דער ריטם פון דער מוזיק שטרענג און שאַרף, מאַכט די מוזיק אויפזידן די געבליטן ניט נאָר פון אַ יחיד, נאָר פון גאַנצע פאַרזאַמלונגען, אָפּט מאָל פון אַ גאַנצן פאָלק, ווען מען רופט עס צום קאַמף. די געבליטן ווערן אַזוי צעהיצט, אַז זיי הייבן אָן צו זידן, די אויגן צו ברענען מיט אַ מאָדנעם פייער, די מוסקולן ווערן שטייף און אָנגעצויגן, דאָס אָטעמען ווערט טיפער און שנעלער, די געדאַנקען ווערן פאַרטונקלט און מען לויפט צום קאַמף ווי אַ ווילדע חיה צו פאַרצוקן, מאָרדן און בלוט פאַרגיסן. אָפּט מאָל ווערט עס דערגרייכט מיטן פּשוטן קלאַפּן אין אַ פּייקל. דער זעלביקער רעזולטאַט איז, ווען דער ריטם פון דער מוזיק רופט און וועקט צו ליידנשאַפט (אין די בתי־זונות אָדער אין די פרייילעכע טאַנץ־זאַלן), דאַן צינדן זיך אָן די געבליטן אין אָט דער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון פיזישער גלוסטונג. זי באַהערשט דעם מענטשן, פאַרטונקלט זיין פאַרשטאַנד, אַטראָפירט זיינע מאָראַלישע געפילן, עס פאַרשווינדט די בושה און מורא פאַר אחריות, פאַר קאָנסעקווענצן צו ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט, אַבי צו געניסן פון דעם מאָמענטאַלן פאַרגעניגן.

ווען דער ריטם פון דער מוזיק איז אַ רואיקער, אַ מילדער — און די מעלאָדיע אַ זיסע, אַ האַרציקע. דאַן פליסן די געבליטן פון די צוהערער גאַנץ נאַטירלעך און רואיק. די גייסטיקע כחות זייערע צעבליען זיך ווי שמעקנדיקע בלומען אין זומער. די מענטשן ווערן פּעאיק אויפצונעמען דאָס בעסטע. זיי באַקומען פולקאָמע מנוחת הנפש, גייסטיקע און פיזישע רואיקייט. עס צעשפּילט זיך זייער פאַנטאַזיע, עס באַפרייט זיי פון הור־האַלעבן און רופט אַרויס אין זיי דעם הומאַניטאַרן ווילן צו טון גוטס.

מיט אַ רואיקן ריטם און זיסער מעלאָדיע פאַרוויגט מען אַ קליין שוואַך קינד צו אַ רואיקן זיסן שלאָף. מיט אַ רואיקן ריטם און אָנגענעמער מעלאָדיע קאָן מען היילן קראַנקע אויף מעלאַנכאָליע (שאול המלך). מיט דער זעלביקער פאָרעם נגינה קאָן מען קומען צו התרוממות הנפש, צו גייסטיקער דערהויבונג, זיך צו דערנעענטערן צו גאָט (אלישע הנביא).

דער גייסטיקער כח פון מוזיק באשטייט אין דעם, וואָס זי דרינגט אריין ביז צו די טיפסטע קאָמפּליצירטסטע און געהיימניספולע קעמערלעך פון דעם מענטשנס נשמה. און לויט ווי ס'איז אויבן געזאָגט, קאָן זי דערהייבן דעם מענטשן צו די העכסטע הויכן פון זעלישער רו, אויב די נגינה איז א רואיקע און א זיסע. און פאַרקערט — אויב די נגינה איז א שאַרפע און דער ריטם א שטרענגער, קאָן זי פאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין א חיה און אראָפּנידערן אים צו דער נידעריקסטער מדרגה פון זעלי־שער אומרואיקייט.

די יידישע נגינה מיט איר אייגנאַרטיקן ריטם איז די, וואָס פאַר־מאָגט דעם כח צו דערהויבן דעם מענטשן צו די העכסטע הויכן פון זעלישער רו.

✡

קאפיטל זעקס

די השפעה פון דער יידישער נגינה אויפן פאָלקס-כאַראַקטער

לערנען זינגענדיק. אלישע בן אבויה. גריכישע נגינה. פאָלקס־ דיסציפּלין. קריסטאַליזירטע יידישע נגינה.

ווי געזאָגט אין פאַריקן קאַפּיטל, זיינען די נגינות פון ארץ־ישראל דאַן געווען מילדע, מיט אַ רואיקן ריטם, אַ ריטם וואָס האָט אויסגעדריקט די נאַטירלעכע פרייד פון לעבן און אַרבעט און אויך די עמאָציע פון דער שיינקייט פון דער נאַטור און די אינערלעכע מנוחת הנפש, די גייסטיקע רואיקייט פון אמונה און בטחון אין גאָט.

וויסנדיק דעם גייסטיקן כח פון מוזיק און די פאַרשידענע אופנים ווי אַזוי זי ווירקט אויף די מענטשן, האָבן אונדזערע חכמים, די גייסטיקע פירער פון יענער צייט, אויסגענוצט די מילדע ארץ־ישראל נגינה כדי אויסצושמידן דעם כאַראַקטער פון יידישן פאָלק. ווייל מוזיק, אויסער דעם וואָס זי ווירקט דירעקט אויף דעם מענטשן, האַמערט זי אויך אַריין אין זכרון דעם אינהאַלט פון דעם וואָס מען זינגט ניט צו פאַרגעסן. מוזיק העלפט אַ סך דעם זכרון.

און די חכמים האָבן געלערנט דאָס פאָלק, אַז לערנען תורה זאָל מען לערנען זינגענדיק (מגילה ל״ב), ווייל דער ריטם און די מעלאָדיע ברענגען אַריין אין די מענטשן וואָס לערנען, רואיקייט און געלאַסנקייט, און שאַפן אַזוי אַרום, ביי זיי, אַ פּולקאָמע גייסטיקע האַרמאָניע, צו פאַרטיפן זיך און צו פאַרשטיין בעסער דאָס געלערנטע, אַ זאַך וואָס עס איז אוממעגלעך צו דערגרייכן מיט אַנדערע מיטלען.

און אַזוי ווי לערנען תורה, איז דאָך אייגנטלעך זיך לערנען גוטס צו טון, וועט דער ריטם מיט דער מעלאָדיע מיטהעלפן צו אויספורעמען

און פּאַרפּעסטיקן דעם ריינעם יידישן כּאַראַקטער: צו טון גוטס און ווי מעגלעך זיך צו דערווייטערן פון שלעכטס.

צו באַפעסטיקן דאָס געזאָגטע, האָבן עס די חכמים אַרויסגעדרונגען פון אַ פּסוק אין יחזקאל קאַפּיטל כ׳ פּסוק כ״ה: „די שטראָף וואָס וועט קומען אויף די וואָס לערנען תורה אָן געזאַנג". און זיי האָבן געזאָגט (מגילה ל״ב): הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרה. דער וואָס לייענט תורה אָן אַ מעלאָדיע און לערנט אָן געזאַנג, עליו הפסוק אומר, זאָגט אויף אים דער פּסוק (פון יחזקאל) גם אני נתתי להם חוקים לא טובים, איך האָב זיי אויך געגעבן ניט קיין גוטע געזעצן. דער פּשט פון פּסוק איז פאָלגנדער: ווי באַלד די יידן האָבן ניט געפאָלגט גאָטס געזעצן (ווייל זיי ווילן לערנען אָן אַ מעלאָדיע, וועט זיך עס ניט צעמענטירן אין זייער זכרון, וועלן זיי דאָס לערנען גיך פאַרגעסן), וועט ער זיי איבערגעבן צו זייערע שונאים, וואָס וועלן אַרויפלייגן אויף זיי שלעכטע געזעצן. דאָס הייסט, לויט די חכמי התלמוד, אַז דער וואָס לערנט תורה ניט זינגענדיק, וועט ניט האָבן די פּולקאָמע מענטאַלע האַרמאָניע, וואָס עס קומט פון זיסע מעלאָדיעס און רואיקן ריטם, וועט זיין לערנען ניט זיין פולקאָם, וועט ניט קומען צו דער שלימות צו וועלכער דאָס לערנען תורה שטרעבט, וועט ער ניט קאָנען זיין אַ גאַנצער ייד, וועט ער דערפאַר איבערגעגעבן ווערן צו זיינע שונאים וואָס וועלן אויף אים אַרויפלייגן שלעכטע געזעצן.

אויף וויפל די חכמי התלמוד האָבן אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דער יידישער נגינה אין קיום היהדות און די שעדלעכקייט פון פרעמדער נגינה אין יידישן לעבן, קאָן מען לערנען פון דעם פאַל פון אחר (דעם תנא אלישע בן אבויה האָבן די חכמים געגעבן אַ צונאָמען „אחר", ניט געוואָלט דערמאָנען זיין אמתן נאָמען). און די גמרא פרעגט אין חגיגה ט״ו ע״ב, אחר מאי? פאַרוואָס רופט מען אים אחר און ניט מיט זיין נאָמען אלישע, און פאַרוואָס האָט מען אים באַזייטיקט פון כלל ישראל? ענטפערט די גמרא: זמר יון לא פסק מפומו, מען האָט אים גערופן „אחר" (אַנדערער — אַ פרעמדער), ווייל ער האָט שטענדיק געזונגען גריכישע געזאַנגען. און דער וואָס זינגט גריכישע געזאַנגען, ווערט אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט. עס שאַפט זיך ביי אים אַ פרעמדע מענטאַלע האַרמאָניע. איז ער „אחר אַ פרעמדער. רש״י גיט דאָרט צו: זמר יוני לא פסק מביתו. ניט נאָר ער אליין האָט געזונגען גריכישע געזאַנגען, נאָר זיין גאַנץ הויז־געזינד האָט געהאַלטן אין איין זינגען גריכישע געזאַנגען.

אין דער ריכישער נגינה ווי אין דער אַלגעמיינער גריכישער קולטור, האָבן אונדזערע דעמאָלדיקע גייסטיקע מנהיגים געזען אַ גרויסע סכּנה פאַר דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק און זיין תורה, ווייל אויב דאָס יידישע פאָלק וועט איבערנעמען די גריכישע נגינה מיט זייער ריטם, דאַן וואָלט איבערגעביטן געוואָרן דער יידישער רואיקער מילדער מעלאָס אויף אַ ריטם, וואָס רופט צו שפיכת דמים, גלוי עריות און געצנדינעריי. און מורא

האָבנדיק אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נאָכמאָן דעם גרויסן תנא אלישע בן אבויה און אויך זינגען גריכישע געזאַנגען, און דורך דעם פאַרבייטן דאָס יידישע עטישע רואיקע לעבן אויף דעם שטורמישן גריכישן לעבן, האָבן זיי (די גייסטיקע מנהיגים) באַזייטיקט דעם גרויסן תנא אלישע בן אבויה און אפילו זיין נאָמען ניט געוואָלט דערמאָנען. „אחר", הייסט ער, אַן אַנדערער, אַ פרעמדער.

פון אַ פאַרשטויסענער פערזאָן, מעג ער זיין ווי גרויס, וועט מען זיך ניט לערנען.

ווען הורדוס האָט איינגעפירט אין ארץ־ישראל גריכישע שפילן און אויך גריכישע מוזיק (ווייל די גריכישע שפילן זיינען געווען אַקאָמפּאַ־נירט מיט מוזיק), האָט ער מיט דעם אַרויסגערופן קעגן זיך שטאַרקע פּראָטעסטן און פאַרביטערונג פון די יידן. די פּראָטעסטן און פאַרביטערונגען קעגן אים זיינען געווען אַ סך שטאַרקער ווי די רעוואָלוציע וואָס האָט אויס־געבראָכן קעגן אים, ווען ער האָט איינגעפירט אין ישראל זיינע פרעמדע רעפאָרמעס אין דער רעגירונג און ער האָט דורכגעפירט מאַסן־מאָרדן אויף די יידן.

דער כח פון פאָלקס־דיסציפלין און דער איינגעבוירענער כח פון פאָלקס־ווידערשטאַנד קעגן וועלכער ניט איז השפעה מן החוץ, האָבן אַלע מאָל רעוואָלטירט קעגן פרעמדע אריינדרינגונגען אינעם אינערלעכן לעבן פון פאָלק. די יידישע נגינה האָט צו דעם אַ סך מיטגעווירקט.

קאפיטל זיבן

די עוואָלוציע פון דער יידישער נגינה אין ארץ־ישראל ביז נאָכן חורבן פון בית ראשון

די אַנטשטייאונג פון ליד. דאָס געזאַנג ביי דער אַרבעט. מוזיקאַלישע אינטערוואַלן ביי דער אַרבעט. קאַמפס־מוזיק. אינדוסטריע, מסחר, רעליגיעזע צערעמאָניעס. נבואה און נגינה. דיסקורעל מוזיק אין דער מעדיצין. דאָס ברענגען דעם ארון האלהים אין עיר דוד. דוד אָרגאַניזירט פאַר זיין טויט די ליטורגישע נגינה. ווי מען האָט דורכגעפירט די נגינה אין בית המקדש, מ׳יק ביי מקריב זיין קרבנות. פראָצעסיעס מיט מוזיק, בכורים ברענגען. עולי לרגל. דאָס פאָפולאַריזירן די נגינה פון בית המקדש. חורבן פון בית המקדש — בית ראשון.

אין די פאָריקע קאַפּיטלען האָב איך דערקלערט ווי עס האָט זיך אַנטפלעקט נגינה ביי די פרימיטיווע פעלקער און אויך ווי די נגינה האָט זיך אַנטפלעקט ביי די יידן, ווען זיי האָבן זיך באַזעצט פעסט אויף זייער לאַנד. אין דעם קאַפּיטל וויל איך ציען דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער יידישער נגינה פון דער אוראַלטער צייט, פון די פרימיטיווע מוזיקאַלישע אינטערוואַלן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די פאַרשידענע באַוועגונגען ביי ערד־אַרבעט, ביז צו דער אַנטוויקלונג פון מוזיק און איר דערגרייכונג ביז צו דער העכסטער מדרגה פון קונסט, אין די צייטן פון דוד המלך און שפּעטער אין שלמה המלכס צייטן אין בית המקדש און אין פאָלק.

די אַנטשטייאונג פון ליד אין יענע אַלטע צייטן

די מעלאָדיעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען פון די באַוועגונגען ביי די פאַרשידענע אַרבעטן, האָבן אויסגעדריקט ניט נאָר די פיזישע באַוועגונג פון דעם קערפּער ביי דער אַרבעט, נאָר זיי האָבן אויך אויסגעדריקט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון דעם יחיד און פון דער גרופּע, וואָס האָט דורכ־

געפירט די אַרבעט, דורך דעם לאַנגזאַמען אָדער מער באַוועגלעכן ריטם. דאַן זיינען צוגעקומען צו די טענער פון די מעלאָדיעס אויך ווערטער, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו דער אַרבעט וואָס זיי האָבן געטון, און אויך וועגן דער נאַטור פון אַרום און עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס ליד, וואָס שמעלצט צוזאַמען קלאַנג מיט וואָרט צו אויסדריקן די מענטשלעכע איבערלעבונגען, זיינע פריידן און ליידן, זיינע טריאומפן און מפלות און זיינע תפילות צו גאָט, ער זאָל געבן רעגן אין צייט, ברויט צו זעט, געזונט און זאָל באַשיצן פון שונאים...

דאָס זינגען ביי דער אַרבעט לויטן ריטם פון דער פיזישער באַוועגונג, האָט אַלע מאָל געמאַכט די שווערסטע אַרבעט גרינגער און לייכטער און איז שטענדיק פּראַקטיצירט געוואָרן ביי אַלע אַרבעטן, איבערהויפּט מערקט מען דעם פענאָמען, ווען די אַרבעט ווערט דורכגעפירט פון אַ קאָלעקטיוו, דאַן שאַפט דאָס זינגען אַן איינהייטלעכע דיסציפלין, קאָנצענטרירט די כחות פון די אַרבעטער אין איין גרויסן כח און די אַרבעט גייט גרינגער, שנעלער און בעסער.

אַזוי זעט מען היינט צו טאָג: די מענטשן וואָס שלעפּן די שיפן אויף דער וואָלגאַ זינגען זייער געזאַנג וואָס באַשטייט פון פיר טענער אין צוויי אינטערוואַלן, וואָס דאָס זיינען אייגנטלעך זייערע באַוועגונגען ביי זייער אַרבעט, זייער אָטעמען און אויסאָטעמען די לופט. דאָס געזאַנג פאַראייניקט און קאָנצענטרירט זייערע פיזישע כחות און די שווערע אַרבעט ווערט לייכטער.

ווען סאָלדאַטן גייען גרופּעס־ווייז אָדער אין גאַנצע קאָמפּאַניעס, זינגען זיי אַלע מעלאָדיעס אָדער לידער מיט דעם ריטם וואָס דריקט אויס זייער גאַנג, טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט. דאָס געזאַנג מאַכט זיי אַ סך גרינגער זייער גאַנג און די געוויכט פון זייער שווערער מיליטערישער אויסגעשטאַטקייט, ווייל דאָס געזאַנג קאָנצענטרירט זיי און מאַכט זיי פאַרגעסן די שווערקייט פון גיין. דער ריטם העלפט באַוועגן דעם טראָט.

אַזוי איז עס ביי אַלע שווערע אַרבעטן פון יחיד ווי קאָלעקטיוו. יעדע פיזישע באַוועגונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טאָן, צוויי באַוועגונגען אין צוויי טענער וואָס שאַפן אַן אינטערוואַל. זינגענדיק העלפן די טענער און די אינטערוואַלן די זעלבע פיזישע באַוועגונגען וואָס האָבן געשאַפן די טענער. מיט דער צייט פורעמט זיך אויס פון די טענער און אינטערוואַלן, אַ ניגון און אַ ליד.

ביים שניידן די תבואה פון די פעלדער, ביים צונויפקלייבן די גאַרבן, ביים אַראָפּנעמען די טרויבן און ביים טרעטן זיי, זיינען געשאַפן געוואָרן וואונדערבאַרע מעלאָדיעס, מיט אַ פריילעכן רואיקן און מילדן ריטם, געזונגען אין קאָלעקטיוו פון אַלע וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד, ווען די באַוועגונגען ביי דער אַרבעט האָבן געמוזט גיין אין אַ שנעלן „טעמ־

פּאָ", צוליב דער מורא עס זאָל ניט אָנקומען אַ שטורעם אָדער אַ שלאָקס־רעגן, וואָס וועט חרוב מאַכן זייער האָרעוואַניע פון אַ גאַנץ יאָר האָט דאָס זינגען געשאַפן די געהעריקע דיסציפּלין: אַלע האָבן זיך גלייך באַוועגט אין דער אַרבעט, קיינער איז ניט אָפּגעשטאַנען ביז די אַרבעט איז פאַר־ענדיקט געוואָרן.

ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן, זיינען צוגעקומען נייע טעק־נער און נייע אינטערוואַלן פון דער גרויסער עמאָציע און פרייד וואָס האָט זיי אַלעמען באַהערשט, צו זיין באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן וואָס גאָט האָט געגעבן אויף אַ גאַנץ יאָר: ברויט צו זעט, פּרוכט, ווייַן און קליידונג.

די נאַטירלעכע פרייד, די האַרציקע פריילעכקייט, האָט צו די נייע טעק־נער נייע ווערטער געשאַפן. האָט מען געזונגען לידער וועגן זייען און שניי־דן, וועגן פּרילינג און ליבן זומער און אויך וועגן ליבע. די אַלע איבערלע־בונגען האָבן גענומען אַרויסזינגען פון דעם קערפּער. און דער מענטש האָט דורך ריטמישע קערפּערלעכע באַוועגונגען אויסגעזונגען די פרייד פון לעבן — אין טענץ. די באַוועגונגען, דער ריטם האָט שטענדיק פּרעדאָמינירט ביי די פּרימיטיווע פעלקער און אויך היינט צו טאָג ביי דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזאַציע. ריטם איז באַוועגונג, איז לעבן. וואו עס איז דאָ ריטם איז דאָ לעבן, וואו עס איז ניטאָ קיין ריטם איז ניטאָ קיין לעבן.

אַזוי ווי די מוזיק איז דורכאויס ריטמיש, איז זי די איינציקע וואָס ווירקט דירעקט אויף אונדזער גאַנץ וועזן אוממיטלבאַר. זי זאַפּט אין זיך אַריין אַלע מענטשלעכע איבערלעבונגען און עמאָציעס, לייטערט די געפילן און דערהייבט צו העכערע שענערע וועלטן. מוזיק איז די שענסטע מתנה פון גאָט צו די מענטשן.

דערפאַר איז מוזיק אַזוי לייכט צו געדענקען, איבערנעמען און זי צו אַסימילירן.

דער פּראָגרעס פון דער יידישער נגינה

מיטן פּראָגרעס פון ארץ־ישראל און דער פאַרמערונג פון דער יידי־שער באַפעלקערונג, זיינען צוגעקומען צו די נאַטירלעכע פּרימיטיווע ריט־מישע באַוועגונגען פון אַרבעט, אויך נייע ריטמישע באַוועגונגען פון קאַמף מיט שכנים־פעלקער, וועלכע זיינען באַפאַלן דאָס לאַנד און געוואָלט אַוועק־רויבן דאָס פאַרהאָרעוועטע אָנגעגרייטע פאַר עקזיסטענץ.

דאָן האָט מען באַנוצט חצוצרות און שופרות (שופטים ג׳ כ״ד, שמואל ב׳ כ׳) די זעלבע חצוצרות וואָס ווערן דערמאָנט אין במדבר י׳, וואָס האָבן געדינט צו דיסציפּלינירן דאָס פאָלק און אָנצופירן מיט די בירגער, ווי אויך אויסצופאָלגן דעם באַפעל פון דער תורה במדבר י״ט: וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעתם בחצוצרות ונזכרתם לפני א״ד אלהיכם ונושעתם מאיביכם. אַז עס וועט אַריינקומען אַ מלחמה אין

אייער לאַנד פון אַ שונא, וואָס וועט אייך אָנגרייפן, זאָלט איר שאַלן אין די חצוצרות, וועט איר דערמאָנט ווערן פאַר אייער גאָט, און איר וועט געהאָלפן ווערן פון אייערע פיינד. דאָס זיינען געווען מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט אַ קלאַנג און ריטם, וואָס האָבן אָנגערעגט דאָס פאָלק צום קאַמף (וועגן דער וויכטיקייט פון שופר זע קאַפּיטל איינס). די טומלעניש און געשרייען אין קאַמף, דער אָפּקלאַנג פון דעם געווער, די פרייד־אויסגעשרייען פון נצחון ווען מען האָט באַזיגט דעם שונא, אים דערוויי־טערט פון לאַנד, דאָס געזאַנג און התלהבותדיקע נצחון־ליד (ותשר דבורה, שופטים ה׳), די שירה פון דבורה הנביאה נאָכן זיג איבערן מלך כנען און סיסרא זיין העלד, און אַנדערע, האָבן באַרייכערט די יידישע נגינה מיט אַ נייעם ריטם, מיט נייע מעלאָדיעס און לידער. די צייט האָט אָט די נייע געזאַנגען געשליפן און געפיילט און באַרייכערט די יידישע נאַציאָנאַלע נגינה פאַר די קומענדיקע דורות.

ווען דאָס יידישע פאָלק האָט זיך באַזעצט אין מער קאָמפּאַקטע ישובים און די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געוואָרן מער קאָמפּליצירט, זיינען צוגעקומען נייע מאָטיוון אין דער מוזיק, צוליב די נייע באַוועגונגען פון דער פּרימיטיווער אינדוסטריע. די באַוועגונגען פון דער אינדוסטריע האָבן געשאַפן אַ נייעם ריטם, אַ נייעם אינהאַלט און נייע מעלאָדיעס, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אַלע ניואַנסן פון דער נייער צווייג פון באַשעפטיקונג.

אין דעם קאָמונע־לעבן זיינען געשאַפן געוואָרן אַלגעמיינע פייערטעג (ימים טובים) מיט פאַרשידענע צערעמאָניעס און פאַרווײַלונגען וואָס האָבן פאַראייניקט די קאָמונע דורך די געשאַפענע צוליב דעם געזאַנגען און מוזיק.

מיט דער אַנטשטייאונג פון גאָר גרויסע יידישע צענטערן, גרויסע שטעט, גרויסע געזעלשאַפטן פון מסחר און גרויס־אינדוסטריע, האָט די מוזיק צוזאַמען מיט אַנדערע קולטור־שאַפונגען, שטאַרק פּראָגרעסירט און זיך אַנטוויקלט. עס זיינען צוגעקומען אין דער יידישער מוזיק נייע תנועות, נייע אויסדריקן, נייע ריטמען, נייע מעלאָדיעס, נייע געזאַנגען און נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

די אַלע נייע מעלאָדיעס און געזאַנגען זיינען פון די גרויסע צענטערן, פון די גרויסע שטעט פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, וואו מען האָט עס געזונגען און געשפּילט מיט ענטוזיאַזם.

***

גאָר שטאַרק אַנטוויקלט און דערהויבן איז געווען די יידישע נגינה ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווען יידן האָבן תפילה געטון צו זייער גאָט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיך פאַרמאָגט אַן אומגעהויערן רעלי־גיעזן דראַנג. די גאַנצע יידישע געשיכטע פון אַלטערטום איז איין דערציי־לונג פון די באַציאונגען פון די יידן מיט זייער גאָט: אַז זיי האָבן אויס־

געפּאָלגט גאָטס געבאָטן — איז זיי געווען גוט, האָבן זיי געדינט פרעמ־דע געטער — איז זיי געווען שלעכט; וויזעקו בני ישראל אל א״ד, האָבן די יידן געשריען צו גאָט, ער זאָל זיי העלפן...

אין אַזאַ מין לעבן, וואָס איז געווען דורכאויס רעליגיעזיטעט, האָבן געמוזט פון זיך אַליין אַרויסקומען אַזעלכע אויסדרוק־פאָרמען, וואָס זאָלן דערהויבן דעם ייד און אים דערנעענטערן צו זיין גאָט. דער בעסטער מיטל צו דערגרייכן עס איז געווען מוזיק.

עס איז דערפאַר גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז ביי די יידן האָט זיך איינגעוואָרצלט דאָס גלויבן, אַז מוזיק האָט אין זיך געטלעכ־קייט פונקט ווי נבואה. ווען די יידן האָבן תפילה געטון צו גאָט, זיך גע־וואָלט דערנעענטערן און באַהעפטן צו אים, האָבן זיי עס געטון דורך שירה און זמרה. שירה וזמרה איז דאָס, וואָס באַהעפט דעם ייד מיט זיין גאָט, ווייל גאָט האָט עס אויסדערווײלט: הבוחר בשירי זמרה. דערפאַר זיינען אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס ביי יידן פאַרבונדן מיט נגינה. אַפילו אַ סך שפּעטער, ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען אויף זיין הויך, האָט מען ביים צוגרייטן די בשמים פאַר קטרת געזונגען: ה־דק הי־טוב, הי־טוב ה־דק (דין גוט־דין, גוט־דין דין). דער צוגרייטער פון די בשמים האָט געדאַרפט זינגען לויט זיינע באַוועגונגען און ריטם פון דער אַרבעט, די ווערטער וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם ציל פון זיין אַרבעט. און דער ציל פון זיין אַרבעט איז געווען, אַז די בשמים זאָלן אַרויסקומען זייער דין; מפני שהקול יפה לבשמים, ווייל דאָס זינגען איז גוט פאַ רדי בשמים (תנא רבי נתן אומר).

יידישע נגינה אין ארץ־ישראל אין די צייטן פון שמואל הנביא

אין די צייטן פון שמואל הנביא (889 יאָר פאַר דער נייער צייט־רע־כענונג) טרעפט מען שוין דאָס יידישע פאָלק גוט מוזיקאַליש אַנטוויקלט. אין גבעה עקזיסטירט שוין אַן אַקאַדעמיע פון וואָקאַלער און אינסטרו־מענטאַלער מוזיק. (שמואל א׳ י׳).

די מוזיק וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די קאָמפּאַקטע צענטערן ווי גבעה, האָט זיך דורך פאַרשידענע פאַקטאָרן צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און דערגרייכט צוריק צו איר מקור, צום פרימיטיוון פעלד־אַרבע־טער, צו דעם וואָס האָט געשאַפן די ערשטע טענער און אינטערוואַלן ביי זיין אַרבעט. אַזוי אַרום האָט מען אין גאַנצן לאַנד געזונגען לידער, גע־שפּילט מוזיק ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, פאָלקס ימים־טובים און פאַ־מיליערע פאַרוויילונגען.

די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס מען האָט דעמאָלט באַנוצט זיינען געווען: נבל, תוף, חליל און כנור (שמואל א׳) און גרויס איז דאַן געווען דער גלויבן אין דער מאַכט פון די אינסטרומענטן, אין דעם כח פון

מוזיק, אז מען האָט גענוצט די מוזיק צו היילן מעלאַנכאָליש־קראַנקע מענטשן (שאול המלך). (שמואל א׳ ט״ז). דאָס באַשטעטיקט אַז דאָס יידישע פאָלק איז שוין דעמאָלט, מיט 2839 יאָר צוריק, געווען מוזיקאַ־ליש אַנטוויקלט און געוואוסט דעם כח און ווירקונג פון מוזיק אויף גייסטיק־קראַנקע, אַ זאַך וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט ערשט נישט לאַנג באַשטעטיקט.

דעסקורעל אין זיין ווערק „די מעדיצין פון די פאַסיאָנעס״, ברענגט אַ סך פאַקן פון גייסטיק־קראַנקע מענטשן, וועלכע זיינען פולקאָם אויס־געהיילט געוואָרן דורך מוזיק.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז כאָטש די תורה דערציילט וועגן מוזיק ווי אַ נאַטירלעכע דערפינדונג (בראשית ד׳ ב׳) און ניט ווי אַ געטלעכע דערשיינונג, ווי עס האָבן געגלויבט די אַנדערע פעלקער פון יענער אַלטער צייט, פונדעסטוועגן איז גאָטס שטים דערקענט געוואָרן דורך מוזיק. א״ד בקול שופר. קול דממה דקה, א״א. דער יידישער צוגאַנג צו מוזיק אין אַלגעמיין איז אַ גאַנץ פשוטער און מענטשלעכער. די יידישע רעליגיע מאַכט ניט קיין קולט פון מוזיק אַלס אַזעלכע, זי ווערט ניט אַנערקענט פאַר אַ ציל אין זיך גופא, נאָר מוזיק איז אַ מיטל זיך צו דערנענטערן און פאַראייניקן מיט גאָט.

דער גאַנצער באַגאַזש פון מוזיקאַלישע דערגרייכונגען, וואָקאַלע און אינסטרומענטאַלע פון אַלע תקופות פון יידישן שאַפן, ביז שמואל הנביא, גייט אַריבער צו אַ העכערער און מער אַנטוויקלטער תקופה צו די צייטן פון דוד המלך.

יידישע נגינה אין די צייטן פון דוד המלך

(לערך 1049־490 פאַר דער נייער צייט־רעכענונג)

שאול המלך פאַרלירט זיין לעצטן קאַמף מיט די פלישתים. ער נעמט זיך דאָס לעבן אויפן שלאַכטפעלד. אויף זיין אָרט ווערט קעניג פון ישראל, דוד בן ישי.

דוד המלך האָט באַגליקט אין אַלע זיינע מלחמות וואָס ער האָט גע־פירט מיט די פעלקער פון אַרום ארץ־ישראל. ער האָט שטאַרק באַפעס־טיקט דאָס לאַנד, צו קאָנען זיך פאַרטיידיקן פון וועלכן ניט איז אָנגריף פון די שכנים־פעלקער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פעסטע רעגירונג, געשאַפן אַ שטענדיקע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע און געשאַפן אין לאַנד אָרדענונג און דיסציפּלין.

דאַן האָט ער זיך גענומען איינצואָרדענען די רעליגיעזע צערעמאָניעס אין פאָלק. אַלס העכסטן צענטער פון לאַנד האָט ער באַשטימט זיין וואוינאָרט; עיר דוד (מצדת ציון היא עיר דוד שמואל ב׳), צו דעם צוועק האָט ער פאַראָרדנט צו ברענגען דעם ארון האלהים פון גבעת.

דאָס ברענגען דעם ארון האלהים פון גבעה קיין עיר דוד (שפּעטער ירושלים) האָט דוד איינגעאָרדנט מיט אַזוי פיל פּראַכט און גלאַנץ, מיט אַזוי פיל אָרדענונג און דיסציפּלין, אַז עס האָט אַרויסגערופן אויסערגע־ווײנלעכן ענטוזיאַזם, פרייד און התלהבות ביים פאָלק (שמואל ב׳ י׳).

צו זיין געשולטן מיליטער וואָס האָט אים באַגלייט אין זיינע מלחמות, האָט ער צונויפגערופן נאָך דרייסיק טויזנט פון ציווילע יידן, און צוזאַמען מיטן פאָלק פון שבט יהודה, איז ער געגאַנגען קיין גבעה איבערנעמען דעם ארון האלהים. דער פּאַראַד, וואָס דוד האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם איבערפירן דעם ארון האלהים, איז געווען אויסערגעוויינלעך מיט זיין שיינקייט, אָרדענונג און עמאָציע.

גרויסע אָרקעסטערס צוזאַמענגעשטעלט פון כנורות, נבלים, תפים, נענעים און צלצלים, האָבן געשפּילט די פון דוד באַשטימטע מוזיק. ודוד וכל בית ישראל משחקים לפני א״ד בכל עצי ברושים, ובכנורות, ובנבלים, ובתפים, ובמנענעים, ובצלצלים (שמואל ב׳, ה׳), ביז דער ארון האלהים איז געבראַכט געוואָרן אין עיר דוד, באַגלייט מיטן שאַלן פון חצוצרות און שופר.

עס איז צו באַוואונדערן די אויסערגעוויינלעכע געניאַלע מוזיקאַלישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פון דוד, צו קאָנען פאַר אַזא קורצער צייט, וואָס ער האָט געקעניגט אין חברון (7 יאָר) איינאָרדענען און דיסציפּלינירן גרויסע אָרקעסטערס פון די אויסגערעכנטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, געמאַכטע פון ברושים האָלץ. און פון דעם איז אויך לייכט צו מערקן דעם פּראָגרעס פון דער יידישער נגינה אין יענער תקופה, צו האָבן אַזוי פיל נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און שפּילער.

די אגדה האָט באַצירט דוד המלך מיט שיינע לעגענדעס צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער מוזיקאַלישקייט. איבער דודס בעט וואו ער איז געשלאָפן, איז געהאַנגען אַ כנור. ווען עס איז געוואָרן האַלבע נאַכט, האָט אָנגעהויבן בלאָזן אויף די סטרונעס אַ צפון־ווינט און דער כנור האָט פון זיך אַליין אָנגעהויבן צו שפּילן, און אַזוי אַרום אויפגעוועקט דודן צו זינגען זיינע שירות ותשבחות צו גאָט (ברכות ג׳, עמוד ב׳).

צוליב זיינע גרויסע פּעולות פאַר די יידן, זיינע מלחמות, זיינע תפלות און תהלים, האָט מען געזאָגט: דוד מלך ישראל חי וקיים, דוד דער קעניג פון ישראל, לעבט און וועט לעבן אייביק. אין זהר, — דוד מלכא חיי וקיים לעלם ולעלמי עלמין, דוד דער קעניג לעבט און וועט לעבן אויף אַלע אייביקייטן. דוד וועט זיין מלך המשיח, ובקשו את א״ד ואת דוד מלכם, זיי וועלן בעטן גאָט און דוד זייער מלך (הושע ג׳).

דוד רעכנט זיך צווישן די 7 פּאַסטוכער, די אושפּזין (געסט) אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד. אַז משיח וועט קומען, וועט דוד זיין העכער פון די אבות (פסחים ק״ט).

אויך די אַראַבער האָבן אַ סך לעגענדעס וועגן דער מוזיקאַלישקייט

פון דוד המלך. אין „קאָראַן" ווערט דערציילט, אַז דוד המלך האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטימע צום זינגען און צום רעדן. זיין זינגען האָט שטאַרק באַגייסטערט זיינע צוהערער. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען, האָבן מיט אים מיטגעזונגען די בערג, די פייגל פון הימל און די חיות פון דער ערד. גאָט האָט איבערגעגעבן דודן דעם ספר תהלים, וואָס אַנטהאַלט 150 מזמורים צו זינגען און צו שפּילן פאַר גאָט. 50 פון די מזמורים דערציילן וועגן נבוכדנצר אין בבל, 50 דערציילן וועגן יון (גריכנלאַנד) און 50 זיינען דברי חכמה (קאָראַן).

ווען דוד המלך איז אַלט געוואָרן און האָט איבערגעגעבן די מלוכה צו זיין זון שלמה („ודוד זקן ושבע ימים וימלך את שלמה בנו על ישראל" — דברי הימים א׳ כ״ג) האָט ער צוזאַמענגערופן אַלע עלטסטע פון די יידן, אויך די כהנים און לוים און האָט יעדערן פון זיי באַשטימט זיין ראַנג, זיין אויפגאַבע און פליכטן אין בית המקדש. פיר טויזנט מהללים זינגער און שפּילער פאַר גאָט מיט די מוזיקאַלישע כלים וואָס דוד האָט דערפינדן צו שפּילן. („וארבעת אלפים מהללים לי״ד בכלים אשר עשיתי להלל", — (דברי הימים א׳, כ״ג, ה׳). די קינדער פון אסף, הימן און ידותון, די שפּילער אויף כנורות, נבלים און צלתים, („לבני אסף והימן וידותון הנביאים בכנורות, בנבלים ובמצלתים, — ד״ה, א כ״ה) וועלכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט לערנען מוזיק צו זייערע קינדער. זיי זיינען געווען די מלמדי שיר, די וואָס האָבן געלערנט געזאַנג, צוזאַמען 288 לערער פון מוזיק.

צו אַזאַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם האָט דערגרייכט די יידישע נגינה אין דודס צייטן: 4000 מהללים, זינגער און שפּילער פאַר גאָטס הויז און 288 מלמדי שיר, פון וועלכע עס זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן גרויסע כאָרן און אָרקעסטערס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מנצח׳ס (דברי הימים א׳ כ״ג ד׳).

די מוזיקאַלישע דערגרייכונג און אָרגאַניזאַציע פון יענער צייט, איז צו פאַרדאַנקען די אויסערגעוויינלעכע גאונישע מוזיקאַלישע פעאיקייטן פון דוד. דאָס יידישע פאָלק האָט אָבער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַזאַ דערגרייכונג. אין יעדער דור, אין יעדער תקופה זיינען געשאַפן געוואָרן לויט די אומשטענדן וואָס דאָס לעבן האָט געבראַכט נייע מעלאָדיעס, נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און נייע לידער.

דוד האָט דאָס אַלץ געפּולירט, אָרגאַניזירט און קאַנאָניזירט. אין זיין צייט האָט מוזיק פאַרנומען אַ גאָר חשובן אָנזען ביי רעליגיעזע פייערונגען, וועלכע זיינען שפּעטער איינגעפירט געוואָרן מיט אַזוי פיל אָרדענונג און פייערלעכקייט אין בית המקדש, וואָס זיין זון שלמה האָט געבויט. די נגינות וואָס מען האָט געשפּילט און געזונגען אין בית המקדש, זיינען דערנאָך פּאָפּולאַריזירט געוואָרן צווישן פאָלק דורך די נביאים, חוזה׳ס (מוזיקער) און פון די עולי לרגל, די וואָס פלעגן קומען קיין

ירושלים צום בית המקדש אין די ימים־טובים פון פסח, שבועות און סוכות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די מעלאָדיעס, וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש, זיינען געווען פאַרהייליקט ביי די יידן. מיט דער נגינה האָט מען תפלה געטון צו גאָט, געזונגען מזמורים געפייערט די ימים־טובים — רעליגיעזע, נאַטירלעכע און נאַציאָנאַלע. די נגינה איז אריין אין בלוט פון דעם יידישן פאָלק וואָס האָט זי פאַרהייליקט און טייער געהאַלטן איבערגעבנדיק עס פון דור צו דור.

די יידישע נגינה אין די צייטן פון בית ראשון

(832־422 פ״ק, לערך)

ווען שלמה האָט באַנייט דעם בית המקדש, האָט ער געהאַט איינ־געאָרדנט די עבודת הקודש לויט דער אָרגאַניזירונג פון דוד המלך זיין פאָטער. עס זיינען געווען צוגעגרייטע גרויסע אָרקעסטערס, כאָרן און סאָליסטן מיט זייערע מנצחים, וועלכע האָבן דורכגעפירט אין בית המקדש די צוויי עלעמענטן: שירה און זמרה — פּאָעזיע און געזאַנג.

די פאַראייניקונג פון שירה מיט זמרה האָבן דורכגעפירט די כהנים און לוים מיט זייערע פּרעכטיקע כאָראַלע געזאַנגען, באַגלייט מיט גוט אָרגאַניזירטע אָרקעסטערס.

פון די טייערסטע האָלץ „אלמוגים״, וואָס די שיפן פון חירם מלך צור האָבן געבראַכט צו שלמהן, האָט שלמה געמאַכט מוזיקאַלישע אינ־סטרומענטן, כנרות ונבלים צו די זינגער, („ויעש המלך את עצי אלמוגים... וכגרות ונבלים לשרים, מלכים א׳ ד׳) אַזעלכע האָלץ האָט מען מער ניט געזען ביז היינטיקן טאָג („לא בא כן עצי אלמוגים ולא נראה עד היום הגה״ (דאָרט).

אין די צייטן פון בית ראשון און פאַר דעם בית ראשון, זיינען גע־ווען ווייניק קאַנאָניזירטע אַלגעמיינע תפלות. יעדער איד האָט תפלה געטון צו גאָט, ווי ער האָט פאַרשטאַנען און געבעטן וואָס עס האָט אים געפעלט, (תפלת חנה). דאַקעגן דער וואָקאַלער געזאַנג פון די הימנען און מזמורים און דער אינסטרומענטאַלער געשפּיל פון די אָרקעסטערסט, זיינען געווען פילפאַרביק און גוט אַנטוויקלט.

אין בית המקדש האָט מען געזונגען יעדן טאָג מיט אינסטרומענטאַ־לער באַגלייטונג אַ שיר של יום, אַ באַשטימטן שיר. יעדער שיר של יום האָט געהאַט זיין באַשטימטע מעלאָדיע און די מעלאָדיעס זיינען מיט דער צייט אַזוי באַקאַנט געוואָרן אין פאָלק, אַז ווען מען האָט געהערט אין בית המקדש דעם שיר של יום, האָט מען געוואוסט דעם טאָג: זונ־טיק האָט מען געזונגען לדוד מזמור. מאָנטיק — שיר מזמור לבני קרח,

דינסטיק — מזמור לאסף, מיטוואָך — אל נקמות, דאָנערשטיק — למנצח על הגיתית, פרייטיק — א״מלך, שבת — מזמור שיר של יום השבת.

אויסער דעם שיר של יום, זיינען געווען אין בית המקדש באַשטימ־טע קאָמבינאַציעס פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וועלכע מען האָט געשפּילט ביי די פאַרשידענע קרבנות וואָס מען האָט דאָרט מקריב געווען (ערכין י׳). דער רמב״ם דערקלערט אין מורה נבוכים דעם ענין קרבנות, און באַטאָנט דאָרט די וויכטיקייט פון מוזיקאַלישן אינסטרומענטאַלן צו־שפּיל ביים מקריב זיין אַ קרבן.

קרבן קומט פון וואָרט קרב — נאָענט, צו דערנענטערן דעם מענטשן מיט זיינע געדאַנקען צו גאָט.

די כהנים און לוים האָבן מיט זייער שפּילן און זינגען געזוכט אויפ־צואוועקן אין הארצן פון דעם יעניקן וואָס האָט געבראַכט אַ קרבן צו גאָט (ווייל אַ קרבן האָט מען געבראַכט, ווען מען איז באַגאַנגען אַ וועלכן ניט איז זינד אָדער אַלס דאַנק־אויסדרוק צו גאָט: אַ קרבן תודה), אַ געפיל פון חרטה אויף זיינע זינד אָדער אַ געפיל פון דערהויבונג ביים ברענגען דעם קרבן תודה, האָט מען ביי יעדן געבראַכטן קרבן געשפּילט אויף די פון פריער באַשטימטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, די יעניקע מעלאָדיעס וואָס האָבן שטאַרק געווירקט אויף דעם וואָס האָט געבראַכט דעם קרבן.. און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און צו פילן אַז ניט מיט דעם בראָטן פלייש פון דעם קרבן וואָס ער האָט ערשט מקריב גע־ווען, וועט ער אויסבעטן ביי גאָט מחילה פאַר זיינע געטאָענע זינד, נאָר אַז ער מוז דערביי אויסדריקן זיין אויפריכטיקע חרטה אויף דאָס גע־טאָנענע און אַ פליכט אַ הייליקע פליכט אויף ווייטער מער דאָס ניט צו טאָן. (זע 2טע טייל תהלים).

***

פון די קוואַלן פון משנה און תלמוד קאָן מען זיך שאַפן פיל ווינציק, אַ ריכטיקן בילד ווי אַזוי עס איז געווען אָרגאַניזירט דאָס זינגען און שפּילן אין בית המקדש (ערכין י׳).

דאָס געזאַנג און אינסטרומענטאַלער געשפּיל האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער פרי, ווען מען האָט מקריב געווען דעם קרבן התמיד, נאָכדעם ווי די כהנים האָבן מתפלל געווען די תפילת הפתיחה. איינער פון די כהנים האָט געלאָזט הערן די „מגרפה״, אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט, וואָס האָט געקאָנט אַרויסברענגען ביז 100 טענער, (ערכין י״א). איניקע פאַרשער זיינען מיט דער מיינונג, אַז „מגרפה״, איז געווען אַ מין אָרגל אָדער דער פאָרגייער פון אָרגל. די טענער פון דער „מגרפה״ האָט מען געהערט מיילן ווייט פון ירושלים, (דאָרט).

מיטן שפּילן אויף דער „מגרפה" האָט מען געגעבן אַ צייכן אָדער דעם טאָן די לוים, אַז זיי זאָלן אַריינגיין לדבר בשיר, זינגען די מזמורים. צוויי כהנים האָבן זיך גלייך געשטעלט אויף די טרעפּ פון מזבח, יעדער איינער פון זיי האַלטנדיק אַ חצוצרה (אַ לאַנגער זילבערנער סיגנאַל־אינסטרומענט) און ביידע האָבן געבלאָזן תקיעה, תרועה תקיעה. דערנאָך זיינען זיי צוגעגאַנגען צום ממונה (מנהל, דיריזשאָר), איינער האָט זיך געשטעלט צו זיין רעכטער זייט און דער צווייטער צו זיין לינקער זייט. ווען דער סגן (סופּלענט) פון דעם כהן גדול האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אָנהייבן זינגען מיטן כאָר און אָרקעסטער, האָט דער ממונה אַ קלינג געטון מיט אַ זילבערנעם גלעקל, וואָס ער האָט געהאַלטן גרייט אַלס אַ צייכן, אַז די לוים זאָלן אָנהייבן זינגען דעם שיר של יום.

ווען די לוים זיינען געקומען צו אַ פּויזע (אַן אָפּשטעל), האָבן די צוויי כהנים געבלאָזן מיט די חצוצרות אַ תקיעה. דאַן האָבן אַלע יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין דער עזרה, זיך געבוקט (כורעים געפאַלן). אַזוי ביי יעדער פּויזע פון די לוים, ביז זיי האָבן געענדיקט דעם שיר של יום צו דעם זיינען צוגעקומען כאָראַלע געזאַנגען און אינסטרומענטאַלער געשפּיל צו יעדן קרבן יחיד און קרבן צבור. (ערכין י"א).

ווי עס איז צו זען פון דעם געזאָגטן, איז זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין יענע צייטן פאַרמאָגט אַ פאַרצווייגטע און אָרגאַניזירטע מיזיק פון גרויסן פאַרנעם (לויט יענע צייטן), וואָס האָט אַפילו געלאָקט די ביטערסטע שונאים פון ישראל. ביי גלות בבל, ווען מען האָט די יידן געטריבן פון ארץ־ישראל אין גלות קיין בבל, האָבן די בבלאָנער אויפגעפאָדערט די יידישע זינגער און שפּילער, זיי זאָלן פאַר זיי זינגען און שפּילן די געזאַנגען פון ציון „שירו לנו משיר ציון".

סנחריב מלך אשור באַרימט זיך, אַז ער האָט גענומען געפאַנגען די זינגערס און זינגערינס פון חזקיהו מלך יהודה.

די קירכע האָט איבערגענומען די יידישע נגינה און זי געמאַכט פאַר דעם יסוד פון איר עבודת הקודש (גאָטעס־דינסט). זייערע ערשטע הויכע גייסטלעכע האָבן באַפוילן די ניי־גלויביקע קריסטן, אַז זיי זאָלן אין זייערע קלויסטערס זינגען נאָר די נגינות פון דוד בן ישי, די מזמורים פון תהלים (פּסאַלמען), וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש.

פּראָצעסיעס מיט מוזיק אין ארץ־ישראל (תהלוכה) אין די צייטן פון בית ראשון

אין די צייטן פון בית המקדש פלעגן זיך גרופּירן יידן אין פּראָצעסיעס באַגלייט מיט געזאַנג און מוזיק און האָבן זיך געצויגן צום הר הבית. דאָס איז פאָרגעקומען ביי אַלע פאָלקס־פייערונגען און יום־טובים. דער מנהג צו גיין צו אַ רעליגיעזן צענטער אויף אַ יום־טוב אָדער

פאָלקס־פאַרווײַלונג, איז געווען ביי די יידן זייער אַן אַלטער (שמואל א׳ ג׳). גרופּעס יידן און יחידים פון אַרום, זיינען געגאַנגען אויף יום־טוב קיין „שלה״, וואו אלי מיט זיינע זין זיינען געווען די כהנים, האָבן דאָרט מקריב געווען קרבנות, געפּראַוועט סעודות און זיך פאַרווײַלט.

די פּראָצעסיעס, וואָס זיינען שפּעטער געגאַנגען צום בית המקדש, זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט, גוט צוגעגרייט מיט אָרקעסטערס און כאָרן און שטאַרק באַזוכט פון פאָלק און הויכע רעגירונגס־באַאַמטע.

איינע אַזאַ פּראָצעסיע, „תהלוכה״, ווערט מייסטערהאַפט געשילדערט אין תהלים אין קאַפּיטל ס״ח.

אין אַ הויך פּאַטעטישער שפּראַך שטעלט פאַר אונדז פאַר דער מזמור ס״ח אַ פּראָצעסיע, וואָס איז געגאַנגען צום בית המקדש אין אַ יום־טוב־טאָג. די פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט, די אָרדענונג און דיסציפּלין.

קדמו שרים — פאָרויס זיינען געגאַנגען די זינגער, די כאָרן. אחר נגנים — נאָך זיי זיינען געגאַנגען די שפּילער, דער אָרקעסטער. בתוך עלמות תופפות — זיי זיינען געגאַנגען צווישן שורעס מיידלעך, וואָס האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט אויף פּייקלעך מיט גלעקלעך. במקהלות ברכו אלהים — מיט כאָרן לויט גאָט.

נאָך די כאָרן און אָרקעסטערס איז געגאַנגען דער ייִנגסטער פון די שבטים, שם בנימין צעיר רדם — דער ייִנגערער, דער שטאָלצער, דער געוועלטיקער. נאָכן שבט בנימין זיינען געגאַנגען די האַרן פון יהודה, דער שטאַרקסטער פון די שבטים, אויסגעפּוצט יום טובדיק אין זייערע פּאַראַדנע קליידער, שרי יהודה רגמתם, נאָך זיי זיינען געגאַנגען די האַרן פון שבט זבלון און די האַרן פון נפתלי — שרי זבלון שרי נפתלי, הינטער די אָפיציעלע אויטאָריטעטן איז געגאַנגען דאָס פאָלק, באַשטראַלט פון פרייד און עקסטאַז.

דאָס בילד פון דער פּראָצעסיע איז אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פאַרבנרייך געשילדערט, אַזוי רעליעף, אַז עס ווייזט זיך אויס, ווי די פּראָצעסיעס וואָלטן פאָרגעקומען אין אונדזער צייט פאַר אונדזערע אויגן. דאָס בילד ווירקט שטאַרק אויף אונדזער פאַנטאַזיע און עס טראָגט אונדז אַריבער צו אונדזער הערלעכער פאַרגאַנגענהייט.

די פּראָצעסיע פון ברענגען בכורים אין בית המקדש

די תורה האָט אָנגעזאָגט: והיה כי תבוא אל הארץ, אז דו וועסט קומען אין דעם לאַנד, וואָס גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה, וועסט עס ירשנען און באַזעצן; ולקחת מראשית כל פרי האדמה, זאָלסט נעמען פון די ערשטע פרוכטן פון דער ערד, וואָס גאָט וועט דיר דאָרט געבן, זאָלסט זיי אַריינלייגן אין אַ קויש און זאָלסט עס ברענגען אין גאָטס הויז (כי תבוא דברים, כ״ו).

די מצוה פון ברענגען בכורים איז נאָר איינגעפירט אין ארץ־ישראל און נאָר אין די צייטן פון בית המקדש. די בכורים האָבן געדאַרפט זיין נאָר פון פאָלגנדע מינים: ווייץ, גערשטן, וויינטרויבן, פייגן, איילבערטן און טייטלען. די אַלע פרוכטן האָבן געדאַרפט זיין פון דאָס בעסטע וואָס דאָס לאַנד האָט אַרויסגעגעבן. די רייכע, די פאַרמעגלעכע האָבן געבראַכט זייערע בכורים אין גאָלדענע און זילבערנע קערב, די מיטעלע און אָרעמע האָבן געבראַכט זייערע בכורים אין געפלאָכטענע קוישן פון ווייכע ריטלעך.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער חג הבכורים — חג השבועות; האָט שוין יעדער ייד, וואָס האָט געהאַט פאַרזייט זיין פעלד אָדער וויינגאָרטן, געהאַט אָפּגעקליבן די ערשטע און בעסטע פרוכט פאַר בכורים צו ברענגען קיין ירושלים צו גאָטס הויז. שיין באַצירט זיין קויש מיט בכורים, איז יעדער ייד געגאַנגען צום צענטער פון זיין געגנט, זיך צו פאַראייניקן מיט די אַלע בכורים־ברענגער וואָס גייען קיין ירושלים.

דאָרט האָבן זיי איבערגענעכטיקט און גאַנץ פרי האָט דער אָנפירער פון דער גרופּע זיי אויפגעוועקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

קומו ונעלה ציון אל בית אלהינו! שטייט אויף, לאָמיר אויפגיין קיין ציון צו אונדזער גאָטס הויז. די ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט התלהבות, מיט עקסטאַז, האָבן ווי עלעקטריזירט דעם צוזאַמענגעקומענעם עולם און אַלע ווי איינער האָבן איבערגעחזרט זינגענדיק אין כאָר: קומו ונעלה ציון אל בית אלהינו. דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער און פייערלעכער, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אין גאַנג קיין ירושלים, עס האָט פאַרהילכט דעם גאַנצן געגנט און אָנגעפילט די לופט מיט פרייד און קדושה. דער אָקס וואָס איז באַשטימט געווען פאַר אַ קרבן (שלמים) גייט פאָרויס. זיינע הערנער זיינען באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער, זיין קאָפּ איז אַרומגענומען מיט אַ קרוין, געפלאָכטן פון אויל־בירט בלעטער. אַ פלייטן־שפּילער שפּילט און באַגלייט די געזאַנגען פון די בכורים־ברענגער דעם גאַנצן וועג ביז ירושלים. אין אַלע געגנטן, וואו די בכורים־פּראָצעסיע איז דורכגעגאַנגען, זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן פון די ישובים מיט גרויס פרייד און ענטוזיאַזם און באַזאָרגט געוואָרן מיט עסן און טרינקען פון דאָס בעסטע, אַרויסבאַגלייטנדיק זיי מיט די האַרציקסטע ברכות, געזאַנג און טענץ. אַזוי זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן אומעטום, ביז זיי זיינען געקומען צו די טויערן פון ירושלים.

פון ירושלים זיינען אַרויסגעגאַנגען מקבל פנים זיין די בכורים־פּראָצעסיעס, דער אינטענדענט פון שטאָט מיט אַלע העכערע באַאַמטע, וועלכע האָבן פריינטלעך באַגריסט די געסט און זיי איינגעלאַדן אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין אַלס ערן־געסט פון דער אייביקער שטאָט ירושלים.

דער פלייטן־שפּילער גייט פאָרויס און שפּילט דעם פּאָפּולערן בכורים ניגון; אַלע בכורים ברענגער גייען שטאָלץ מיט זייערע באַצירטע קערב

אויף זייערע אַקסלען, די באַפּעלקערונג פון ירושלים באַגלייט זיי, ביז זיי גייען צו צום הר הבית.

אין דער עזרה פון בית המקדש נעמט יעדערער פון די בכורים־ברענגער זיין קויש מיט בכורים און גיט עס איבער צום כהן. דער כאָר פון די לוים זינגט דעם הימן, ארוממך א"ד כ' דליתנו ולא שמחת אויבי לי. דער גאַנצער עולם זינגט מיט. נאָכן לייענען די פּרשה פון בכורים האָבן זיי זיך געבוקט (געפאַלן כורעים) און זיינען ארויסגעגאַנגען פון בית המקדש באַגייסטערטע, צופרידענע און גליקלעכע.

די נאַכט פון נאָך זייער ברענגען די בכורים האָבן זיי פאַרבראַכט אין ירושלים.

די פּראָצעסיעס פון די עולי לרגל קיין ירושלים צו פייערן די ימים־טובים: פּסח, שבועות און סוכות

די תורה זאָגט: שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון א"ד (שמות כ"ג). דריי מאָל אין יאָר: פּסח, שבועות און סוכות זאָלן געזען ווערן אַלע דיינע מענער פאַר גאָט. דערפאַר האָט מען איינגעפירט, אַז אַלע מענער פון די יידן פון גאַנץ ארץ־ישראל, זאָלן גיין אויף יום־טוב (עולי לרגל) קיין ירושלים, פייערן די דערמאָנטע דריי וויכטיקע אַגרי־קולטור ימים טובים פאַר גאָט אין בית המקדש.

צוליב דער גרויסער באַדייטונג וואָס דאָס עולי רגל זיין האָט געהאַט פאַר דעם פּאָליטישן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, פינאַנציעלן און קולטורעלן לעבן פון יידישן פאָלק, האָט די רעגירונג געזאָרגט, אַז די וועגן וואָס פירן קיין ירושלים פון אַלע עקן פון לאַנד, זאָלן זיין אין אַ גוטן צושטאַנד, כדי די וואָס וועלן דאַרפן גיין קיין ירושלים זאָלן ניט האָבן קיין שטער־רונג. פון ראש חדש אדר האָט מען גענומען צורעכטמאַכן די וועגן וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן דורך די רעגנס (שקלים פ'א), זיי זאָלן זיין באַקוועם פאַר די וואָס גייען קיין ירושלים צו פייערן דעם יום־טוב פּסח.

מען האָט געגראָבן ברונעמער לעבן די וועגן, כדי די עולי לרגל, זאָלן האָבן גענוג וואַסער צום טרינקען (תענית י"ט). די בעלי בתים פון די פאַרפאַר־הייזער און פּענסיאָנען פון ירושלים האָבן ניט געטאָרט נע־מען קיין געצאָלט (ביי די עולי לרגל) פאַרן עסן און שלאָפן, פאַר דער צייט פון יום־טוב. עס זיינען געגרייט געוואָרן הערלעכע קבלת פנים און ספּעציעלע פייערלעכקייטן פאַר די עולי לרגל, פון דער רעגירונג און פון שטאָט. די השובע פון ירושלים פלעגן ארויסגיין הויץ דער שטאָט אויפ־צונעמען די עולי לרגל און אַריינצופירן זיי מיט גרוים פּאַראַד, מוזיק און געזאַנג קיין ירושלים. דאָס באַזוכן ירושלים איז שטענדיק געווען דער שענסטער חלום פאַר די ארץ־ישראל בירגער, ווייל ירושלים איז געווען די קרוינשטאָט פון ארץ־ישראל און דער העכסטער רעליגיעזער

צענטער, און יעדער איינוואוינער פון לאַנד האָט זיך געשעצט גליקלעך צו באַזוכן ירושלים כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן.

ווען עס איז געקומען די צייט צו גייען קיין ירושלים, האָבן זיי געזונגען: שמחתי באמרים לי בית א״ד נלך, איך האָב זיך געפרייט, ווען מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיר גייען צו גאָטס הויז. ווען מיר זיינען געקומען צו די טויערן פון ירושלים, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט; עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, אונדזערע פיס זיינען געבליבן שטיין אין די טויערן פון ירושלים און געוואַרט אויף די פאַרשפּעטיקטע, כדי צו־זאַמען קאָנצענטרירן אונדזער שמחה, אונדזער ענטוזיאַזם צו גייען צו גאָטס הויז; ירושלים הבניה בעיר שחוברה לה יחדו, ירושלים די געבויטע מיט אַזוי פיל שיינקייט, איז גלייך ווי אַ שטאָט, וואָס אַלע אַרכיטעקטאָרס און בוי־מייסטערס האָבן זיך פאַראייניקט צו פאַרשענערן און באַצירן; ששם עלו שבטים שבטי י״ה, ווייל דאָרט זיינען אויפגעגאַנגען די שבטים, די שבטים פון גאָט. עדות לישראל, איז אַ באַשטעטיקונג פאַר די יידן, להודות לשם א״ד, אַז ירושלים איז דאָס אָרט פאַר די יידן צו לויבן גאָט. (תהלים קכ״ב).

ירושלים האָט פאַראייניקט דאָס פאָלק ישראל און דאָס פאָלק ישראל האָט פאַרהייליקט ירושלים. שאלו שלום ירושלים (תהלים קכ״ב, ז׳), בעט ביי גאָט, עס זאָל זיין פרידן אין ירושלים, וועט זיין פרידן פאַרן פאָלק אין לאַנד.

און קומען קיין ירושלים זאָל מען ניט מיט ליידיקע הענט — אַזוי זאָגט אָן די תורה: ולא יראה את פני א״ד ריקם, איש כמתנת ידי כברכת א״ד אלהיך אשר נתן לך (דברים ט״ז).

ירושלים האָט זיך געניטיקט אין אַגריקולטור־פּראָדוקטן און אַנ־דערע דאָרפישע אויסאַרבעטונגען, האָבן עס די עולי לרגל אַריינגעבראַכט דריי מאָל אין יאָר: צו פּסח, שבועות און סוכות.

איז געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספער ביי די יידישע אַגריקולטאָרן פון וועלן זיך אויספיינען פאַר ירושלים און צו ברענגען דאָס שענסטע און בעסטע וואָס יעדערער האָט פּראָדוצירט.

האָבן זיך פאַר אַ יום־טוב קאָנצענטרירט די עולי לרגל פון יעדער געגנט אין איין פּונקט, אַלע אָנגעטון אין די יום־טובדיקע רעגיאָנאַלע קליידער, מיט פאַרפּוצטע פעקלעך מתנות פאַרן בית המקדש אין ירושלים און מיט אַ הערלעך געזאַנג: קומו, נעלה ירושלים עיר קדשנו, שטייט אויף לאָמיר אויפגיין קיין ירושלים אונדזער הייליקע שטאָט, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג.

פון יעדער ישוב, וואו די עולי לרגל איז אויסגעקומען דורכצוגיין, האָט מען זיי באַגעגנט מיט בלומען, פרייד, מוזיק און טענץ. מען האָט

זיי מכבד געווען מיט עסן און טרינקען פון דאָס בעסטע און אויך אַ גע־לעגער צום איבערנעכטיקן. אין יעדער ישוב האָבן זיך אָנגעשלאָסן נייע גורפּעס עולי לרגל. וואו די עולי לרגל זיינען דורכגעגאַנגען, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אויסערגעוויינלעכע שמחה און ענטוזיאַזם, אַזוי אַז זייער גייען קיין ירושלים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער הערלע־כער פּראָצעסיע פון אַלע עקן פון לאַנד ביזן בית המקדש.

אין ירושלים האָבן די עולי לרגל איינגעזאַפּט אין זיך די קדושה פון בית המקדש, די הייליקע געזאַנגען מיט די מזמורים, וואָס לוים האָבן געזונגען, ווי אויך די שיינקייט פון ירושלים מיט די נגונים און לידער וואָס מען האָט דאָרט געזונגען.

דאָס אַלצדינג האָבן זיי געבראַכט צו זייערע היימען. ווען זיי זיינען צוריק געקומען פון ירושלים, דאָרט עס געזונגען פאַר זייערע נאָענטע און באַקאַנטע, אַזוי אַרום האָט דאָס גאַנצע פאָלק געזונגען די הייליקע געזאַנ־גען פון בית המקדש, די שיינע געזאַנגען פון ירושלים און מיט דעם זיך פאַראייניקט און געהייליקט.

גאַנץ אָפט האָבן די עולי לרגל מיטגעבראַכט קיין ירושלים, צוזאַ־מען מיט זייערע מתנות, אויך שיינע נגונים און לידער וואָס זיינען גע־שאַפן געוואָרן אין זייערע היימען, אין זייערע געגנטן. און ירושלים האָט די נגונים און לידער אויפגענומען און געזונגען. מיט אַ צייט שפּעטער זיינען די נגונים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הערלעכע געזאַנגען פון מזמורים אין בית המקדש דורך די לוים און מנצחים.

אַ סך לעגענדעס און מעשיות ווערן דערציילט צווישן פאָלק, וועגן די עולי לרגל און וועגן די ניסים וואָס עס האָט מיט זיי געטראָפן אין וועג און אין זייערע היימען. די דאָזיקע לעגענדעס געפינען זיך אין מדרש שיר השירים.

חורבן בית ראשון, אָפּשלוס פון דער תקופה פון יידישער נגינה

דער בית המקדש, וואָס שלמה המלך האָט אויסגעבויט, איז גע־שטאַנען 410 יאָר, לערך פון 832 ביז 422 פאַר דער נייער צייט־רעכענונג.

פאַר דער תקופה האָבן געקעניגט אין מלכות יהודה 19 מלכים פון דודס דינאַסטיע. אין בית המקדש האָט מען געזונגען (מיט קליינע אויס־נאָמעס) די ריינע יידישע נגינה, וואָס דוד המלך און זיין זון שלמה האָבן איינגעפירט און קאָנאַניזירט. אין פאָלק האָט מען געזונגען די פאָלקס־געזאַנגען און אויך די הייליקע געזאַנגען, וואָס די עולי לרגל האָבן מיטגעבראַכט פון בית המקדש. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן די יידישע נגינה ביז אין יאָר 422 פאַר דער נייער צייט רעכענונג, ווען בבל האָט באַהערשט ארץ־ישראל, חרוב געמאַכט ירושלים, פאַרברענט דעם בית המקדש און אויסגעהרגעט אַ סך יידישע אַדעליקע, געבילדעטע, קינסטלער און ווירטואָזן. די וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָט ער פאַרטריבן אין גלות

קיין בבל. ירושלים איז געבליבן פארוויסט און מענטשן. אין די פראווינצן פון ארץ־ישראל האט נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, איבערגעלאזט נאר די ארעמע קלאסן מדלת העם.

די עבודה אין בית המקדש איז פארשטערט געווארן, די כהנים און לוים זיינען דערמארדעט געווארן פון בבלער סאלדאטן, און די לעבנגע־בליבענע זיינען פארטריבן געווארן אין בבל. די יידישע מוזע און די יידישע נגינה איז אויף א שטיק צייט פארשטומט געווארן אין ארץ־ישראל.

נעמען און פיגורן פון טעמי בבל	און טעמי טבריא
זרקא	זרקא
סגולתא	סגול
סגולתא וסולסתא	
מונח	מונח
רביעי	רביע
מהפך	מהפך
פשטא	פשטא
מקף שופר	זקף קטן
טרחא	זקף גדול
מירתא	מרכא
טפחא	טפחא
אתנח	אתנחתא
	פזר
	תלישא גדולה
תלישא קטנה	תלישא קטנה
קדמא	
	קדמא ואזלא
טרס	אזלא גרש
	גרשים
דרגא	דרגא
תביר	תריר
יתיב	יתיב
סלוק	סלוק
סגולתא	שלשלת
	קרני פרה
	ירח בן יומו
	מרכא כפולה



קאפיטל אכט

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער נגינה אין גלות בבל

ניט געווען ביי יידן קיין גרויסע פּאָליטיקער נאָך שלמה המלך. די צעטיילונג פון דער יידישער מלוכה אויף מלכות ישראל און יהודה. דער קעלבער־קולט אין דן און בית אל. דער אויסגאַנג פוןביידע מלוכות. די פאַרשידענע קהלות אין בבל. די נגינה פון ארץ־ישראל און בבל. די טעמי בבל, די טראָפּ פון בבל. דאָס לייענען תורה און נביאים שבת אין די בתי כנסיות. קאָנאָניזירט די כתבי הקדש. כאָר און אָרקעסטערס צו זינגען ארץ־ישראל נגינה אין בבל.

דער גלות בבל האָט געשלאָסן די תקופה פון דער יוגנט־צייט פון יידישן פאָלק. פאַר די לערך 900 יאָר, זינט די יידן זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים און האָבן זיך באַזעצט אויף זייער צוגעזאָגטן לאַנד, האָבן זיי זיך דאָרט גאַנץ נאַטירלעך אַנטוויקלט גייסטיק, פיזיש און עקאָנאָמיש, ווי יעדער יונג פאָלק וואָס באַזעצט זיך אויף זיין לאַנד.

זיי האָבן פאַר דער צייט פאַרגרעסערט זייער לאַנד, אַנטוויקלט אַן איינגנאַרטיקע רייכע קולטור, אַ וואונדערבאַרן הערלעכן בית המקדש, איינגעאָרדנט און קאָנאָניזירט די עבודת הקדש מיט געשולטע כאָרן און גרויסע אָרקעסטערס מיט זייערע מנצחים, ארויסגעגעבן פון זיך נביאים, גרויסע פערזענלעכקייטן, גייסטיקע ריזן, וואָס האָבן קיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אא״וו.

אין איין הינזיכט, און זייער אַ וויכטיקן, זיינען זיי געבליבן שטאַרק הינטערשטעליק: ניט געווען ביי יידן קיין גרויסע פּאָליטישע פערזענלעכקייטן נאָך שלמה המלך, וואָס זאָלן האָבן געקאָנט אָנהאַלטן דעם פּאָליטישן גלייכגעוויכט פון מדינת ישראל מיט די ארומיקע פעלקער, און אפילו אין לאַנד גופא. ניט געווען קיין פּראַקטישע שטאַטס־מענער, וואָס זאָלן האָבן געקאָנט פירן די רעגירונג און דאָס לאַנד אויף דעם ריכטיקן וועג פון דער וועלט־פּאָליטיק. ניט געווען אין ארץ־ישראל קיין שולע פאַר שטאַטס־מענטשן און שטאַטס־באַאַמטע. דאָס האָט געבראַכט צו זייער שלעכטע קאָנסעקווענצן אין לאַנד און צו אַ קאַטאַסטראָפּאַלער לאַגע פון פאָלק.

(מעגלעך אַז דאָס פעלן פון גרויסע פּאָליטיקער און שטאַטס־מענער

ביי יידן, האָט זיך גענומען פון דעם וואָס די יידן אַלס אַ פאָלק מיט שטאַרקע רעליגיעזע נייגונגען, האָבן אַלע מאָל געהאַט די איבערצייגטע אמונה און אומבויגזאַמען בטחון אין זייער גאָט, אַז ער (גאָט) וועט זיי באַשיצן פון אַלדאָס בייז. און דאָס זאָל זיין דער מאָטיוו וואָס האָט אַטראַ־פירט ביי זיי דעם געפיל פאַר פאָליטיק און האָט ניט דערמעגלעכט דעם אויפקום פון גרויסע פאָליטישע פערזענלעכקייטן און גרויסע שטאַטס־מענער).

ווייל נאָך דער קורצער צייט ווי די יידן האָבן איינגעפירט זייער מאָנאַרכיע — שאול, דוד און שלמה, האָט זיך גלייך נאָך שלמה המלכס טויט, דאָס יידישע פאָלק צעשפאָלטן אויף צוויי מלוכות: מלכות יהודה און מלכות ישראל. מלכות יהודה איז באַשטאַנען פון די צוויי שבטים, יהודה און בנימין מיט רחבם בן שלמה אַלס קעניג. מלכות ישראל איז באַשטאַנען פון 10 שבטים מיט ירבעם בן נבט אַלס קעניג. מלכות ישראל איז געווען אין צפון פון ארץ־ישראל מיט שומרון אַלס הויפּטשטאָט, און מלכות יהודה אין נגב פון ארץ־ישראל מיט ירושלים אַלס הויפּטשטאָט. און די צוויי מלוכות האָבן געפירט צווישן זיך מלחמות.

ירבעם, דער קעניג פון ישראל האָט געטון אַלץ כדי אָפּצו־

רייסן די צען שבטים פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע צו גיין קיין ירושלים דריי מאָל אין יאָר, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קומען פון די עולי לרגל קיין ירושלים האָט זיי פאַרברידערט און פאַראייניקט, ירושלים מיטןבית המקדש האָט זיי באַגייסטערט און צוגעצויגן. חוץ דעם האָבן זיי דאָרט געהערט תורה פון די כהנים און נביאים און די הערלעכע הייליקע נגינה פון די לוים אין בית המקדש, דערצו איז אַלע מאָל דער צו־זאַמענקום קיין ירושלים פון די עולי לרגל, געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַרן לאַנד צו לייזן שווערע מלוכה־פּראָבלעמען און לאָקאַלע ענינים.

איז, אויב זיינע 10 שבטים וועלן אָנהאַלטן די אַלטע טראַדיציע צו גיין דריי מאָל אין יאָר קיין ירושלים צום בית המקדש, איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן צו מלכות בית דוד, און כדי זיך צו פאַרהיטן פון דער פאַר אים סכנה, האָט ער זיך געפלייסט און אוועקגע־שטעלט גאָלדענע קעלבער אויף דער גרענעץ פון זיין מלוכה מיט מלכות יהודה. אין צפון און אין דרום, אין „דן" און „בית אל" און האָט באַ־פוילן זיינע 10 שבטים, זיי זאָלן דינען צו די קעלבער. און צוליב דעם אַז זיין באַפעל זאָל דורכגעפירט ווערן, האָט ער צעשטעלט שומרים אין די דערמאָנטע גרענעצן ניט צו לאָזן די יידן פון מלכות ישראל גיין קיין ירושלים אין שלש רגלים (תענית כ"ה). דאָס צעשפּאָלטן זיך פון דער יידישער מלוכה האָט די יידן צעבראָכן און זיי געמאַכט שוואַך קעגן זייערע שטענדיקע שכנים־שונאים און עס האָט ניט גענומען קיין סך צייט, אשור האָט באַזיגט און פאַרניכטעט מלכות ישראל און שפּעטער האָט בבל באַ־זיגט מלכות יהודה.

דער אויסגאַנג פון דיביידע מפלות

מלכות ישראל האָט ניט געהאַט קיין קעניגלעכע דינאַסטיע, צו וועלכער דאָס פאָלק זאָל זיין צוגעבונדן. די אַלטע טראַדיציעס פון דורות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהאַלטן, האָט ירבעם פאַרווערט און צעשטערט. זייער קולט איז געוואָרן אַ געצנדינערישע, זיי האָבן געדינט די גאָלדענע קעל־בער, זייער נאַציאָנאַלער געפיל איז ביי זיי אַפּגעשוואַכט געוואָרן איבער די אָפטע קריגערייען און בלוט פאַרגיסונג פון זייערע מלכים. זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס ווי זייער רעליגיע האָט זיך געהאַט אויסגעמישט מיט די רעליגיעס פון די אַרומיקע פעלקער, מיט די שכנים און ניט שכנים־פעלקער. דער פאַרקער מיט ירושלים און מיטן בית המקדש איז אַבסאָלוט פאַרבאָטן און איבערגעריסן געוואָרן...

דערפאַר ווען אשור האָט זיי באַזיגט און האָט זיי צעשפּרייט צווישן זיינע באַהערשטע פעלקער, האָבן זיי זיך גאָר לייכט אַסימילירט אָן ווי־דערשטאַנד. אַ סך האָט אויך געווירקט צו דעם, וואָס אשור האָט באַזעצט זייער לאַנד מיט פרעמדע פעלקער. איבער דעם איז פאַרלוירן געגאַנגען פאַר די יידן פון מלכות ישראל יעדע האָפענונג זיך צוריקצוקערן צו זייער לאַנד, זיינען זיי אונטערגעגאַנגען, זיך אַסימילירט מיט יענע פעלקער, און פון זיי איז כמעט קיין זכר ניט געבליבן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די אויסוויקלונג פון מלכות יהודה. זיי האָבן געהאַט אַ קעניגלעכע דינאַסטיע, בית דוד, צו וועלכער זיי זיינען געווען צוגעבונדן מיט לייב און לעבן, דוד מלך ישראל חי וקיים. זיי האָבן געהאַט דעם בית המקדש אין ירושלים, וואו עס איז אָפּגעריכט געוואָרן די עבודת הקודש מיט אַזוי פיל פּראַכט און גלאַנץ. געהאַט די הייליקע שטאָט ירושלים, וואו זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען דריי מאָל אין יאָר אויף די אַגריקולטור־ימים־טובים. געהאַט אַ טראַדיציע פון הונדערטער יאָרן, וועלכע זיי האָבן שטאַרק געהיט, אַ מוזיק, אַ נגינה וואָס האָט זיי פאַראייניקט און באַגייסטערט.

זייער נאַציאָנאַלער געפיל און נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז ביי זיי געווען שטאַרק אפילו אין בבל וואו זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן. און כדי אָנצוהאַלטן זייער אייגנאַרטיקייט און נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, האָבן זיי זיך קאָנצענטרירט אין איניקע שטעט פון בבל און דאָרט געשאַפן אַ גייסטיקע יידישע טעריטאָריע צו לעבן אַ ריין ציכטיק לעבן. נבוכדנצר וואָס האָט באַזיגט זייער הייליק לאַנד, האָט אָבער זיי אַלץ יידן ניט באַזיגט, און זיי האָבן פאָרגעזעצט צו לעבן דאָרט אַ ריין ציכטיק יידישן לעבן ווי אַמאָל אין ארץ־ישראל

די האָפענונג גיך אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות און צוריק אומקערן זיך צו זייער הייליק לאַנד איז ביי זיי געווען שטאַרק, ווייל ארץ־ישראל האָט ניט געפּוסטעוועט, עס זיינען געבליבן דאָרט יידן „מדלת העם”,

וואָס האָבן קולטיווירט דאָס לאַנד און נבוכדנצר האָט דאָס לאַנד ניט באַזעצט מיט פרעמדע פעלקער ווי עס האָט געטאָן אשור מיט מלכות ישראל.

דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ האָט די יידן פון בבל ניט געלאָזט רוען אין גלות און זיי האָבן געטון אַלץ מעגלעכעס זיך צוריקצוקערן צום אייגענעם לאַנד און צו לעבן אַ פריי אומאָפּהענגיק לעבן ווי פריער. די האָפענונג און שטרעבונג איז מקוים געוואָרן. אין יאָר 372 פ"ק האָט זיך צוריקגעקערט אין ארץ־ישראל די ערשטע פּאַרטיע יידן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון זרבבל און יהושע.

די ערשטע צייטן אין בבל האָבן די פאַרטריבענע יידן פון מלכות יהודה אָנגענומען די עצה פון ירמיהו הנביא, צו באַטראַכטן בבל אַלס זייער צייטווייליקע היים, ביז די צייט וועט קומען און זיי וועלן זיך צוריק אומקערן אַלס פריי פאָלק קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן דעריבער אין בבל געקויפט הייזער, פעלדער און וויינגערטנער און אויך זיך באַשעפטיקט מיט אינדוסטריע, מסחר און מלאכה.

נבוכדנאצר האָט זיי געגעבן אַלע רעכטן אַלס בירגער פון לאַנד און אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין זייער קאָלעקטיוון לעבן. האָבן זיי געבילדעט אַ סך קהלות, אין וועלכע עס האָבן זיך גרופּירט די יידן פון די פאַרשי־דענע געגנטן פון וואַנען מען האָט זיי פאַרטריבן אין גלות. די קהלות האָבן טאַקע געטראָגן די נעמען, ווי: אנשי בית לחם, אנשי הכרמל, אנשי יריחו, אנשי העמק אא"וו, די איינוואוינער פון ירושלים, די אַריסטאָ־קראַטן האָבן זיך גערופן נאָך זייער פאַמיליען יחוס. לויט פּראָפעסאָר שירער זיינען דעמאָלט געווען אין בבל העכער 30 מקדשי־מעט־שולן (מיניאַטורן פון בית המקדש). לויט די נבואה פון יחזקאל (י"א, ט"ו): לכן כה אמר א"ד כי הרחקתים בגוים. וכי הפיצותים בארצות ואהי להם למקדש מעט בארצות אשר באו שם. דערפאַר זאָג: אַזוי האָט גאָט געזאָגט. כאָטש איך האָב זיי דערווייטערט צווישן פעלקער און פאַרשפּרייט אין לענדער, וועל איך זיין צו זיי אין די קליינע בית מקדשן (מקדש מעט) וואָס זיי וועלן בויען אין די לענדער צווישן פרעמדע פעלקער אַזוי ווי איך בין געווען צו זיי אין גרויסן בית המקדש אין ירושלים.

אייניקע פאַרמעגלעכע פאַמיליעס, גרויסע פּאַטריאָטן, האָבן אויסגעהאַלטן אין בבל פּריוואַטע יידישע כאָרן און אָרקעסטערס פון די מוזיקער וואָס מען האָט פאַרטריבן פון ארץ־ישראל קיין בבל, כדי אַזוי אַרום אויסצוהאַלטן און אָנצוהאַלטן די ריינע יידישע נגינה, ביז דער טאָג וועט קומען און זיי וועלן קאָנען ווידער זינגען און שפּילן די שירי ציון אין ירושלים און אין בית המקדש. זייערע אָנשטרענגונגען און וואונטשן זיינען רעאַליזירט געוואָרן אין יאָר 352 פ"ק דעם דריטן טאָג אין אדר ביים באַנייען דעם צווייטן בית המקדש.

כדי צו פאַרהיטן זייערע דורותדיקע גייסטיקע אוצרות פון צערינען

ווערן אין דער פרעמדער קולטור פון לאַנד בבל, וואו זיי איז אויסגעקו־מען צו לעבן, האָבן די יידן אין זייערע צייטווייליקע בתי כנסיות, וואו זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, איינגעפירט פאָרלעזונגען פון תורה און פון די באַגייסטערטע רעדעס פון די נביאים, כדי אָנצוהאַלטן די קאָנטינואיטעט פון די גייסטיקע שאַפונגען פון זייער הייליק לאַנד. און צו צעמענ־טירן אין זכרון פון פאָלק די אַלע גייסטיקע אוצרות, האָבן זיי גענומען צו הילף די יידישע נגינה פון ארץ־ישראל.

זיי האָבן גענומען די נגינות העם, די פאָלקס־געזאַנגען און די גע־זאַנגען וואָס די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש און עס פאַר־וואַנדלט אין טראָפ (אַן אַלטע פאָרם צו פאַרצייכענען אַ נגון). די טראָפ, באַקאַנטע און באַליבטע מעלאָדיעס פון ארץ־ישראל זיינען אויפגעצייכנט געוואָרן אויף די ווערטער פון תורה, נביאים, הלכה, אגדה און מזמורים, כדי צו זינגען און צו געדענקען (נגינה העלפט דעם זכרון).

די יידן פון גלות בבל האָבן אַזוי אַרום געלערנט און געזונגען תורה, נביאים, הלכה, און מזמורים, פונקט ווי אַמאָל אין ארץ־ישראל. זייער רעליגיעזער אַרט לעבן האָט פאַר דער רעלאַטיוו קורצער צייט פון גלות שטאַרק פראָגרעסירט. זיי האָבן אויסגעבויט אין בבל אַ סך בתי כנסיות, מקדשי מעט, מיניאַטורן פון בית המקדש, וואו זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען בצבור צו הערן ווי די לוים האָבן פאַר זיי געזונגען די מזמורים און תפלות וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש.

דער געבילדעטער קלאַס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ברענגען אין אָרדענונג דעם גייסטיקן מאַטעריאַל, וואָס איז מיטגעבראַכט געוואָרן פון ארץ־ישראל, עס זאָל ניט פאַרלוירן גיין אין גלות. זיי האָבן געזאַמלט און צונויפגעשטעלט די יידישע געשיכטע ביז זייער צייט. קאַנאָניזירט די כתבי הקדש, דעם תנ"ך, איינגעפירט אַז מען זאָל לייענען אַלע שבת און יום־טובים געוויסע טיילן פון תורה און נביאים אין די בתי כנסיות און צו זינגען אין דאַווענען אַלע טאָג די פסוקי דזמרה, די פסוקים פון געזאַנג וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש.

די ריינע יידישע נגינה האָט באַשיינט און דערפרייט דאָס יידישע לעבן אין גלות, סיי ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, און סיי ביי פריוואַטע און קאָלעקטיווע שמחות.

די ליבע און בענקשאַפט צו דער אייגענער נגינה, צום אייגענעם נגון, איז געווען שטאַרק ביי די יידן פון בבל און זיי האָבן אַלע פאַזן פון זייער לעבן באַשיינט מיט דער נגינה, נוצנדיק די ארץ־ישראל נאַציאָנאַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: די האַרפע, דעם פלייט, דעם פויק און דעם צימבל. אַזוי אַז צו ענדע פון זייער גלות האָבן זיי געקאָנט שיקן קיין ירושלים מיט דער ערשטער גרופע שבי־גולה וואָס האָבן זיך אומגעקערט

פון גלות, גרופּעס פון זינגער, זינגערינס און שפּילער, וועלכע האָבן גע־
קאָנט גוט די ריינע יידישע נגינה פון ארץ־ישראל. און ווען דער בנין
פון צווייטן בית המקדש איז פאַרענדיקט געוואָרן, פּונקט 70 יאָר נאָכן
חורבן פון ערשטן בית המקדש, האָט מען ביים חנוכת הבית פון דעם
צווייטן בית המקדש געשפּילט און געזונגען די זעלבע מזמורים און נגונים
וואָס מען האָט געזונגען אין ערשטן בית המקדש, דורך די געקומענע מו־
זיקער און זינגער פון בבל.

קאפּיטל ניין

פּסקי הטעמים ביי די יידן אין גלות בבל

די סכנה אַז די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן ביי די פּאַרטריי־בענע יידן פון בבל. זייער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סי־טואַציע. מאָטיוון וואָס וואָלטן געקאָנט פירן די יידן צו אַסימילאַציע. די תקנות וואָס מען האָט איינגעפירט זיי צו דערוויַיטערן פון אַסימילאַציע. די טראָפּ פון בבל. אותיות געצייכנט אויף די ווערטער. דאָס פּאַראייניקן תורה און נביאים מיט ארץ־ישראל נגינה.

אין די ערשטע צייטן פון גלות איז ביי די פּאַרטריבענע יידן פון בבל געווען די גרויסע סכנה, אַז די תורה זאָל ביי זיי אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן. און די אַלע גייסטיקע שאַפונגען פון דורות, ווי אויך די יידישע טראַדיציע, יידישער וויסן און די העברעאישע שפּראַך זאָלן צערונען און צעשמאָלצן ווערן אין דער באַבילאָנישער קולטור. זייער אַלגעמיינע סי־טואַציע און די אומשטענדן אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, האָבן עס גע־מאַכט מעגלעך, ווייל עקאָנאָמיש זיינען זיי דאָרט געשטאַנען גוט. זיי האָבן געפירט מסחרים, איינגעאָרדנט גרויס אינדוסטריעס, געאַרבעט ביי אַגריקולטור, געבויט אייגענע הייזער, און פאַרמאָגט גרויסע פעלדער און סעדער. בבל האָט זיי געגעבן אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין זייער קאָ־לעקטיוון לעבן. די וויַיטקייט פון ארץ־ישראל, פון דעם נאַציאָנאַלן און העכסטן רעליגיעזן צענטער, האָט זיי כמעט ווי אָפּגעפרעמדט פון יידיש־קייט. די סביבה פון די באַבילאָנער, זייער שפּראַך, זייערע טראַדיציעס, זייער אַרט לעבן, דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די יידן זאָלן זיך לייכט אויסמישן מיט דער באַבילאָנער קולטור.

דאָס איז געווען דער מאָטיוו פאַר וואָס זייערע גייסטיקע מנהיגים האָבן צוגעגעבן צו די אַלע פון פריער איינגעפירטע תקנות, ווי דאָס לייענען אַלע שבתים תורה און נביאים אין זייערע שולן, האַלטן דרשות אין שולן וועגן דער גליקלעכער צוקונפט, וואָס וואַרט אויף זיי אין ארץ־ישראל, ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות בבל, וועגן דער יידישער מאָראַל און יידישער עטיק, אויך די מוזיקאַלישע פאַרציי־כענונג, די „טראָפּ״, וועלכע מען האָט פאַרצייכנט אויף די ווערטער פון

תורה, נביאים און כתובים, כדי צו צעמענטירן דעם זכרון, צו געדענקען דאָס געלייענטע און געלערנטע.

די נעמען פון די טראָפּ, וואָס זיינען געווען אַראַמעאיש, האָט מען פאַרצייכנט מיט די ערשטע אותיות פון דעם נאָמען פון דעם טראָפּ. אַ סך שפּעטער, אין צענטן יאָרהונדערט נ"ק, האָט מען פאַרביטן די אותיות אויף פיגורן און די טראָפּ האָט באַקומען דעם נאָמען, „טעמי טבריה", וועלכע מען האָט געצייכנט אַף די ווערטער און אונטער די ווערטער פון תורה, נביאים און כתובים, כדי מען זאָל זינגען די ווערטער און פאַרשטיין זייער אינהאַלט. די טעמי טבריה ווערן געזונגען אין אַלע תפוצות ישראל ביז היינטיקן טאָג. (זע ווייטער פּסקי הטעמים).

די מעלאָדיעס, וואָס די טראָפּ האָבן פאַרגעשטעלט, זיינען, ווי גע־זאָגט, געווען גוט באַקאַנטע פאַר די יידן פון בבל, און זיי האָבן עס שטענ־דיק געזונגען, ווייל דאָס איז דאָך געווען די נגינה פון זייער הייליקער לאַנד, נאָך וועלכן זיי האָבן אַזוי געבענקט.

די תקנה צו פאַראייניקן דורכן טראָפּ די ווערטער פון תורה, נביאים און כתובים מיט דער ארץ־ישראל נגינה, האָבן פאַרגרינגערט דאָס לערנען, געמאַכט בעסער פאַרשטיין דאָס געלערנטע און צעמענטירט עס אין זכרון, צו געדענקען. אַזוי אַרום איז באַזייטיקט געוואָרן די סכנה וואָס האָט געלויערט אויף דער יידישער קולטור אין בבל.

(זע פיגור זייט 70)

קאפיטל צען

די יידישע נגינה אין ארץ־ישראל אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש

עזרא און די שבי־גולה שטאַרקן דעם רעליגיעזן געפיל דורך נגינה. באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן די רעליגיעזע זינגער און מוזיקער. נייע תפלות און נייע נגינות פון גלות.

ווען עזרא הסופר מיט די שבי־גולה זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים מיטן שטאַרקן, אומבאַזיגבאַרן ווילן דורכצופירן די נאַציאָנאַלע ריינקייט און שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן געפיל צווישן די יידן פון ארץ־ישראל, און ווייסנדיק די גרויסע השפעה וואָס די ריינע יידישע נגינה האָט אין פאָלק, האָט ער מיטגעבראַכט פון בבל קוואַליפיצירטע משוררים, מוזיקער און מהללים, וואָס האָבן געקאָנט גוט די טראַדיציאָנעלע יידישע נגינות, און אויך 245 געשולטע משוררות, זינגערינס און שפּילערינס, וואָס האָבן אויך געקענט זינגען און שפּילן די טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און פאָלקס נגינה (ווייל אין יענע צייטן האָבן פרויען זינגערינס און שפּילערינס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און פאָלקס פייערונגען) און האָט זיי איינגעאָרדנט צו זינגען ביי רעליגיעזע פייערלעכקייטן אין די בתי כנסיות, וואָס ער האָט געגרינדעט ביי זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל. זייער זינגען און שפּילן האָט שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם צוהערער, וואָס עס איז אויסגענוצט געוואָרן פון עזרא מיט זיינע מענטשן צו לערנען מיט די יידן, וואָס זיינען געקומען הערן נגינה, תורה און נביאים און איבערהויפּט דורכצופירן די אַלע נויטיקע רעפאָרמעס אין דעם לעבן פון די יידן, וואָס עזרא מיט זיינע מענטשן האָבן געפונען פאַר נויטיק און וויכטיק, כדי צוריק איינשטעלן אין פאָלק די ריינע יידישע טראַדיציע.

צוליב דער וויכטיקייט און נוצלעכקייט, וואָס די געבראַכטע זינגער און שפּילער האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַר דער אויפלעבונג פון דער יידישער טראַדיציע און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, האָט מען זיי באַזעצט אין ספּעציעלע הויפן אַרום ירושלים און כל זמן זרובבל און נחמיה האָבן געלעבט, האָט דאָס יידישע פאָלק זיי אויסגעהאַלטן מיט אַלעם גרייטן מיט גרויס כבוד (נחמיה י״ב, כ״ט און מ״ז).

די נגינה, וואָס דוד און שלמה האָבן איינגעפירט אין ערשטן בית המקדש, האָט דורכגעמאַכט בשלום די ערשטע פייער־פּראָבע. אין ערשטן גלות (גלות בבל) האָט זי זיך גלייך מיט די יידן, האָט עוואָלוציאָנירט, פּראָגרעסירט און זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל אַ געלייטערטע, צו דערפרייען דאָס פאָלק און לאַנד מיט די הערלעכע קלאַנגען פאַר דער גאַנצער צייט פון צווייטן בית המקדש, און באַרייכערן מיט זיי אויך די נייע ליטורגישע ליטעראַטור, די נייע תפלות און מזמורים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ליוט די אומשטענדן האָבן דערצו געבראַכט סיי אין בבל און סיי אין ארץ־ישראל.

די נייע תפלות און מזמורים האָבן אַריינגעבראַכט אַ באַרייכערונג אין דער רעליגיעזער נגינה, צוליב דעם וואָס מען האָט געמוזט זינגען יעדע נייע תפלה מיט אַ צוגעפּאַסטן מעלאָס און ריטם, לויטן אינהאַלט פון דער זעלבער, און אַזוי ווי די אומשטענדן, וואָס האָבן געבראַכט די נייע תפלות זיינען געווען די שלעכטע גזרות פון די פאַרשידענע שלעכטע פּרעמדע הערשער, וואָס האָבן באַזיגט ארץ־ישראל, איז די יידישע ליטורגיע באַרייכערט געוואָרן פאַר דער גאַנצער תקופה פון צווייטן בית המקדש, מיט נייע מעלאָדיעס און פאַרשידענע ריטמס. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז אין דער תקופה זיינען צוגעקומען נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין לאַנד ווי פון אויסלאַנד, אויך זיינען אויפגעקומען נייע קאָמפּאָזיטאָרס, נייע ווירטואָזן און נייע מנצח׳ס (דיריגענטן).

אין דער דערמאָנטער תקופה איז מוזיק געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין ארץ־ישראל, די שכנים־פעלקער האָבן גערופן די יידן עם השירה והזמרה, דאָס פאָלק פון פּאָעזיע און געזאַנג. אַלע געלעגנהייטן און אַלע געשעענישן האָט דאָס פאָלק באַזונגען, ביי יעדער אַרבעט און פון יעדער אַרבעט האָט מען געזונגען, אין די שולן, חדרים און ישיבות האָט מען געלערנט זינגענדיק. דאָס לאַנד האָט געהילכט פון נגינה.

קאַפּיטל עלף

נגנות ישראל און תורת ישראל

היסטאָרישע עוואָלוציע אין דער יידישער מוזיק. די השפעה פון די שכנים־פעלקער. געצנדינערײ אין ישראל, ירושה פון שלמה המלך. נגינות ישראל און תורת ישראל. פרעמדע נגינה, אַ סכנה פאַר דער יידישער עקזיסטענץ. די גריכישע נגינה אין ארץ־ישראל. דער קאַמף און דערגרייכונגען פון די חשמונאים.

באַאָבאַכטנדיק די היסטאָרישע עוואָלוציע פון דעם יידישן פאָלק פון די ערשטע צייטן, ווען יידן האָבן זיך באַזעצט סטאַביל אויף זייער לאַנד, אָנפאַנגענדיק פון די שופטים ביז דעם אונטערגאַנג פון מלכות יהודה און אויך פאַר דער גאַנצער צייט פון דער תקופה פון צווייטן בית המקדש, האָט מען אַלע מאָל און כמעט אין אַלע צייטן געקאָנט דערקענען אין דער מוזיק דעם אומבייט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם פאָליטישן, קולטורעלן און רעליגיעזן לעבן. ווייל דאָס יידישע פאָלקס־לעבן האָט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ דורכגעמאַכט אַ מין זיג־זאַג עליה און ירידה: געדינט צו גאָט און געוואָרן געצנדינער, געלעבט זעלבשטענדיק און געווען אונטערגעוואָרפן אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט, מלכים פרומע, מלכים געצנדינער, זיך אַסימילירט מיט פרעמדע פעלקער און אונטער דעם דרוק פון די זעלבע פעלקער זיך דערווייטערט פון זיי, אָנגענומען פרעמדע קולטורן און זיך אומגעקערט צו די אייגענע, אאַ״וו.

פון די צייטן פון די שופטים, זיינען די יידן געשטעלט געוואָרן צום עקזאַמען, צי וועלן זיי אויספאָלגן די געבאָטן וואָס גאָט האָט געגעבן זייערע עלטערן דורך משה (ויהיו לנסות בם את ישראל, לדעת הישמעו את מצות א׳ד אשר צוה את אבותם מיד משה (שופטים ג״, ד״), און ניט אַלע מאָל האָט מען דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. גלייך נאָך יהושעס טויט האָבן די יידן גענומען דינען די געצן פון די פעלקער, דעם בעל און די עשתרות, איז גאָט אויף זיי אין כעס געוואָרן, ויחר אף א׳ד בישראל (שופטים ב׳ י״ד) און האָט זיי איבערגעגעבן צו זייערע פיינד, וועלכע האָבן זיי שטאַרק געדריקט, ויזעקו בני ישראל אל א״ד, האָבן די

יידן געשריען צו גאָט, געבעטן ער זאָל זיי העלפן, און גאָט האָט זיי גע־האָלפן. די גאַנצע תקופה פון די שופטים פון עתניאל בן קנז 1244 יאָר פ״ק, ביז שמואל הנביא 889 יאָר פ״ק, האָבן די שופטים אַלע מאָל גע־האָלפן די יידן זיך באַפרייען פון זייערע באַדריקער.

די שטימונג פון פאָלק האָט מען גלייך דערקענט לויט דער מוזיק: האָט מען געזונגען די יידישע מילדע נגינה מיט אַ רואיקן ריטם, האָט עס באַשטעטיקט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז דורכאויס יידיש, האָט מען גע־הערט ביי די יידן זינגען פרעמדע נגינה, מיט אַ פאַרשייטן ריטם, באַגלייט מיט פרעמדע אויסגעלאַסענע טענץ, האָט מען קיין סך ניט געדאַרפט נאָכפאָרשן, דאָס האָט געצייגט, אַז די יידן זיינען אַראָפּ פון דרך הישר און געוואָרן ווי זייערע שכנים־פעלקער — געצנדינער.

און מערקווירדיק, ווען די יידן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו געצנדינע־ריי און צו אַסימילאַציע, זיינען זיי פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אונטער־דריקט געוואָרן פון די זעלבע שכנים־פעלקער, און כדי זיך צו באַ־פרייען פון דער אונטערדריקונג, האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן דאָס געצנדי־נעריי און זיך צוריקקערן צו גאָט און צום אייגנאַרטיקן לעבן. גאָט האָט אַלע מאָל געהאָלפן די יידן ווען זיי האָבן זיך געווענדעט צו אים נאָך הילף, דורך שופטים (ריכטער) און נביאים, וועלכע פלעגן זיין לערנען ווי צו לעבן אַ ריין יידישן לעבן לויט די געבאָטן וואָס גאָט האָט געגעבן צו זייערע עלטערן דורך משה: זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון די פעלקער וואָס לעבן אין אויסגעלאַסנקייט, „גלוי עריות״ בלוט־פאַר־גיסונג (שפיכת דמים) און געצנדינעריי.

דער זעלבער פּראָצעס פון עליה און ירידה אין יידישן פאָלקס־לעבן האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין די צייטן פון בית המקדש. די יידישע נגינה איז אַלע מאָל געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט תורת משה. ווען אין בית המקדש האָט מען געזונגען און געשפּילט די נגינות און מזמורים, וואָס דוד המלך און שלמה האָבן איינגעאָרדנט און קאָמפּאָניזירט, און אין פאָלק האָט מען געזונגען געזאַנגען און געשפּילט די נגינות מיט יידישן רואיקן ריטם און זיסן מעלאָס, איז געווען זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק היט אָפּ אַלץ וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט זייערע עלטערן דורך משה, און אַז דאָס לעבן אין לאַנד איז נאָרמאַל עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל. האָט מען געזונגען און געשפּילט (אין ארץ־ישראל) עגיפּטישע נגינה, וואָס זיי האָבן געזונגען צו זייערע אָפּגעטער: „איזיס״ און „אָסירים״ אָדער מען האָט געזונגען און געשפּילט די פאַרשייטע ווילדע נגינה פון אַנדערע שכנישע פעלקער, וואָס האָבן די נגינה געזונגען צו זייערע געצן, באַגלייט מיט ווילדע אויסגעלאַסענע טענץ, איז געווען קלאָר און זיכער אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַראָפּ פון דרך הישר, איז געוואָרן געצנדינעריש און אויסגעלאַסן. זייער רעליגיע, עקאָנאָמיע, פּאָליטיק און קולטור, האָט אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ.

***

דאָס אָפטע און לייכטע איבערגיין פון די יידן צו געצנדינעריי פאַר דער צייט פון די שופטים, האָט זיך גענומען, פון פאָלגנדע מאָטיוון. ערשטנס, האָבן די יידן דאַן ניט געהאַט קיין פעסטע רעגירונג, די פירער פון יידישן פאָלק זיינען געווען די שופטים, וועלכע האָבן זעלטן געהאַט איינפלוס אויף דעם גאַנצן פאָלק און נאָך זייער טויט האָבן די שבטים זיך ווידער צעטיילט. קיין פעסטע רעליגיעזע אָרדענונג, וועלכע זאָל זאָרגן אַז עס זאָל אין לאַנד ניט זיין קיין געצנדינעריי און אויסגעלאַסנקייט, איז ניט געווען, האָט עס געמאַכט לייכט פאַר די יידן איבערצוגיין צו געצנדינעריי; צווייטנס, זיינען די יידן פון יענער עפּאָכע געווען אַרומגערינגלט פון פעלקער געצנדינער, מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרבונדן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, וואָס האָט זיי אויך דערנענטערט רעליגיעז און קולטורעל. דריטנס, האָבן געווירקט אויף די יידן די רעליגיעזע צערעמאָניעס פון די שכנישע פעלקער מיט זייער פייערלעכקייט. עס איז זיי געפעלן געוואָרן, זיינען זיי געוואָרן געצנדינער... אַ סיטואַציע וואָס האָט אָנגעהאַלטן, ביז עס איז געקומען אַ שופט אָדער אַ נביא וואָס האָט זיי באַפרייט פון יענער השפעה און צוריקגעקערט צו דער יידישער טראַדיציע, צום יידישן גאָט און ממלא צו דער יידישער מוזיק.

גאָר אַנדערע מאָטיוון האָבן די יידן געבראַכט צום איבערגיין פון יידישקייט צו געצנדינעריי אין די צייטן פון נאָך דעם טויט פון דעם קליגסטן פון אַלע קעניגן, פון שלמה המלך. און געשען איז עס דווקא אין די צייטן, ווען אין ארץ־ישראל איז געווען אַ סטאַבילע רעגירונג, אַ גוט אָרגאַניזירטער רעליגיעזער אָרדן מיט אַ סך פייערלעכע רעליגיעזע צערעמאָניעס, מיט אַ קאָנאָניזירטער מוזיק און געשולטע מוזיקער און זינגער אין בית המקדש, וואָס האָט געהאַט די מאָראַלישע כחות געשטיצט פון שטאַט ניט צו דערלאָזן אַז פרעמדע קולטן זאָלן זיך איינבירגערן אין לאַנד.

דאָס איבערגיין אין די דערמאָנטע צייטן, פון יידישקייט צו געצנדינעריי, איז געווען אַ דירעקטע ירושה פון שלמה המלך׳ס פיל ווייבעריי, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אין ישראל אַ סך געצן און געצנדינסט, מיט אַ סך פרעמדע געזאַנגען, אויסגעלאַסענע טענץ, אַ סך פאַרשידענע פייערלעכע צערעמאָניעס צו געצנדינעריי און אַ סך נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. דער תלמוד דערציילט אונדז (שבתנ״י), אַז ווען שלמה המלך האָט חתונה געהאַט מיט פּרעהס טאָכטער, הכניסה לו אלף מיני זמר, האָט זי אים אַריינגעבראַכט טויזנט סאָרטן געזאַנגען, ואמרה לו, און זי האָט אים געזאָגט (געלערנט) כך עושים לכום פלני וכך עושים לכום פלני, אַזוי טוט מען צו דעם געץ און אַזוי טוט מען צו יענעם געץ, ולא מיחה בה און ער האָט איר ניט געשטערט, פאַרקערט, ער האָט נאָך געבויט

„במות" פאַר די געצן, אַז בנה שלמה במה לכמוש שקץ מואב בהר אשר על פני ירושלים, ולמלך שקץ בני עמון וכן עשה וכל נשיו הנכריות (מלכים א י"א).

די צערעמאָניעס צו דינען די געצן, די לידער און אינסטרומענטאַלער געשפּיל און די פאָרם ווי צו דינען צו די געצן, זיינען פון קעניגלעכן הויף פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פאָלק. אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג אַז דאָס פאָלק קאָפּירט די קעניגלעכע הויפן, איז טאַקע ווי רחבעם בן שלמה איז אַרויף אָפן טראָן: ויעש יהודה הרע בעיני א"ד, ויבנו גם המה להם במות ומצבות ואשרים, מלכים א' י"ד כ"ב כ"ג) איז דאָס גאַנצע פאָלק אַראָפּ פון דרך הישר און מען האָט אין ישראל געזונגען פרעמדע געזאַנגען, פרעמדע לידער און געטאַנצט פרעמדע ווילדע טענץ, צו די פאַרשידענע געצן און אויסער זיי.

חוץ דעם וואָס דאָס געצנדינערייַ האָט אַריינגעבראַכט אַ גאָפּערלעכע צערודערונג אין רעליגיעזן און טראַדיציאָנעלן לעבן פון יהודה, האָט עס נאָך שלמה המלכם טויט געבראַכט דאָס גרעסטע אומגליק און די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן פאָלק, ווייל אָט די פרעמדע פאַר יידישן גייסט צערעמאָניעס צו געצנדינסט, מוזיק און אינסטרומענטאַלער גע־שפּיל, ווי אויך די פאָרם פון דינען צו די געצן, וואָס איז פראַנק און פריי פּראַקטיצירט געוואָרן אין די קעניגלעכע הויפן און אויסער זיי מיט דער איינשטימונג פון קעניג שלמה, האָט אויסגענוצט ירבעם בן נבט (אַ הויכער מלוכה באַאמטער), ווען ער האָט רעוואָלטירט קעגן מלכות בית דוד, קעגן דער דינאַסטיע פון דוד. ער האָט די אַלע דער־מאָנטע צערעמאָניעס, געזאַנג און טענץ וואָס שלמהס ווייבער האָבן אַריינגעבראַכט אין ישראל, איינגעאָרדנט ביים קולט פון די גאָלדענע קעלבער, וועלכע ער האָט אוועקגעשטעלט אין דן און בית אל און האָט זיי געזאָגט: אָט דאָס איז דיין גאָט וואָס האָט דיר אַרויסגענומען פון מצרים (מלכים א' י"ב, כ"ח), די צערעמאָניעס, די פאָרעם פון דינען די געצן, די מוזיק און טענץ זיינען שוין געווען באַקאַנט די יידן, איז ניט געווען שווער ירבעם בן נבט אָפּצורייסן די צען שבטים פון פּאָלי־טישן און רעליגיעזן צענטער ירושלים, וועלכעם האָט מיט אַ רעלאַטיוו קורצער צייט שפּעטער דערפירט צו דעם פולשטענדיקן אונטערגאַנג פון די צען שבטים און וואָרשיינלעך צום חורבן ירושלים.

אויך אין דער גאַנצער צייט פון מלכות יהודה איז תורת משה גע־גאַנגען האַנט ביי האַנט מיט נגינות ישראל. לויט דער נגינה האָט מען דערקאַנט ווי עס האַלט אין יהודה מיט תורת משה.

ווען אין מלכות יהודה האָבן געקעניגט מלכי־צדק, האָט דאַן דאָס פאָלק געלעבט לויט דער ריינער יידישער טראַדיציע, לויט תורת משה, אין בית המקדש האָט מען געזונגען די נגינות פון דוד בן ישי און אין פאָלק האָט מען געזונגען די ריינע יידישע טראַדיציאָנעלע נגינה. דאַקעגן,

ווען עס האָבן געקעניגט אין יהודה מלכים וואָס האָבן אָפּגענויגט פון תורת משה, ויעשו הרע בעיני א״ד, זיי האָבן געטון שלעכטס קעגן גאָט, זיי זיינען אַוועק פון יידישער טראַדיציע און האָבן איינגעפירט אין יהודה די אומגעלומפּערטע ווילדע קלאַנגען און עראָטישע געזאַנגען, וואָס די פיניצער האָבן דורכגעפירט ביי זייער געצן־דינסט פון אַדאָניס און אַסטאַרטע (בעל ומפלצת). נאָך דער נגינה האָט מען דערקאָנט, אַז יהודה איז אַראָפּ פון דרך הישר.

דער זעלבער פענאָמען האָט זיך אויך איבערגעחזרט אין דער גאַנצער צייט פון בית שני, לערך (420 יאָר), ווען מלכות יהודה האָט געלעבט פריער אונטער דער פּערסישער הערשאַפט און שפּעטער אונטער דער גריכישער און רוימישער הערשאַפט. דער אונטערשיד איז אין דער צייט געווען אַן אַנדערער און מיט געפערלעכערע קאַנסעקווענצן, ווייל עס האָט זיך שוין דאָ ניט געהאַנדלט פון סתם געצנדינערייי, וואָס זאָל האָבן צייטווייליק אַריינגעדרונגען אין יהודה מיט זייערע צערעמאָניעס, מוזיק און פאַרשייטע טענץ, פאַר וועלכע זיי (מלכות יהודה) זאָלן האָבן באַקומען די שטראָף פון גאָט, דורך טריקעניש אויף די פעלדער, הייסעריק אָדער אָנפאַלן פון שכנים־פעלקער. אין די צייטן פון בית שני, האָט דאָס אַריינברענגען פרעמדע רעליגיעזע און פאָלקס־נגינה אין יהודה, געשטעלט אין סכנה די גאַנצע יידישע עקזיסטענץ אַלס אַזעלכע, צו קאָנען ווייטער עקזיסטירן מיט דער אייגנאַרטיקער קולטור, גוט איינגעוואָרצלטע מדות טובות און מיט אַ רייכער פאַרצווייגטער טראַדיציע פון דורות. אין יענער צייט און ביי די פּאָליטישע אומשטענדן וואָס האָבן דאַן געהערשט אין יהודה, האָט דאָס אַריינברענגען די פרעמדע נגינה געדראָעט, אַז די גאַנצע יידישע קולטור זאָל זיך צעשמעלצן אין די פרעמדע קולטורן, וועלכע האָבן דאַן באַהערשט דעם אָריענט, און אונטערגיין.

די סכנה איז געוואָרן גרעסער און מערקבאַרער, ווען אַלכסנדר דער גרויסער (אַלכסנדר מוקדן) האָט באַהערשט די פּערסער און דער גריכישער איינפלוס איז אַריינגעדרונגען אין יהודה און האָט פאַרכאַפּט די יידישע מאַסן מיט זייערע פרייליכע פאַרשייטע לעבנס פאָרמען, וועלכע אַ טייל יידן האָבן נאָכגעקאָפּירט מיט גרויס ענטוזיאַזם. די גריכישע מוזיק מיט איר ספּעציפישן מאַרסיאַלן און פריילעכן ריטם איז אַריין אין דער מאָדע אין יהודה און איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פאָלק מיט אַזאַ אימפּעט, וואָס האָט פאַרכאַפּט כמעט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט עס געזונגען און געשפּילט מיט גרויס התלהבות ביי יעדערער פון זייערע פייערונגען.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די גריכישע נגינה איז אויך אַריינגעדרונגען אין די הויכע פאָלקס־ספערן: אין דער אַריסטאָקראַציע, רעגירונגס קרייזן, כהנים און לוים, וועלכע האָבן די נגינה, וואָס איז געווען פרעמד דעם יידישן גייסט און טראַדיציע, אַריינגענומען אין בית המקדש,

דער העכסטער רעליגיעזער צענטער פון יידישן פאָלק, צו זינגען מיט דער נגינה די מזמורים פון דוד בן ישי. געוויינטלעך איז שוין ניט געווען קיין שטערונג פון די הויכע באַאַמטע פון בית המקדש, אויך אריינצונעמען אין די אָרקעסטערס פון בית המקדש גריכישע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווי הרדולים, סימפוניה און אירים, (סוטה מ"ט). וואָס דאָס האָט מיטגעווירקט צו פאַרשטאַרקן אין פאָלק דעם גריכישן איינפלוס און די סכנה איז געוואָרן אַלץ גרעסער און שטאַרקער, אַז יהודה זאָל אינגאַנצן אַרונטערפאַלן אונטער דער גריכישער העגעמאָניע, און די יידישע קולטור זאָל צעריבן ווערן אונטער די רעדער פון דער גריכישער קולטור...

די געפאַר איז באַזונדערס געוואָרן נאָך גרויס, ווען ארץ־ישראל איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון סעלויקוס דינאַסטיע. (לערך 200 יאָר פאַר דער נייער ציטערעכענונג), דאַן האָט זיך גאָר אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק שטאַרק ענטוזיאַזמירט מיט דער פאַר זיי נייער גריכישער קולטור, און גריכישן אַרט לעבן, מיט דעם אויסערלעכן גלאַנץ און פריילעכע פאַרוויילונגען. און עפנטלעך אָנגעהויבן פאַרבייטן די שטרענגע מאָראַל, הויכע עטיק, ריינעם פאַמיליען לעבן, טראַדיציע און יידישע אייגנאַרטיקייט, אויף דעם פריילעכן, פרייעם אויסגעלאַסענעם גריכישן לעבן. אויך די רואיקע מילדע יידישע נגינה איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער שטורמישער גריכישער נגינה, וועלכע האָט אדאַנק די דערמאָנטע ענטוזיאַזמירטע אָנהענגער פון גריכישער קולטור, פאַרהילכט גאַנץ ארץ־ישראל מיט גריכישער מוזיק, טענץ און געזאַנגען.

די אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור, די העלעניזירער ווי מען האָט זיי דאַן גערופן, האָבן אויסגענוצט די געשאַפענע סיטואַציע און פאַרכאַפּט אַלץ מער און מער פּאָליטישע מאַכט, ביז עס איז זיי געלונגען צו ווײַלן פאַר די הויכע אַמטן פון כהנים גדולים אין בית המקדש אַזעלכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע נידעריקע פאַררעטער ווי יאַזאָן און מענעלאַאוס, וואָס האָבן מיט דער הילף פון דעם דעספּאָט אַנטיאָכעס עפּיפאַנוס (אַנטיוכוס הרשע) געצוואונגען די יידן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון יידנטום און אָננעמען דאָס גריכנטום, צו וועלכן צוועק אַנטיאָכוס האָט אריינגעשטעלט אין בית המקדש אַ פּסל (אַ געץ), כדי די יידן זאָלן צו אים דינען... די לאַגע איז דאַן געווען זייער אַ קריטישע, עס איז אַנטשטאַנען די נאָענטע סכנה, אַז די יידישע קולטור זאָל פאַרשלונגען ווערן פון דער גריכישער און דער בית המקדש זאָל ווערן דאָס הויז פון גריכישן געץ, פאַר וועמען די לוים זאָלן זינגען די מזמורים מיטן גריכישן מעלאָס.

אין אַט דער קריטישער צייט האָט זיך, ווי שטענדיק ביי ענלעכע פאַלן, אַנטפּלעקט דער אומבויגזאַמער גייסטיקער כח פון יידישן פאָלק פאַר רעזיסטענץ קעגן פרעמדער אריינדרינגונג אין לאַנד. דער גרעסטער

און בעסטער טייל פון יידישן פאָלק, אונטער דער אָנפירונג פון די חשמו־נאים (168 פ"ק) איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם טיראַן אַנטיאָכוס און קעגן די יידישע אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור.

און כאָטש די כחות אין קאַמף זיינען ווייט ניט געווען קיין גליי־כע, די גריכן האָבן געהאַט געשולטע מיליטער מיט אַלע נויטיקע מלחמה מכשירים און זיינען געווען אַ סך אין צאָל, בעת די יידן זיינען געווען ווינציק אין צאָל און אָן די נויטיקע מיטלען און מלחמה מכשירים, האָבן דאָך די יידן מיטן כח פון זייער גייסט באַזיגט דעם שטאַרקן שונא, דערגרייכנדיק דורך דעם קאַמף פולע רעליגיעזע פרייהייט און פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט. עס איז באַזייטיקט געוואָרן פון לאַנד יהודה דער גרי־כישער איינפלוס, וואו נאָר ער האָט זיך געפונען, און מען האָט צוריק איינגעשטעלט דעם ריינעם יידישן אינהאַלט. דער בית המקדש איז אויסגערייניקט געוואָרן פון די אומרייניקייטן, וואָס דער רשע אַנטיאָכוס האָט דאָרט אַריינגעבראַכט, און מען האָט צוריק איינגעפירט די טראַדי־ציאָנעלע אָרדענונג אין עבודת הקדש, די לוים האָבן געזונגען און גע־שפּילט די טראַדיציאָנעלע נגינה פון דוד בן ישי, דאָס יידישע פאָלק האָט צוריק אָנגעפאַנגען צו לעבן לויט זיין תורה און טראַדיציע. אין לאַנד האָט מען ווייטער געזונגען און געשפּילט די יידישע נגינה און נגינות ישראל האָט זיך צוריק פאַראייניקט מיט תורת ישראל.

אפילו היינטיקע צייטן, וואָס קיין געצנדינערייַ אין פולן זינען פון וואָרט איז ניטאָ, מערקט מען אויך אַז תורת ישראל איז פאַראייניקט מיט נגינת ישראל. וואו עס איז פאַראַן יידישקייט איז דאָ יידישע נגינה, דאָרט וואו עס איז אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן פרעמדע נגינה מיטן פרעמדן פאַרן יידישן גייסט ריטם, איז ניטאָ קיין תורת ישראל, איז ניטאָ קיין יידישקייט...

קאַפּיטל צוועלף

ייִדישע נגינה אין ארץ־ישראל אונטער פּערסישער הערשאַפט

די תקנות פון עזרא און נחמיה, די סופרים, תפלת שמונה עשרי און קריאת שמע. די אויסברייטערונג פון לערנען תורה, קהל חסידים, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין ארץ־ישראל אין יענער תקופה, טראַפּ. די נעמען פון די טראַפּ.

קיין פולשטענדיקע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט ווי אַמאָל האָבן שוין די ייִדן אונטער דער הערשאַפט פון פּערסיע אין ארץ־ישראל ניט געהאַט. דאָס ביסעלע פּאָליטישע פרייהייט, וואָס עס איז זיי יאָ געגעבן געוואָרן, האָבן אויסגענוצט עזרא און נחמיה צו איינאָרדענען דאָס ייִדישע לעבן, עס זאָל זיין אין דעם גייסט פון תורה און פון די נביאים. צו דעם צוועק האָט ער אויך געצוואונגען די וואָס האָבן געהייראַט מיט ניט ייִדישע פרויען, זיי זאָלן זיך מיט זיי צעשיידן כדי אָפּצוהיטן די טהרת הגזע פון ייִדישן פאָלק.

די ערשטע מיטגלידער פון די אנשי כנסת הגדולה די וואָס האָבן רעגולירט דאָס לעבן פון פאָלק, האָבן אונטערגעשריבן דעם אַקט (כתב אמנה) אין וועלכן דאָס פאָלק פאַרפּליכטעט זיך אויפצופירן לויט תורת משה.

כדי אָנצוהאַלטן און פאַרצוזעצן די אַלע תקונים, וואָס עזרא און נחמיה האָבן מתקן געווען, ווי אויך צו לערנען און צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק תורת משה און די הויכע אידעאַלן פון די נביאים, האָט זיך דאַן אויסגעבילדעט צווישן די ייִדן אַ נייער קלאַס געזעץ־לערער אונטערן נאָמען, סופרים, פאָלקס־לערער.

די סופרים האָבן געלערנט מיטן פאָלק תורה און ווי צו אָנווענדן די געזעצן פון תורה. זיי האָבן אויסגעטייטשט די תורה און די רייד פון די נביאים און עס געלערנט די ייִדן און אַזוי אַרום איז פאַרשפּרייט און פאַרברייטערט געוואָרן צווישן די ייִדן: חכמת ישראל, וואָס איז אַקומולירט געוואָרן פון דור דורות, ייִדישע מאָראַל און עטיק, טראַדיציע, אמונה און בטחון. דאָס אַלעס האָט דאַן צעמענטירט דאָס פאָלק און

עס פֿאַראייניקט. די אַרבעט פֿון די סופֿרים וואָס האָט בשעתּם געווירקט צו האַלטן פֿאַראייניקט דאָס פֿאָלק, האָט אויך שפּעטער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער עקזיסטענץ אין גלות בכל תּפוצות ישראל.

לויט דעם תּלמוד זיינען פֿאַר דער צייט פֿון די סופֿרים און אנשי כנסת הגדולה, געשאַפֿן געוואָרן אַ סך וויכטיקע תּקנות אין דעם אינער־לעכן, רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן פֿון די יידן. אין ארץ־ישראל און אין די תּפוצות.

אין יענע צייטן האָט מען אויך מתקן געווען די תּפֿילה שמונה עשרי און קריאת שמע, און קאָנאָניזירט צו זאָגן עס דריי מאָל אין טאָג, תּקנות וואָס זיינען דאַן אָנגענומען געוואָרן פֿון די יידן און ווערן אָפּגעהיט בקדושה ביז היינטיקן טאָג.

די שטרעבונג צו אויסברייטערן דאָס לערנען תּורה, נביאים און הלכה האָט געפֿירט צו דער פֿאַרמערונג פֿון שולן, וואָס יעדע געמיינדע פֿון שטאָט און אויך פֿון די פּראָווינצן האָבן אויסגעבויט, כּדי צו האָבן אויף שטענדיק אַן אָרט וואו צו לערנען תּורה, דאַווענען און צו לייענען די פּרשיות השבועה און נביאים בצבור אין די טעג פֿון שבת און יום טוב לויט די תּקנות פֿון עזרא.

די דערמאָנטע שולן האָט מען דאַן גערופֿן קהל חסידים (פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿרומע), ווייל דאָרט האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די פֿרומע יידן צו לערנען תּורה און צו דאַווענען.

מיט דער צייט און אונטערן דרוק פֿון פֿאַרשידענע אומשטענדן, זיינען די קהל־חסידים־שולן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מקדשי מעט (קליי־נע בית המקדשן). זיי זיינען אַרוים פֿון קליינעם קרייז פֿון „קהל־חסידים" און האָבן געהערט צו אַלע קרייזן פֿון דער קהילה. דאָרט האָט מען גע־לערנט, געדאַווענט און אויך געזונגען די מזמורים וואָס מען האָט געזונגען אין ירושלים אין בית המקדש.

די דערמאָנטע קהל־חסידים־שולן: מקדשי מעט, האָבן טאַקע אין גע־וויסע צייטן פֿאַרטראָטן דעם בית המקדש פֿון ירושלים, פֿאַר די יעניקע פֿערזאָנען וואָס האָבן איבער געוויסע אורזאַכן ניט געקאָנט עולה זיין קיין ירושלים אין די שלש רגלים, אָדער ניט געהאַט די מעגלעכקייטן דאָס צו טון איבער געזונט־מאָטיוון און אַנדערע מניעות.

פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס יהודה האָט זיך געפֿונען אונטער פֿרעמדער הערשאַפֿט און אויך פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון דעם לעצטן גלות, זיינען די שולן, די אַמאָליקע קהל־חסידים, געווען די אומצעשטער־באַרע פֿעסטונגען פֿון יידישקייט, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן אַלע בייזע שטורעמס פֿון דער צייט. די שולן זיינען אויך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין גייסטיקע לאַבאָראַטאָריעס, וואָס האָבן געהאָלפֿן אָנצוהאַלטן און פֿאַר־שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן גייסט ביי די יידן פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון גלות ביז היינט צו טאָג.

אין די שולן האָט מען געלערנט תורה, נביאים, הלכה און אגדה און אַזוי אַרום פאַרשפּרייט יידישן וויסן און יידישקייט צווישן פאָלק, דאָרט האָבן זיך יידן דערנענטערט און באַהעפט צו זייער גאָט, דורך תפלה, שירה און געזאַנג. די שולן זיינען געווען די רינגעלעך אין דער גאָלדענער קייט וואָס האָבן פאַראייניקט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אַלס אַ גאַנצע.

אין די זעלבע האָבן זיך איינגעוועבט ביי די יידן די שטאַרקע אמונה און אומבויגזאַמער בטחון, אַז דער גלות איז אַ פאַרבייגייענדיקער קאָשמאַר, אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען. און אַז די גאולה שלמה פאַרן גאַנצן פאָלק און פאַרן לאַנד ארץ־ישראל מוז קומען און וועט קומען. דער גלויבן האָט זיי געגעבן גענוג גייסטיקן און פיזישן כח איבערצו־טראָגן דעם ביטערן גלות.

די נגינות, וואָס מען האָט געזונגען אין די דערמאָנטע שולן האָבן צוזאַמען געבונדן דעם רייכן עבר פון דעם יידישן פאָלק, דעם קעגנוואַרט פון גלות און די ליכטיקע צוקונפט פון דער גאולה.

מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין ארץ־ישראל אין דער תקופה

אין דער תקופה וואָס מיר באַהאַנדלען, איז געווען אין ארץ־ישראל אַ באַדייטנדע צאָל מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פון אייגענער דערפינדונג און אויך אריינגעבראַכטע פון שכנים־פעלקער.

די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן האָבן זיך געטיילט דאַן פונקט ווי היינט, אין דער מאָדערנער צייט אין: אינסטרומענטן מיט סטרונעס, בלאָז־אינסטרומענטן פון האָלץ און פון מעטאַל און קלאַפּ־אינסטרומענטן.

די אַלע אינסטרומענטן מיט סטרונעס, האָט מען דאַן גערופן: „נגינות”. טייל פון זיי האָט מען גענוצט צו שפּילן די פּרימא, די מעלאָדיע, און אַ טייל פון אַנדערע דימענסיעס און צאָל סטרונעס האָט מען באַנוצט צו באַגלייטן די יעניקע אינסטרומענטן וואָס האָבן געשפּילט די פּרימא, אָדער די איינצלנע זינגער־סאָליסטן.

פון די „נגינות” זיינען דאַן געווען דריי פאַרשידענע כנורס, געמאַכט פון פאַרשידענע האָלצן, פאַרשידענע פאָרמעס און גרויסן און מיט פאַר־שידענע צאָלן סטרונעס. עס זיינען געווען אַכט פאַרשידענע נבלס וועלכע מען האָט געשפּילט מיט אַ ספּעציעלן ביינדל, ווי מען שפּילט היינט אויף אַ מאַנדאָלין. נבל ,אַזוי ווי כנור האָבן געהאַט פאַרשידענע פאָרמעס און גרויסן, פאַרשידענע צאָלן סטרונעס און זיי זיינען געווען אויסגעאַרבעט פון פאַרשידענע האָלצן פון לאַנד און אויסלאַנד. צווישן די ווינט־אינסטרו־מענטן זיינען געווען: „עוגב” וואָס האָט געהאַט פאַראייניקט אַכט רערן און האָט געקאָנט אַרויסגעבן אַכט טענער און מער. חליל אָדער נחילה, פליימן

לענגערע און קורצערע, געמאַכט פון האָלץ מיט פאַרשידענע צאָלן לעכע־לעך, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן הויכע, מיטעלע און נידעריקע טענער. מיט זיי האָט מען געשפּילט די פּרימאַ — די מעלאָדיע. „חצוצרה" זיל־בערנער בלאָז־אינסטרומענט אין צוויי מאָסן: לאַנגע און קורצע. און, „שופר" „קרן" „יובל" בלאָז־אינסטרומענטן, געמאַכט פון הערנער פון באַראַנעס.

צווישן די קלאַפּ־אינסטרומענטן זיינען געווען, „תוף" אַ פּויק. אַ רייף פון האָלץ איבערגעצויגן מיט אַ אויסגעאַרבעטער פעל פון אַ חיה, אויף וועלכן מען האָט געקלאַפּט מיט די הענט. עס זיינען אויך געווען „האַנט־פּייקלעך" מיט גלעקעלעך, מיט וועלכע פרויען האָבן זיך געגעבן דעם ריטם צום טאַנץ. „צלצלים" און „מצולצלים", צימבאַלן, קלינגענדיקע און „צלצלי", תרועה, שאַלנדע צימבאַלן. „מנענעים" קלאַפּ־אינסטרומענטן מיט גלעקעלעך.ביים שפּילן האָט מען זיי באַוועגט אין פאַרשידענע פאַר־מען, זיי זאָלן אַרויסגעבן די נויטיקע קלאַנגען צום טאַקט. און „שלישים" דריי־עק, אויף וועלכן מען האָט געקלאַפּט מיט אַ דינעם אייזנדל.

די אַלע אויסגערעכנטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן זיינען באַנוצט געוואָרן צו באַגלייטן די מזמורים און תפילות אין בית המקדש. אייניקע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן ווי כנור, תוף און חליל פלעגט מען באַנוצן צו שפּילן אין די טרינק־הייזער (ישעיה ט"ו), צו פאַרוויילן די געסט. מיט די זעלבע אינסטרומענטן פלעגט מען אַרויסבאַגלייטן באַליבטע מענטשן און גרויסע פּערזענלעכקייטן צו אַ נסיעה, אויך אויפצונעמען זיגרייכע מלחמה־העלדן, אָנצופירן מיט רעליגיעזע ווי נאַציאָנאַלע פּראָ־צעסיעס און פאַמיליערע שמחות.

און ניט נאָר אין פרייד האָט מען ביי יידן געזונגען און געשפּילט, נאָר אויך אין טרויער האָט מען מיט דער הילף פון מוזיק צוגעגעבן אויס־דרוק דעם שווערן געמיט־צושטאַנד.

ביי לויות פלעגן פּראָפעסיאָנאַלע קלאָגערינס זינגען ספּעציעלע קלאָג־לידער און מען פלעגט שפּילן אויף פלייטן. עס איז געווען אַ חוב, אַ מוז, אַפילו פאַרן אָרעמסטן אין אַ טויט־פאַל פון זיין פרוי, צו דינגען ווינציקסטן צוויי קלאָגערינס און איין חליל־שפּילער צו באַגלייטן זי צו איר אייביקער רו (כתובות מ"ו).

פון דעם געזאָגטן קאָן מען זיך משער זיין, אַז אין יענע צייטן, אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון די יידן, איז מוזיק געווען פאַרטראָטן אין אַלע פאַזן פון לעבן, צו אויסדריקן די העכסטע מענטשלעכע שטרעבונגען, זיך צו באַהעפטן מיט גאָט, דורך שירה און זמרה. ביז צו אויסדריקן עלעגיש דורך דער שפּראַך פון מוזיק.

אין דער זעלבער תקופה האָט מען אין ארץ־ישראל איינגעפירט צו זינגען תורה און נביאים מיט „טראָפּ" (זע ווייטער) דאָס איז געווען די

ערשטע מוזיקאַלישע פאַרצייכענונג (נאָטן) ביי יידן צו העלפן דעם זכרון צו געדענקען די מעלאָדיע און די מעלאָדיע מיט ווערטער כדי צו געדענקען דאָס געלערנטע.

די „טראָפּ", פון בבילאָנער אָפּשטאַמונג, האָבן די גולי בבל באַנוצט צו פאַרצייכענען די ארץ־ישראל נגינה און מיט דער נגינה צו זינגען תורה און נביאים, כדי צו געדענקען בעסערביידע קעגנשטאַנדן: תורה און נגינה פון ארץ־ישראל.

עזרא הסופר האָט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון זינגען תורה און נביאים מיט די פאַרקירצטע ארץ־ישראל נגונים און האָט איינגעפירט אַז אויך אין ארץ־ישראל זאָל מען נוצן די טראָפּ ביים לייענען תורה און נביאים, ווייל נגינה העלפט דעם זכרון צו געדענקען דאָס געלערנטע.

די נעמען פון די טראָפּ (זע ווייטער) זיינען אַראַמעאישע, די שפּראַך פון בבל, דאָס באַשטעטיקט זייער אידענטיטעט. די גולי בבל מיט עזרא האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין ארץ־ישראל.

קאַפּיטל דרייצן

יידישע נגינה אין ארץ־ישראל אונטער גריכישע הערשאַפט

(332־140 פ״ק)

די ווירקונג פון עזרא און נחמיהס טעטיקייטן אין ארץ־ישראל. די נגינות פון בית המקדש. די רואיקייט אין ארץ־ישראל. דער גריכישער אויסערלעכער גלאַנץ פאַרכאַפּט אַ טייל פון יידישן פאָלק. די אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור, גריכישע שפילן און פיזישע איבונגען אין ארץ־ישראל. גריכישע מוזיק אין בית המקדש. די יידישע יוגנט און די פּרחי־כהונה פאַרכאַפּט פון גריכישן אַרט לעבן. גריכישע נגינה אין די קהל־חסידים שולן אין דער פּראָווינץ. די ווירקונג פון דער גריכישער נגינה אויף דער יידישער יוגנט. יהודה המכבי און זיינע תקנות. דאָס אומקערן זיך פון די יידן צו זייער טראַדיציאָנעלן זיטלעכן לעבן. נייע גאָלדענע כלים צו דער עבודה אין בית המקדש. באַזייטיקט די גריכישע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און נגינה פון בית המקדש. דער אָפּקלאַנג פון דעם אין די שולן פון דער פּראָווינץ. מוזיק אין פּריוואַטן לעבן פון די יידן אין דער תקופה.

די טעטיקייטן פון עזרא און נחמיה האָבן איבערגעלאָזן שטאַרקע און טיפע וואָרצלען אין דעם יידישן לעבן אין ארץ־ישראל.

דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט ריין און זויבער לויט די דינים פון תורת משה און די גוטע מנהגים פון דור דורות. אין בית המקדש האָבן די כהנים אָפּגעריכט די עבודת הקדש און די לוים האָבן געזונגען די מזמורים און תפילות לויט דער טראַדיציע וואָס האָט זיך געצויגן פון די צייטן פון דוד און שלמה.

אין פאָלק האָט מען געזונגען רעליגיעזע תפילות און פאָלקס לידער מיט ריינער יידישער נגינה. מען האָט געשפּילט אויף די נאַציאָנאַלע און פרעמדע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, די יידישע נגינה וואָס האָט געהאַט

דעם ספּעציפישן יידישן מילדן ריטם, וואָס האָט פאַרשאַפט גייסטיקע רואיקייט (מנוחת הנפש) און האַרציקע פרייד.

די רואיקייט אין דעם יידישן אַרט לעבן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז דאָס יידישע פאָלק איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער גריכישער הער־שאַפט, וועלכע האָט מיט איר אויסערלעכן גלאַנץ פאַרכאַפּט אַ באַדייטנ־דיקן טייל פון יידישן פאָלק, וועלכע האָט פאַרלאָזט דאָס אייגנאַרטיקע יידישע לעבן און אָנגעהויבן צו לעבן פריי ווי די גריכן.

די יידישע יוגנט, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די „פרחי כהונה" די גאָלדענע יוגנט פון די כהנים, האָט אויפגעכאַפּט דאָס פרייע פרעכע גריכישע אַרט לעבן און באַגלייך מיט די גריכן געמאַכט פיזישע איבונגען נאַקעטערהייט, געלאָפן אין געוועט, זיך פאַרווײַלט אונטער די קלאַנגען פון גריכישער מוזיק און געזונגען גריכישע לידער פון ווײַן, פרויען און פון זייערע געטער.

דאָס זינגען תפלות און מזמורים אין בית המקדש מיט גריכישער נגינה האָט געווירקט, אַז אויך אין די שולן (קהל חסידים) פון שטאָט און די פּראָווינצן וואו די מערהייט זיינען געווען העלעניזירער (אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור), זאָל מען זינגען די תפילות און מזמורים מיט די פרייליכע מעלאָדיעס פון די גריכן. אַזוי אַרום האָט די גריכישע נגינה מיט דעם ריטם, וואָס האָט געמאַכט זידן דאָס בלוט, פאַרכאַפּט כמעט גאַנץ ארץ־ישראל. און עס האָט געהאַלטן דערביי אַז דאָס יידישע לעבן זאָל זיך אויסגלייכן מיטן גריכישן, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס איז אַן אַבסאָלוטער קעגנזאַץ צום יידישן ריינעם און הייליקן לעבן און אַז דערמיט וועלן זיי צעשטערן און צעברעכן דעם ריינעם יידישן נאַ־ציאָנאַלן גייסט.

די יעניקע יידן, וואָס האָבן איבערגענומען דאָס גריכישע פרייע לעבן און די גריכישע קולטור, האָבן פּאַר אַ קורצער צייט באַקומען אַזוי פיל אָנהענגער, אַז זיי זיינען געוואָרן אין ארץ־ישראל אַ שטאַרקע פּאָליטישע מאַכט, און האָבן באַהערשט דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד. זייענדיק ביי דער מאַכט, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין ארץ־ישראל גריכישע שפּילן: געוועט־לויפן, פיזישע איבונגען, גריכישע טעאַטערס, גריכישע מוזיקאַ־לישע אינסטרומענטן און גריכישע מוזיק, וואָס האָט ביי זיי פאַרנומען דעם אויבן־אָן אפילו אין די נגינות פון בית המקדש.

ווען יהודה המכבי האָט באַזיגט די גריכן און האָט אויסגערייניקט דעם בית המקדש פון גריכישן אינהאַלט, האָט ער אויך אין פאָלקס־לעבן געטאָן דאָס זעלבע. ער האָט פון פאָלקס־לעבן באַזייטיקט דעם גריכישן איינפלוס, און האָט אויפגעוועקט אין פאָלק דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וועלכן די גריכן מיט זייערע יידישע אָנהענגער האָבן פאַרטומלט און פאַרטונקלט.

דאָס יידישע פֿאָלק האָט זיך אונטער דער השפּעה פֿון יהודה המכבי אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ שלעכטן חלום און האָט ערשט דערזען אין וואָס פֿאַר אַ גרויסן אומגליק די אָנהענגער פֿון דער גריכישער קולטור, „די העלעניזירער" האָבן אַריינגעפֿירט דאָס פֿאָלק און לאַנד. דאַן האָבן אַלע מיט גרויס התלהבות אָנגענומען די אַלע פֿאַראָרדענונגען און תקנות פֿון דעם נאַציאָנאַלן העלד „יהודה" צו אומקערן זיך צום ריינעם זיטלעכן נאַציאָנאַלן לעבן וואָס האָט געהערשט אין די צייטן פֿון עזרא און נחמיה. דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן ערשט נאָך אַ שווערן אָבער שנעלן קאַמף מיט די העלענער.

אין בית המקדש האָט מען דאַן געמאַכט נייע גאָלדענע כלים פֿאַר דער עבודה פֿון דעם גאָלד און זילבער וואָס די יידן האָבן אין קאַמף צוגענומען ביי די גריכן. מען האָט צוזאַמענגענומען די פֿאַרלאָזטע יידישע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, זיי געריייניקט, פֿאַרריכט און אויסגעפּוצט, מען זאָל אויף זיי קאָנען שפּילן די טראַדיציאָנעלע יידישע נגינה אין בית המקדש. מען האָט צונויפֿגערופֿן די אַלע ערלעכע איבערגעבענע טראַדיציאָנעלע כהנים און לוים און זיי צוריק איינגעשטעלט דורכצופֿירן די עבודת הקודש, באַגלייט מיט דער ריינער יידישער נגינה.

די באַנייטע טראַדיציאָנעלע יידישע נגינה אין בית המקדש און דאָס צוריק איינפֿירן דאָס ריין עטישע לעבן אין פֿאָלק, האָט געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין די פּראָווינצן וואו מען האָט איינגעפֿירט צוריק אין די שולן (קהל חסידים) די טראַדיציאָנעלע יידישע תפלות און מזמורים, געזונגען מיטן ריינעם יידישן מעלאָס און מילדן יידישן ריטם. אין פֿרייוואַטן יידישן לעבן האָט מען געזונגען די אַלטע ריינע יידישע נגינה און אויך גריכישע נגינה, וועלכע איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק און עס איז געווען אוממעגלעך צו באַזייטיקן. מיט דער צייט האָט זיך די נגינה אַסימילירט אין דער יידישער, און איז אַריין אין כלל פֿון יידישער נגינה.

קאַפּיטל פערצן

יידישע נגינה אין ארץ־ישראל אונטער דער רוימישער הערשאַפט

דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע 400 יאָר פון עזרא ביז דער רוימישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. דער קעניג הורדוס און זיינע אויפטואונגען און רעפאָרמעס. רוימישער אָדלער אויף אַ טויער פון בית המקדש. דער סנהדרין פאַרלירט זיין ווירקזאַמקייט. די פרושים דערווייטערן זיך פון פּאָליטיק. נייע קלאַנגען, טאָן ארטן אין ריטם פון דער יידישער נגינה. נאָכן חורבן פון צווייטן בית המקדש פאַרבאָטן מוזיקאַלישע פאַרווייַלונגען און געמישטע כאָרן. די סאַנקציעס פאַר די וואָס וועלן אָנהאַלטן מוזיקאַלישע פאַרווייַלונגען און געמישטע כאָרן. אַ מוז צו לערנען תורה זינגענדיק. די אַנטלאָפענע יידן פון ארץ־ישראל און זייער השפּעה אויף די אַלטגעזעסענע יידן אין דער פרעמד. דאָס שאָקלען זיך און זינגען ביים לערנען תורה. די ליידן פון יידן אין דער פרעמד נאָכן אונטערגאַנג פון מלכות יהודה. נייע גלות־תפלות און זייערע נגינות. פאָלקס־נגינה אין ארץ־ישראל נאָכן חורבן. דאָס קאָנאָניזירן ארץ־ישראל נגינה אין גלות אין נסחאות התפלה. דאָס אָפּהיטן די יידישע נגינה אין גלות.

דורך די 400 יאָר, זינט עזרא און נחמיה און די אנשי כנסת הגדולה, האָבן איינגעשטעלט אין מלכות יהודה אַ גייסטיק רואיק לעבן, אין וועלכן עס האָט געהערשט דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער גייסט וואָס האָט פאַראייניקט דאָס יידישע פאָלק און עס אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע פעלקער, איז אין ירושלים אָנגעגאַנגען די עבודה אין בית המקדש רואיק און רעגלמעסיק. כהנים בעבודתם ולוים בשירם ובזמרם, כהנים ביי זייער עבודה און די לוים מיט זייער זינגען און שפּילן.

די יידן פון גאַנצן לאַנד האָבן עולה לרגל געווען קיין ירושלים דריי מאָל אין יאָר ווי די תורה האָט געהייסן, שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך לפני א"ד אלהיך, דריי מאָל אין יאָר צו פּסח, שבועות און סוכות זאָלן געזען ווערן אַלע דיינע מענער פאַר גאָט דיין גאָט.

דער כהן גדול איז געווען דער יושב ראש פון די סנהדרין, די פרושים האָבן געטון אַלץ מעגלעכעס צו פאַרשטאַרקן אין פאָלק דעם נאַציאָנאַלן

באַוואוסטזיין און די ליבע צו דער יידישער אייגנאַרטיקייט, צו דער יידישער תורה און צו די רייד פון די נביאים. כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל זיין גייסטיק שטאַרק און נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניק, צו קאָנען ביישטיין און אויסשטיין אַלע שווערע און שרעקלעכע שטורעמס און בלייבן עקזיסטירן ווי אַ פאָלק. ווייל אין די צייטן פון הורדוסן האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע גרויסע סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק, ווי אין די צייטן ווען ארץ־ישראל איז געווען אונטער דער גריכישער הערשאַפט. אויך הורדוס האָט אויסגעבויט אין ירושלים אַ גרויסן טעאַטער און צירקן פאַר פיזישע איבונגען און פאַר קאַמפן צווישן מענטשן און ווילדע חיות. ער האָט אויך אַריינגעבראַכט אין ארץ־ישראל רוימישע מוזיק מיטן ריטם פון קאַמף און הערשאַפט. און פונקט ווי דאַן, האָט עס אויך פאַרכאַפט די יידישע יוגנט וועלכע האָט דורך דעם פאַרנאַכלעסיקט דאָס ריינע יידישע עטישע לעבן.

עס האָט די יידן ניט איבעראַשט און באַרואיקט אפילו דאָס וואָס הורדוס האָט איבערגעבויט דעם בית המקדש אין גאַנצן פון טייערן מאַרמל און באַדעקט אַ סך ערטער מיט ריינעם גאָלד, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז זיין כוונה איז ניט קיין ריינע...

עס האָט אויך ניט אַרויסגערופן אין פאָלק קיין איבעריקע פרייד, ווען ער האָט פאַרגרעסערט די טעריטאָריע פון מלכות יהודה און וואָס ער האָט צוריק אויפגעבויט די יידישע שטעט וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן אין די קאַמפן. עס האָט אויך ניט באַגייסטערט דאָס פאָלק, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין יהודה נייע שטעט, נייע קעניגלעכע און שטאַטישע געביידעס, ווייל מיט זיין אַריינברענגען אין יהודה פרעמדע קולטור, פרעמדע געוואוינהייטן, פרעמדע מוזיק, פרעמדע פאַרן יידישן גייסט פאַרווילונגען, האָט ער געשטעלט אין דער גרעסטער געפאַר די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אַלס אַזעלכעס. און דערפאַר האָבן די יידן אים געהאַסט, און זיינע אַלע אויסגערעכנטע דערגרייכונגען זיינען גרינגעשעצט געוואָרן, ווייל מיט דעם אַלעמען האָט ער געוואָלט געווינען דעם צוטרוי פון פאָלק, כדי אַזוי אַרום אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון ריינער יידישקייט, עס זאָל זיך לייכט לאָזן באַהערשן פון פרעמדע השפעות. זיינע שפּעטערדיקע רעפאָרמעס און אויפטואונגען האָבן דאָס באַשטעטיקט.

ער האָט זיך דערלויבט אויפצושטעלן אַ רוימישן עמבלעם: אַ רוימישן אָדלער אויף איינעם פון די טויערן פון בית המקדש, חוץ דעם וואָס דאָס איז אַבסאָלוט קעגן דער יידישער תורה, האָט ער מיט זיין טאַט פאַרשוועכט און באַליידיקט דאָס יידישע רעליגיעזע געפיל און זיין הייליקייט. ער האָט בטל געמאַכט די אויטאָריטעט פון די סנהדרין. גריכישע און רוימישע קולטור און געוואוינהייטן האָבן דורך אים אַריינגעשטראָמט אין יהודה. זיינע ראַטגעבער זיינען געווען צום מערסטן ניט יידן, ער האָט אָפן געזאָגט, אַז ער גלויבט גריכן און רוימער בעסער ווי יידן.

ניט געקוקט אױף דעם אַלעמען, איז אין יהודה דאָס לעבן אָנגעגאַנגען מיט דער יידישער טראַדיציע פון דורות. אין בית המקדש איז אָנגעגאַנגען רעגלמעסיק די עבודה, דאָס פאָלק האָט עולה לרגל געווען דריי מאָל אין יאָר קיין ירושלים, מען האָט באַאַרבעט די פעלדער און גערטנער, קינדער האָט מען דערצויגן אין גוטער יידישקייט. אין דעם אַלעמען האָט מען ניט געפילט קיין ספּעציעלע ענדערונג אויסער אין דער מוזיק.

די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אין ארץ־ישראל און די שטאַרקע שטורעמס, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן דאָס לאַנד, האָבן אַריינגעבראַכט אין דער יידישער נגינה, נייע טאָן־אַרטן, נייע ריטמס און נייעם מעלאָס. געקומען זיינען די נייעסן פון צוויי קעגנזעצלעכע קוועלן: פון דער גריכיש־רוימישער פרײלעכער פרעכער נגינה, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד, און פון די וויי־געשרייען און שטילע קרעכצן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די צרות, אכזריותן און איבערמענטשלעכע ליידן און דערנידערונגען, וואָס רוים מיט אירע פּראָקאָנסולן אין יהודה האָבן פאַרשאַפט דעם יידישן פאָלק.

עס האָט זיך פאַראייניקט אין דער נייער נגינה, דער וויי־געשריי פון די פאַרפּייניקטע העלדן וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייער פאָלק, אמונה און לאַנד, מיט די שטילע קרעכצן פון פאָלק, וואָס האָט געשמאַכט אונטער די אכזריותן פון רוים אין איין מעכטיקן געבעט צו גאָט, ער זאָל זיי באַ־פרייען פון דער רוימישער הערשאַפט. מיט דער צייט זיינען די נגינות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נוסחאות צו די ניי־געשאַפענע האַרציקע תפילות צו גאָט. די נייע גריכיש־רוימישע נגינה וואָס די יוגנט האָט אויפגעכאַפּט איז אויך אין אַ קורצער צייט דורך די דערמאָנטע אומשטענדן צעשמאָלצן געוואָרן אין דער יידישער נגינה, און אַריין אינעם לאַבירינט פון נוסחאות התפילה און פאָלקס־נגינה.

אַזוי אַרום איז די יידישע נגינה ביים ענדע פון בית שני, באַרייכערט געוואָרן מיט צוויי פאַרשידענע שטרעמונגען, וואָס האָבן געגעבן דער נגינה אַ שטאַרקן אויסדרוק, צו באַגלייטן די יידן אין זייער שווערן און ביטערן וועג, אין וועג פון גלות.

נאָכן חורבן פון צווייטן בית המקדש (73 נ"ק) איז די עבודה פון בית המקדש בטל געוואָרן. אויך ירושלים, דער גרעסטער און הייליקסטער רעליגיעזער צענטער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער חורבה. געבליבן זיינען די יידן ביי דער תורה, וואָס איז געוואָרן ביי זיי די גייסטי־קע טעריטאָריע אנשטאָט ארץ־ישראל, די פיזישע טעריטאָריע. די תורה איז געוואָרן די גאָלדענע קייט, וואָס האָט געהאַלטן פאַראייניקט אַלע יידן פון אַלע לענדער וואו זיי האָבן זיך געפונען. תפלה האָט פאַרביטן די עבודה פון בית המקדש. און דער חזן, דער שליח צבור וואָס פירט אָן מיט די תפלות, האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די לוים.

כדי אָנצוהאַלטן לאַטענט דעם נאַציאָנאַלן גייסט ביי יידן, האָט מען אין שמונה עשרה אַריינגענומען ספּעציעלע תפלות, פול מיט נאַציאָנאַלן אינהאַלט. ווי: ולירושלים עירך, את צמח דוד עבדך, ותחזינה עינינו, השיבה שופטינו, און תקע בשופר גדול לחרותנו, וואָס דער ייד זאָגט עס דריי מאָל אין טאָג.

נגינה סתם צוליב פאַרוויילונגען איז דאָן אין יידישן לעבן פאַרבאָטן געוואָרן. עס איז אויך פאַרבאָטן געוואָרן יעדער סאָרט פריילעכקייט.

ווען עס איז בטל געוואָרן די סנהדרין, דערציילט די גמרא (סוטה מ"ח), האָט מען אָפּגעשאַפט דאָס שפּילן מוזיק אין די טרינק־הייזער, און דאָס זינגען פון געמישטע כאָרן (מענער און פרויען): שבתו בחורים מנגינתם.

אין די צייטן פון תלמיד האָט מען אויך פאַרבאָטן די געמישטע כאָרן און אַנטיפאָנישן געזאַנג. רב יוסף זאָגט: (סוטה מ"ח) זמרי גברי ועני נשי פריצותא. ווען מענער זינגען און פרויען ענטפערן, איז עס אויסגע־לאַסנקייט. זמרי נשי ועני גברי: כאש בנעורת. ווען פרויען זינגען און מענער ענטפערן, איז עס ווי פייער אויף פלאַקס. (דאָרט). כדי דאָס פאָלק זאָל אויסמיידן מוזיקאַלישע פאַרוויילונגען און געדענקען דעם חורבן ירושלים און חורבן בית המקדש, האָבן די חכמים אַרויסגעגעבן אַ סאַנקציע פאַר די וואָס וועלן ניט אויספאָלגן דעם פאַרבאָט, און האָבן געזאָגט: (סוטה מ"ח) זמרה בביתא חורבא בספא, אַ שטוב וואָס אין איר איז פאַראַן געזאַנג, מוז סוף כל סוף חרוב ווערן. און ניט נאָר וועט דאָס הויז חרוב ווערן נאָר אפילו דאָס אויער, וואָס וועט הערן וואו ניט איז פריילעך געזאַנג, זאָל אויסגעריסן ווערן. אוזן ששמע זמרה תעקר (דאָרט).

וועגן הערן געזאַנג אָדער מוזיק אין די טרינק־הייזער אָדער פריי־וואַטע פאַרוויילונגען, זאָגט רבי יוחנן, אמר רבי יוחנן כל השותה בארבעה מיני זמר מביא חמש פורעניות לעולם, דער וואָס טרינקט וויין און הערט דערביי שפּילן אויף די פיר מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: כנור, נבל, תוף און חליל, ברענגט פינף אומגליקן אויף דער וועלט, ווייל עס שטייט גע־שריבן (ישעיה ה' והיה כנור ונבל ותוף וחליל ויין משתיהם לכן גלה עמי), דערפאַר גייט מיין פאָלק אין גלות.

אַלע סאָרטן פאַרוויילונגען מיט געזאַנג און מוזיק זיינען שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן. עס איז אויך פאַרבאָטן געוואָרן צו הערן נגינה אין די ספירה טעג פון 2־טן טאָג פסח ביז שבועות, אויך אין די 3 וואָכן פון 17־טן טאָג אין תמוז ביז נאָך תשעה באב. דאַקעגן איז דערלויבט געווען צו זינגען: תפלות, מזמורים, לייענען מיט געזאַנג אין דער תורה, נביאים און די חמש מגילות. וואָס אַנבאַלאַנגט לערנען, איז געווען אָבלי־גאַטאָריש צו זינגען, לערנען זינגענדיק. און דער וואָס האָט געלערנט סתם ניט זינגענדיק, האָט אויף אים געזאָגט דער פּסוק אין יחזקאל: איך האָב זיי אויך געגעבן ניט קיין גוטע געזעצן: כל הקורא בלא נעימה

ושונה בלא זמרה עליו הכתוב אומר גם אני נתתי להם חוקים לא טובים (מגלה ל"ב). (זע אויבן).

די דערלויבטע נגינה איז ריין ארץ־ישראל נגינה, וואָס איז דורכן זכרון פון פאָלק איבערגעטראָגן געוואָרן פון ארץ־ישראל צו די גלות־לענדער און שפּעטער איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און איז אָפּגעהיט געוואָרן ווי מעגלעך אין אָריגינאַל ביז היינט צו טאָג.

דער פאַרבאָט ניט צו זינגען און ניט צו הערן געזאַנג און מוזיק נאָכן חורבן פון ירושלים און בית המקדש, האָט געהאַט גאָר אַ ווייט־זעעוודיקן קוק און וויכטיקע צילן.

ערשטנס, כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל שטענדיק געדענקען און דער־מאָנען ארץ־ישראל, ירושלים און דעם בית המקדש, און אַזוי אַרום פאַר־בינדן דאָס געדעכעניש פון דער יידישער רייכער פאַרגאַנגענהייט מיט דער האָפענונג צו אַ ליכטיקער צוקונפט, ווען די גאולה וועט קומען און דאָס יידישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

צווייטנס, אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק האָט גערן נגינה, און נגינה (מוזיק) האָט אַ שטאַרקן כח וואָס ציט צו, וועלן יידן גיין הערן אויך פרעמ־דע נגינה, וועט מען שוין אויך זינגען די געהערטע פרעמדע נגינה אין יידי־שע היימען, וועט עס ווירקן שלעכט אויף יידישער אייגנאַרטיקייט, אויף דער יידישער מענטאַליטעט, קאָן דאָס פירן און פאַרפירן צו אַסימילאַציע. איבערהויפּט האָט מען דאַן אין זינען געהאַט די געזאַנגען פון דער קירכע, וואָס זיינען באַשטאַנען, אין דער ערשטער צייט פון קריסטנטום, פון דיינער יידישער נגינה (זע ווייטער), וואָס האָט ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן די יידן צו גיין הערן. דערווייל וואָלט מען אויך געמוזט הערן אַ דרשה פון זייערע גייסטלעכע, און צו דער זעלבער צייט באַגייסטערט און מיטגע־ריסן ווערן פון די ראַשיקע רעליגיעזע צערעמאָניעס וואָס זיי האָבן דורכ־געפירט, וועט עס פירן צו שמד... מיט דעם פאַרבאָט ניט צו הערן און ניט צו זינגען פרעמדע נגינה האָט מען עס דערגרייכט. יידן זיינען ניט געגאַנגען אין די קירכעס און פלעגן מיט די פינגער פאַרשטאָפּן די אויערן, ווען מען איז פאַרביי געגאַנגען אַ קירכע, וואו מען האָט געזונגען אָדער געשפּילט אויף אַן אָרגעל זייער נגינה.

אין דער צייט פון חורבן און נאַציאָנאַלער צעטרייסלונג, זיינען אַ סך יידן אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל צו די ווייטע און נאָענטע לענדער, וואו עס האָבן זיך געפונען פון פריער גרעסערע און קלענערע יידישע קהלות. די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך גלייך פאַראייניקט מיט די פון פריער איינגעזעסענע. דער גייסטיקער באַגאַזש, וואָס די אָנגעקומענע פרי־שע יידן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל און וועלכער איז באַשטאַנען פון תורה, נביאים, תפלה, מזמורים, נגינה און טראַדיציע, האָבן באַרייכערט און אויפגעפרישט די יידישע קולטור פון די איינגעזע־

סענע יידן, וועלכע האָבן עס גלייך אַסימילירט. און יידישע תורה, תפלה און נגינה האָבן זיך געלאָזט הערן ביי די יידן אין גלות אַזוי ווי פריער אין ארץ־ישראל.

כדי צו קאָנען זיך קאָנצענטרירן און פארשטיין גוט און טיף דאָס געלערנטע, האָט זיך געשאַפן ביי די יידן אין גלות אַן אייגנאַרטיקער סיסטעם פון לערנען, וועלכער האָט זיי פארגרינגערט זייער אויפגאַבע. דער סיסטעם איז באַשטאַנען אין זינגען און שאָקלען זיך ביים לערנען. אַט דאָס שאָקלען זיך מיטן זינגען האָט געשאַפן ביי די לערנער אַ פערפעקטע גייסטיקע האַרמאָניע, און די שווערסטע שטעלן פון לערנען זיינען ביי זיי קלאָר און פארשטענדלעך געוואָרן.

⁂

נאָך דעם פאַקטישן אונטערגאַנג פון מלכות יהודה האָבן די יידן אָנגעהויבן צו ליידן רדיפות און דערנידערונגען אין ארץ־ישראל און אויך אין די לענדער, וואו יידן האָבן געלעבט ווי בירגער פון אַ זעלבשטענדיקן שטאַט, ווייל כל זמן אין ארץ־ישראל האָט עקזיסטירט אַ מלוכה אָדער אַפילו ווען ארץ־ישראל האָט געפירט אַ גערענגל פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, סיי מיט גריכנלאַנד און סיי מיט רוים, האָט מען די יידישע בירגער, וואָס האָבן געלעבט אין די פארשידענע לענדער, באַהאַנדלט מיטן גאַנצן רעספּעקט פון בירגער פון אַ פריינטלעכער מלוכה.

ווען די יידישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען האָט זיך גלייך געביטן די באַציאונג פון די פעלקער צו די זעלבע יידישע בירגער. עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די יידן, וואָס זיינען פארבליבן אין ארץ־ישראל און אויך פאַר די וואָס האָבן זיך געפונען אין פרעמדע לענדער, שלעכטע, ביטערע צייטן. אומגעהויערע ניט געהערטע רדיפות, און גזרות מכל המינים. גזרות רעות וקשות אויף יעדן טריט און שריט, וואָס האָבן געמאַכט די יידן צו ליידן, פיזיש, גייסטיק, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז אַלע פעלקער האָבן זיך פאַראייניקט מיט רוים, צו פארטיליקן און אויסצוראָטן דאָס יידישע פאָלק.

פון אַט די יסורים און ביטערע איבערלעבונגען זיינען צוגעקומען צו דער יידישער ליטורגיע נייע תפלות און בקשות צו גאָט, ער זאָל זיי העלפן אין זייערע נויטן. און צו דער יידישער טראַדיציאָנעלער נגינה איז צוגעקומען אַ נייער יידישער טאָן־אַרט, אַ נייער יידישער מעלאָס, פון ספּעציפישן יידישן וויי־געשריי און קרעכץ, וועלכע האָבן באַקליידעט די נייע גלות־תפלות וואָס זיינען געוועז געטובלט אין יידיש בלוט און טרערן געווענדט צו גאָט.

פאַר דער צייט פון גלות און וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד, פון איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו זיין אַ ייד און צו לעבן דאָס אייגנאַרטיקע יידישע לעבן, האָט די יידישע נגינה מגייר געווען יענע נגינות

פון די פעלקער, (צווישן וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו לעבן און צו ליידן...) וואָס האָבן געהאַט אַ מילדן ריטם און האָבן אויסגעדריקט מענטשלעכע ליידן. איידער מען האָט געיידישט אָט די נגינות, האָט מען זיי פריער געטובלט אין יידישן צער און טרערן און ערשט דאַן אריינגענומען אין דער נגינה. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די יידישע גלות־מוזיק.

ווען מען אַנאַליזירט אָט די יידישע גלות־מוזיק, קאָן מען כמעט קראַנאַלאָגיש אויסרעכענען אַלע לענדער און פעלקער וואו יידן האָבן געוואַנדערט, געלעבט און געליטן. ווייל יעדעס לאַנד האָט דאָך זיין ספּעציפישע מוזיק — פּונקט ווי זיין שפּראַך, און מיר האָבן ביי זיי גענומען זייער שפּראַך זיך צו קאָנען איינפאַרשטיין מיט זיי, און זייער מוזיק וואָס איז געווען נאָענט צו אונדזער געמיט־צושטאַנד: אויסצודריקן אונדזערע ליידן דורך אַ תפלה צו גאָט.

אין אונדזערע גלות־תפילות און נגינות קאָן מען דערפאַר זען ווי אין אַ קרישטאַל־ריינעם שפּיגל די אַלע רדיפות, דערנידערונגען און גזרות רעות, וואָס יעדעס לאַנד באַזונדער און אַלע לענדער צוזאַמען האָבן אונדז פאַרשאַפט.

וואָס שייך דער יידישער טראַדיציאָנעלער נגינה, וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש, איז זי געבליבן לעבעדיק אין פאָלק, ווייל דאָס פאָלק האָט זיך איינגעקלאַמערט אין דער נגינה, פּונקט ווי אין זיין תורה און אַלע זיינע גייסטיקע שאַפונגען פון דור דורות. די נגינה איז קאָנסערווירט אין די נוסחאות התפלה און מען זינגט זי מאַיעסטעטיש אין די שבתים, ימים־טובים, ימים־נוראים און ביי אַלע רעליגיעזע געלעגנהייטן אין די שולן, בתי מדרשים און מאָדערנע טעמפּלען.

דאַקעגן זיינען די פאָלקס־געזאַנגען פון ארץ־ישראל, דורך די טראַגישע אומשטענדן פון חורבן, פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שוואַרצן שלייער פּונקט ווי דאָס גאַנצע לאַנד איז איינגעוויקלט געוואָרן אין דעם גרויסן נאַציאָנאַלן טרויער. די פאָלקס־זינגער און שפּילער זיינען אומגעקומען קעמפנדיק קעגן שונא, אָדער באַזיגטע פון דעם שונא, פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן. חוץ דעם האָבן די דעמאָלטיקע גייסטיקע פירער שטרענג פאַרבאָטן שפּילן און הערן נגינה, אויסער אין די שולן, ביים דאַוונען און אין די ישיבות, וואו מען האָט געלערנט תורה (זע אויבן). דערפאַר האָט דאָס יידישע פאָלק אַ לאַנגע צייט ניט געזונגען זיינע פאָלקס־לידער, אָבער אַ לעבעדיק פאָלק מוז זינגען, פּונקט ווי אַ לעבעדיקער מענטש מוז ריידן און זיך אַראָפּריידן פון הארצן, האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגעהויבן צוריק צו קומען צו זיך און האָט אָנגעהויבן צו זינגען זיין פאָלקס נגינה, זיינע אייגנאַרטיקע פאָלקס־געזאַנגען.

און געזונגען האָט דאָס יידישע פאָלק, ניט נאָר ווייל אַ לעבעדיק פאָלק מוז זינגען, נאָר אויך, ווייל מיט דער זיסער מעלאָדיע און מילדן

ריטם פֿון זיין נגינה, האָט דער ייד אָנגעהאַלטן זיין נאַטירלעכן כאַראַקטער און זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אַלס אַזעלכער, ווייל די נגינה דערוויטערט דעם יידן פֿון די שלעכטע מענטשלעכע געוואוינהייטן, ווי: גלוי עריות, שפיכת דמים און עבודה זרה.

אַזוי האָט דאָס יידישע פֿאָלק אָפּגעהיט זיין נגינה אין ארץ־ישראל פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון בית שני, אויך די קורצע צייט נאָכן חרבן, ווען אַ טייל פֿון יידישן פֿאָלק איז נאָך געזעסן אין ארץ־ישראל. און אַזוי ווערט די נגינה (מיט פֿאַרשידענע אויסנאַמען) אָפּגעהיט פֿון די יידן אין אַלע גלות־לענדער, באַשטראַלט מיט דער האָפֿענונג און גלויבן צו זינגען די נגינה צוריק אין ארץ־ישראל, ווי אַמאָל די גולי בבל, און די טרויעריקע נגינה פֿון גלות און די פֿאַרטרויערטע נגינה פֿון אַמאָל פֿון ארץ־ישראל, וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿריילעכע געזאַנגען, וואָס וועט פֿאַרהילכן דאָס יידישע לאַנד ווי אַמאָל אין די בעסטע גליקלעכסטע צייטן, דאָס וועט זיין, בשוב א״ד את שיבת ציון.

קאַפּיטל פופצן

פּסקי הטעמים (טראָפּ)

די ערשטע מוזיקאַלישע פאַרצייכענונגען ביי יידן

די ערשטע נאָטן

אַמאָליקע פאָרעם פון איבערגעבן גייסטיקע ירושות צו קינדער. לערנען קינדער תורה איז ביי יידן אַ חוב. שכר למוד. קינדער נעמען איבער נגינה זייער לייכט. די נויטווענדיקייט צו פאַרצייכענען נגינה ביי יידן. דער בית המקדש ווי אַ מוזיקאַלישע לאַבאָראַטאָריע. פון פאָלק צום בית המקדש און פון בית המקדש צום פאָלק. נאָכן חרובן פון ערשטן בית המקדש. די סכנה פון פאַרגעסן די יידישע נגינה. העברעאיש פאַרלירט איר באָדן. לשון קודש פאַר תורה און תפלה.

אין די אַלטע צייטן האָט מען איבערגעגעבן די גייסטיקע ירושה פון דור צו דור — בעל פה, מונדלעך. עלטערן האָבן עס איבערגעגעבן מונדלעך צו זייערע קינדער און זייערע קינדער האָבן דאָס געלערנט מיט זייערע קינדער אאַ"וו. אַזוי איז עס געווען ביי אַלע פרימיטיווע פעלקער.

ביי די יידן האָט זיך דער פּראָצעס פון איבערגעבן די גייסטיקע ירושה צו די קינדער, אויסגעדריקט אין אַן אימפּעראַטיוו: ושננתם לבניך, ודברת בם, בשבתך בביתך ובלכתך בדרך, בשכבך ובקומך, זאָלסט אַריינלערנען צו דיינע קינדער און זאָלסט אַריינריידן אין זיי, ווען דו ביסט אין שטוב, ווען דו גייסט אין וועג, ווען דו לייגסט זיך שלאָפן און ווען דו שטייסט אויף. פאַר די עלטערן איז געווען דער אימפּעראַטיוו: והגית בו יומם ולילה, זאָלסט ריידן אין תורה טאָג און נאַכט.

דער חוב פון אַ יידישן פאָטער איז געווען צו לערנען און דערציען זיינע קינדער אין גוטער יידישקייט על פּי תורת משה, און איבערצוגעבן זיי די גייסטיקע יידישע ירושה פון דורות. אויב אַ יידישער פאָטער האָט עס אַליין ניט געקאָנט טון, האָבן עס געטון אַנדערע פאַר אים, ער

האָט זיינע קינדער איבערגעגעבן צו מלמדים, זיי זאָלן לערנען מיט זיי דאָס וואָס ער איז מחויב צו לערנען, און ער האָט געצאָלט ניט פאַרן לערנען, ווייל פאַר לערנען תורה מיט אַ צווייטן אָדער מיט קינדער האָט מען ביי יידן ניט גענומען קיין געצאָלט. געצאָלט האָט מען פאַר דער צייט־פאַרלוסט וואָס די מלמדים האָבן געהאַט ביים לערנען מיט קינדער, שכר בטלה האָט עס געהייסן.

ביים איבערגעבן די יידישע נגינה צו די קינדער איז דער פּראָצעס (פון איבערגעבן) געווען אַ פיל לייכטערער. דאָ איז ניט נויטיק געווען קיין אימפּעראַטיוו פון ושננתם לבניך, ווייל נגינה נעמט זיך לייכט איבער, פון זיך אַליין, מען דאַרף עס ניט אַריינלערנען און אַריינזינגען. עס איז גענוג, אַז קינדער זאָלן האָבן געהערט זינגען אין די שטובן, אין שול, אין בית המדרש און ביי פאַמיליערע שמחות און פאַרווייליונגען ווי אויך אין די ימים־טובים, זיי זאָלן עס נאָכזינגען און געדענקען. און יידישע קינדער האָבן עס שטענדיק געהערט און נאָכגעזונגען. אויף אַזאַ אופן איז די יידישע נגינה איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

קיין פיגורן, קיין נאָטן צו פאַרצייכענען די נגינה זיינען ניט געווען און עס האָט זיך ניט געפילט קיין נויטווענדיקייט, ווייל איבערהויפּט האָט די יידישע נגינה געלעבט אין שטוב, אין גאַס, אין די שולן און בתי מדרשים, אין דאַרף ווי אין שטאָט, אין פרייד און אין טרויער, אויף פאַרזאַמלונגען און פאַרווייליונגען, אומעטום האָט געקלונגען די ריינע מילדע יידישע נגינה.

דער בית המקדש איז געווען, ווי געזאָגט, די מוזיקאַלישע לאַבאָראַטאָריע פון יידישן פאָלק, וואו עס איז אַריינגעפלאָסן די פּרימיטיווע יידישע נגינה פון די ערד־אַרבעטער און פאַסטוכער און האָט זיך טראַנספאָרמירט אין וואונדערבאַרע שיינע הערלעכע געזאַנגען צו זינגען פאַר גאָט. עס זיינען אין בית המקדש געשאַפן געוואָרן פון אָט דער פּרימיטיווער נגינה, געזאַנגען און מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס פון גרויסן פאַרנעם, געזונגען און געשפּילט פון געשולטע כאָרן און מוזיקער, אָנגעפירט פון באַגאַבטע מנצחים דיריגענטן, ווירטואָזן. עס זיינען אויך דערפונדן געוואָרן נייע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פון פאַרשידענע האָלצן און מעטאַלן און עס זיינען איינגעאיבט געוואָרן גרויסע כאָרן און אָרקעסטערס דורך די מלמדי שיר, וועלכע האָבן אָנגעפירט די מוזיקאַלישע טייל אין עבודת הקדש.

די געלייטערטע נגינה פון בית המדרש איז צוריק געליפערט געוואָרן צום פּרימיטיוון פאָלק, צום ערד־אַרבעטער און פאַסטוך דורך די נביאים, ווען זיי האָבן זיך געווענדט צום פאָלק. און אויך דורך די עולי לרגל, די מענער פון די פּראָווינצן, וואָס פלעגן גיין דריי מאָל אין יאָר: פסח, שבועות און סוכות קיין ירושלים.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס יידן זיינען געזעסן אויף זייער לאַנד, האָט געשטראָמט די פּרימיטיווע נגינה פון פאָלק צום בית המקדש און פון בית המקדש צום פאָלק.

**
*

אַן ענדערונג איז געקומען אין דער פאָרם פון איבערגעבן די יידישע נגינה צו די קומענדיקע דורות, ווען איבער פּאָליטישע געשעענישן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע סכנה, אַז די יידישע נגינה צוזאַמען מיט אַלע גייסטיקע אוצרות פון יידישן פאָלק, זאָלן אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן און אונטערגיין.

דאָס ערשטע מאָל איז די סכנה געקומען ווען בבל האָט באַהערשט יהודה און האָט חרוב געמאַכט דעם ערשטן בית המקדש, דאַן איז אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. עלטערן זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון קינדער, קינדער פון עלטערן. דעם אימפּעראַטיוו פון ושננתם לבניך איז ניט מעגלעך געווען צו דערפילן. דאָס יידישע פאָלק האָט שטאַרק געקרעכצט אונטערן יאָך פון באַדריקער. די יידישע נגינה און דער יידישער שאַפונגס-גייסט איז מחמת די קאַטאַסטראָפאַלע אומשטענדן, פּאַראַליזירט געוואָרן און עס האָט זיך דערנענטערט די גרויסע געפאַר, אַז די יידישע גייסטיקע שאַפונגען פון דורות זאָלן פאַרגעסן ווערן. דער איינציקער מיטל קעגן דעם איז געווען, מען זאָל אַלע יידישע שאַפונגען פאַרצייכענען און פאַרשרייבן, כדי עס זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות, און לערנען זאָל מען פון די געשריבענע טעקסטן, ניט ווי פריער פון זכרון.

האָט מען דאַן אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן (פריער אין בבל און שפּעטער אין ארץ־ישראל), אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן ביז יענער צייט, און אויך די נייע שאַפונגען פון די קומענדיקע דורות. און כדי ניט צו פאַרגעסן אויך די יידישע נגינה, האָט מען זי פאַרצייכנט דורך פאַרשידענע פיגורן וועלכע מען האָט גערופן טראָפּ; פון גריכיש „טראָפּוס" וואָס מיינט נייגונגען, באַוועגונגען, ווי צו באַוועגן די נגינה ביים לייענען, און עס פאַראייניקט מיט די טעקסטן.

דער פּאָזאַג, והגית בו יומם ולילה און ושננתם לבניך, איז שוין דורכגעפירט געוואָרן פון שריפט און ניט בעל פה פון אויסנווייניק, ווי עס האָט זיך געפירט ביז יענער צייט.

דעם זעלבן מיטל פון פאַרשרייבן האָבן אַ סך שפּעטער די קריסטן גענוצט ביים איבערגיין פון געצנדינערייַ צום קריסטנטום. זיי האָבן דאַן געשאַפן די קריסטלעכע הייליקע שריפטן צו פאַרשרייבן זייער נייער לערע.

צוליב די זעלבע פּאָליטישע געשעענישן און אומשטענדן האָט אויך די נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך, העברעאיש, פאַרלאָרן איר באָדן, ווייל יידן האָבן אָנגעהויבן צו ריידן פרעמדע שפּראַכן: גריכיש, אַראַמעאיש, כאַלדעאיש און אַנדערע. די אייגענע העברעאישע שפּראַך האָט מען פאַרלאָזן, זי האָט געהאַלטן ביים פאַרגעסן ווערן. דאַן האָבן די גייס־טיקע פירער פון יענער צייט, באַשטימט, אַז די העברעאישע שפּראַך זאָל זיין און זאָל פאַרבלייבן לשון הקדש און לשון עבודה, די שפּראַך פון דער תורה, פון די נביאים און פון דאַוונען, די הייליקע שפּראַך פאַר דער צייט פון גלות. און אַזוי ווי יידן האָבן שטענדיק געלערנט תורה און געדאַוונט דריי מאָל אין טאָג, איז ביי זיי געווען זיכער, אַז אַזוי אַרום וועט די העברעאישע שפּראַך זיכער ניט פאַרגעסן ווערן. ווייל מען וועט זי ניט באַנוצט אין לעבן און אין מסחר, וועט עס בלייבן ריין פון דער אַריינ־מישונג פון פרעמדע עלעמענטן, ביז עס וועט קומען די צייט און יידן וועלן זיך צוריק קערן אין ארץ־ישראל. דאַן וועט צוריק אויפבליען זייער אויטענטישע שפּראַך: העברעאיש.

פּסקי הטעמים (טראָפּ) אין ארץ ישראל

די אָפּשטאַמונג פון טראָפּ. די באַוועגונגען פון די הענט פון דעם בעל קורא ביים לייענען תורה און נביאים. די מיינונג פון גלח שפּיידעל וועגן די טראָפּ. די מעלאָדיעס פון די טראָפּ אין תפוצות ישראל. די נעמען פון די טראָפּ זיינען די נעמען פון באַקאַנטע מעלאָדיעס, וואָס מען האָט געזונגען אין ארץ־ישראל. אין בבל האָט מען נאָר פאַרצייכנט דעם ערשטן אות פון דעם נאָמען פון דער מעלאָדיע. די רעפאָרמע פון די טראָפּ אין טבריה. דאָס זינגען תורה, נביאים אין די חדרים מיט טראָפּ. די מיינונג פון פאָרשער פרידלענדער, רב אברהם דבלמש אין זיין ספר מגון אברהם. מימיק פון בעל קורא ביים לייענען תורה און נביאים. די מסורות פון בן נפתלי און בן אשר. (רבי יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים. די שאַפונג פון אַ גייסטיקער טעריטאָריע אין גלות. די גייסטיקע פעסטונגען פון יידישקייט אין גלות. די גרינדונג פון ישיבות אין די גרויסע שטעט). די טראָפּ אַלס איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען פאַרן קיום היהדות. אייזיק הירש וויס. די נעמען פון די טראָפּ. די פיר פאַרשידענע טראַדיציעס ביי יידן צו זינגען די טראָפּ. ספּעציעלע ניגונים צו די פרשיות וואָס מען לייענט ימים נוראים, ויחל, אַז ישיר, האזינו, עשרת הדברות, די ספרי אמ״ת און די חמש מגילות.

טראָפּ, אין גריכיש טראָפּוס. נייגונגען, באַוועגונגען; העברעאיש, תנועות

די יידן האָבן אָנגענומען דעם פרעמדן טערמין „טראָפּ״ צו באַצייכענען די מעלאָדיעס ווי צו זינגען תורה און נביאים, ווייל דער טערמין אַנטשפּרעכט פאָלקאָם די תנועות פון דער יידישער פּרימיטיווער נגינה. ווי מיר האָבן עס דערקלערט אין די פריקע קאַפּיטלען, איז די ערשטע יידישע נגינה אַנטשטאַנען פון די טענער וואָס זיינען אַרויסגעקומען

פון די באַוועגונגען ביי דער אַגריקולטור און שפּעטער ביי אַנדערע אַר־בעטן.

צוליב דעם וואָס די טראָפּ האָט געטראָגן אַ היראָגליפישן כאַראַקטער און עס איז געווען שווער זיי אויסצולערנען, האָט מען זיך אין די ערשטע צייטן באַנוצט מיט אַ מין „כיראָמאַנטיע״, פאַרשטענדלעך צו מאַכן די טראָפּ דורך באַשרייבן עס אין דער לופט מיט דער האַנט. צום ביישפּיל, צו זינגען אַ „פּשטא״ האָט מען געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט פון אונטן אַרויף, אַ „גרשיים״ באַוועגט מיט דער האַנט, פון אונטן אַרויף פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. אַ „שלשלות״ האָט מען געמאַכט זעקס קיילעכדיקע באַוועגונגען אין דער לופט. „זרקא״ אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אין דער לופט הין און צוריק, הין און צוריק ווי די באַוועגונג פון אַ שלאַנג, א. אַ. וו. פון דער לופט־שריפט, וואָס די רוימער האָבן זי גערופן: „מוסיקאַ מוטאַ״ שטומע מוזיק, האָט מען אָנגעפאַנגען צו מאַכן שריפט אויפן פּאַפּיר. ביי די יידן אין בבל, מיט אותיות אויף די ווערטער און אין טבריה מיט פיגורן. און עס איז צו באַוואונדערן די קורצקייט פון יעדער טראָפּ, ווייל מיט איין „פּזר״ רופט מען אַרויף עלף טענער, „קרני פרה״ צוואַנציק טענער א. אַ. וו. און ניט נאָר האָבן די טראָפּ געלערנט די תנועות, די באַוועגונגען פון די טענער, נאָר אויך די דינאַמישע ניואַנסן פון דער שטימע, שטאַרק, שטאַרקער, שוואַך, שוואַכער, מיטלמעסיק, פּרע־גנדיק, ענטפערנדיק, שטרענג, געלאַסן, העכער, נידעריקער, מיט אַ בייזער, מיט געבעט כדי אַרויסצוברענגען מיט די דערמאָנטע דינאַמישע ניואַנסן דעם ריכטיקן אויסטייטש פון דעם אינהאַלט און צו העלפן דעם זכרון צו געדענקען.

לויט דעם גלח שפּיידעל האָט מען ביי יידן אין די צייט פון דוד און שלמה גענוצט די וואָקאַלן (נקודות) אַ, אָ, או, אוי, אי, צו פּאַרציי־כענען ווי צו זינגען די מעלאָדיעס. די תנועות גדולות זאָלן האָבן געצייכנט צו זינגען די מעלאָדיעס לאַנגזאַם — „אַנדאַנטע״ און די תנועות קטנות, פריילעכער — אַלעגראָ. דאָס זיינען נאָר געווען די פאָרמען ווי צו זינגען די מעלאָדיעס, אָבער אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַרשטעלן די מעלאָדיעס גופא האָט נאָך דעמאָלסט ניט עקזיסטירט. די ערשטע פיגורן אָדער צייכענונגען, וואָס זאָלן פאַרשטעלן די מעלאָדיע גופא, איז די „טראָפּ״. דאָס זיינען די ערשטע מוזיקאַלישע פאַרצייכענונגען, די ערשטע נאָטן ביי יידן צו פאַר־שרייבן זייערע טראַדיציאָנעלע געזאַנגען אויף די טעקסטן פון תורה, נביאים, כתובים און שפּעטער אויך אויף משנה, זיי זאָלן זיך אין זכרון צעמענטירן מיטן אינהאַלט. די מעלאָדיעס פון די טראָפּ אויף די דערמאָנ־טע טעקסטן זיינען די זעלבע (מיט קליינע אויסנאָמעס) בכל תפוצות ישראל. דאָס איז אַ געגונגנדיקער באַווייז, אַז מיר האַלטן נאָך אָן, אַז מיר זינגען נאָך אויך היינט צו טאָג די גאָר אַלטע נגינות וואָס מען האָט גע־

זונגען אין ארץ־ישׂראל מיט טויזנטער יאָר צוריק. (זע אידעלזאָן נגינות ישׂראל).

די טראָפּ, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די ארץ־ישׂראל נגונים, זיינען געווען פּאָפּולער און באַליבט ביים פֿאָלק, אַנדערש וואָלטן זיי ניט געקאָנט אָנגענומען ווערן אומעטום. יעדער נגון האָט געהאַט זיין נאָמען און דער נאָמען איז איבערגעגאַנגען צום טראָפּ. למשל, דער טראָפּ „תביר" אָדער אַנדערע נעמען פֿון די טראָפּ, האָבן פֿאָרגעשטעלט די מעלאָדיעס, וואָס יעדער פֿון זיי טראָגן זייערע נעמען. געוויינטלעך איז די מעלאָדיע אַ פֿאַרקירצטע, נאָר אַ פֿראַזע פֿון דער מעלאָדיע אָדער אייניקע וויכטיקע טאַקטן. ווען מען האָט באַקליידעט מיט די מעלאָדיעס די ווערטער פֿון תורה, נביאים און כתובים, האָט זיך צונויפֿגעשמאָלצן דאָס וואָרט מיט דער מעלאָדיע און עס איז געוואָרן איינס. דאָס וואָרט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער מעלאָדיע, קומט אַרויס דאָס וואָרט זינגענדיק. פּונקט ווי היינט צו טאָג זינגט מען די ווערטער, וואָס זיינען פֿאַרצייכנט אויף די מאָדערנע נאָטן. מען זינגט די ווערטער וואָס אַנטהאַלטן אין זיך די מעלאָדיע, וואָס עס שטעלן פֿאָר די נאָטן. יעדער נאָטע שטעלט פֿאָר אַן איינצעלנעם טאָן. צו פֿאַרצייכענען אַ מוזיקאַלישע פֿראַזע דאַרף מען האָבן אַ סך נאָטן. דאַקעגן די „טראָפּ" שטעלן פֿאָר גרופּעס פֿון טענער וואָס שטעלן פֿאָר גאַנצע פֿראַזעס אָדער די וויכטיקע טיילן פֿון די פֿראַזעס.

כדי צו פֿאַרגרינגערן דעם עולם צו קאָנען נאָכזינגען תורה און נביאים נאָך די טראָפּ, האָבן די בעלי קוראות, די וואָס האָבן געלייענט תורה און נביאים, געמאַכט תנועות, באַוועגונגען מיט די הענט, כדי צו ברענגען צום אויסדרוק די מעלאָדיע וואָס יעדער טראָפּ האָט פֿאַרגעשטעלט, (זע אויבן).

אין בבל, ווי געזאָגט, האָבן די יידן גוט געדענקט די ארץ־ישׂראלדיקע נגינה מיט זייערע נעמען. און כדי צו זינגען תורה און נביאים בציבור און דאָס זינגען זאָל זיין אין אַלע קהלות גלייך, האָבן זיי פֿאַרצייכנט די נעמען פֿון די ארץ־ישׂראל נגונים אויף די ווערטער פֿון דעם וואָס זיי האָבן געזונגען. געוויינטלעך זיינען די מעלאָדיעס געווען צוגעפּאַסט גרינטלעך צום אינהאַלט.

די נגינות זעלבסט זיינען געווען פֿאַרקירצט, ווייל זינגען די גאַנצע מעלאָדיע וואָלט געמאַכט שווער דאָס לייענען און וואָלט פֿאַרנומען אַ סך צייט, האָט מען נאָר געזונגען דאָס פֿאַרקירצטע און עס געצייכנט אויף די ווערטער מיטן ערשטן אות פֿון דעם נאָמען פֿון דער מעלאָדיע. למשל, ווען די מעלאָדיע, מיט וועלכער מען דאַרף זינגען דאָס וואָרט האָט געהייסן תביר, האָט מען געשטעלט אויפֿן וואָרט אַ ת, ווען עס האָט געהייסן „פּזר" אַ פּ, „שלשלת" אַ ש, אַא"וו.

די דערמאָנטע צייכענונגען האָבן אָנגעהאַלטן ביי די יידן ביזן עלפֿטן

יאָרהונדערט פון דער מאָדערנער צייטרעכענונג. אין דעם יאָרהונדערט האָט מען רעפאָרמירט די טראָפּ, אנשטאט וואָס מען האָט געצייכנט די מעלאָדיעס מיט אותיות אויף די ווערטער, האָט מען באַשטימט אַזעלכע פיגורן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט די זעלבע מעלאָדיעס. די נעמען פון די טראָפּ זיינען געבליבן די זעלבע אין אַראַמעאיש. די רעפאָרם איז אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל.

די מעלאָדיעס פון די טראָפּ צו זינגען תורה שבת און ימים טובים
לויטן נוסח פון די יידן פון רוסלאַנד



אין די חדרים און תלמוד תורהס, האָט מען איינגעאיבט מיט די תלמידים צו זינגען פריער די טראָפּ, דאָס הייסט דעם נגון מיט דעם נאָמען פון דעם טראָפּ, נאָכדעם צו זינגען דאָס וואָרט מיט דעם טראָפּ וואָס עס אנטהאַלט. אַזוי אויך נביאים — מפטיר און כתובים — און אַלע פרייטיק האָט מען געהערט אין די חדרים און תלמוד תורהס די זיסע געזאַנגען פון די יונגע תלמידים ווי זיי זיינען מעביר די סדרה און זינגען דעם נביא — מפטיר.

יידן האָבן געזונגען שנים מקרא, צוויי מאָל די פרשה פון דער תורה, ואחד תרגום און איין מאָל תרגום. אויך די הפטרה פון יעדער וואָך, דעם קאַפּיטל נביא, וואָס מען זינגט אַלע שבת און יום־טוב נאָכן לייענען אין דער תורה. (זע וויטער נגינות הנביאים).

לויטן פאָרשער פרידלענדער, האָט אין ארץ־ישראל עקזיסטירט גאָר אַן אַלטע פּרימיטיווע פאָרם פון טראָפּ, וואָס ער רופט עס אַן הנקוד הארצי ישראלי, און אַז פון די פּרימיטיווע טראָפּ זיינען עס שפּעטער אין דעם 11טן יאָרהונדערט נ״ק געשאַפן געוואָרן די טעמי טבריה, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל.

רב אברהם דבלמש (געלעבט אין 16טן יאָרהונדערט נ״ק) ברענגט אין זיין ספר מקנה אברהם, פאָלגענדע אויסטייטשונגען פון די נעמען פון די טראָפּ, וואָס ווייזן דעם פּרימיטיוון אָרט לעבן פון די יידן אין די גאָר אַלטע צייטן, איבערהויפּט זייער באַשעפטיקונג: ערד־אַרבעט, אַגריקולטור און פיצוכט. די מעלאָדיעס האָבן זיי גענומען גלייך פּרימיטיוו פון זייערע באַוועגונגען ביי זייערע פאַרשידענע אַרבעטן, וועלכע זיינען שפּעטער אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס געזאַנגען.

„זרקא״ קומט פון וואָרט „זרוק״ — וואַרפן. פאַרוואַרפן אַ שטריק אויף אַ לויפנדיקער חיה, אָדער וואַרפן וואָפן, אַ שטיין, אַ האָלץ אויף אַ שונא אָדער חיה. די מעלאָדיע פון זרקא מאַכט דורך אין טענער די זעלבע באַוועגונג ווי די געוואָרפענע שטריק אָדער וואָפן.

„פזר״ פאַרשפּרייטן אויף אַלע זייטן, צעשפּרייטן די תבואה ביים פאַרזייען די פעלדער. די מעלאָדיע הייבט זיך אָן הויך און צעשפּרייט זיך, באַוועגט זיך רעכטס און לינקס און ענדיקט זיך באַגלייך מיטן אָטעמען. פונקט ווי דער וואָס פאַרזייט זיין פעלד מיט תבואה מאַכט אויך די באַ־וועגונגען און ענדיקט מיטן לעצטן הויפן תבואה, וואָס ער האַלט אין האַנט.

„תלישה״, תלש — אויסוואָרצלען, אויסוואָרצלען פון דער ערד גרינ־צייג, ביימער א״אַ. די מעלאָדיע קומט פון די אונטערשטע טענער צו די הויכע טענער און דער ריטם דריקט אויס די באַוועגונג פון אַרויסוואָרצלען די איינגעוואָרצלטע.

„אזלא״ — גיין צום קדמא, צום פריערדיקן, צווינגען דער חיה צו גיין אין אַקער, און שפּאַן.

„פּסיק" — אָפּטיילן, אָפּשטעלן די אַרבעט. די מעלאָדיע איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון טענער, אַ מין קאַדענציע פינאַל.

„אתנחתא" — אָפּרוען מיט אַ קרעכץ. די מעלאָדיע דריקט אויס ווי אַ מענטש רוט זיך אָפּ פון אַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

„זקף" — אויפהייבן, אויפהייבן אַ שווערע משא, זקף גדול און זקף קטן — אַ שווערע אויפהייבונג און אַ גרינגע אויפהייבונג. אויפהייבן די שטימע, באַוועגן נידעריק און הויך ווי איינער וואָס הייבט אויף אַ שווערע זאַך און בלייבט שטיל.

זקף קטן — מאַכן די זעלבע באַוועגונגען לייכט אָן אָנשטרענגונגען.

„שלשלת" — אַ קייט וואָס האָט אַ סך רינגעלעך צוצובינדן דעם אַקער. די מעלאָדיע דריקט זיך אויס אין אַ סך גערינגלטע טענער, און אַזוי טייטשט אויס רב אברהם דבלמש אַלע טראָפּ.

נעמט מען אין באַטראַכט די אויסטייטשונגען פון די טראָפּ פון רב אברהם דבלמש, און אין דער ריכטונג אינטערפּרעטירן מיר אונדזער נגינה פון אַמאָל, פילט מען פון יעדער טראָפּ דעם ריינעם ריח השדה פון ארץ־ישראל פעלדער. ווייל לויט ווי דבלמש טייטשט אויס די טראָפּ, איז עס די פּרימיטיווע פאָרעם פון פעלקער צו שאַפן זייער נגינה, ווען זיי באַזעצן זיך אויף לאַנד. די באַוועגונגען ביי די פאַרשידענע פעלד־אַרבעטן, דאָס איינאַטעמען און אויסאָטעמען די לופט ביי דער אַרבעט, דאָס אויסדריקן די נאַטירלעכע פרייד פון רעגן אין צייט און גוטן שניט, אָדער דאָס באַדויערן דעם דורכפאַל פון שניט, פון גערעטעניש אא"וו, זיינען דורך דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נגינות, וואָס האָבן פאַרהילכט דאָס לאַנד און דער עכאָ פון די נגינות קלינגט אָפּ מיט דער גאַנצער קראַפט אין די ווייטסטע דורות, און דאָס יידישע פאָלק איז דאַך געווען אַן אַגריקולטור־פאָלק זינט עס האָט זיך באַזעצט אויף זיין לאַנד.

לויט די מסורות פון בן אשר און בן נפתלי (געלעבט אין דעם 10טן יאָרהונדערט נ"ק אין טבריה) גלייכן זיך אין גרעסטן טייל די אַלטע קירכן־טראָפּ, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די אַמאָליקע ערשטע קירכן־געזאַנגען, מיט די נגינות, וואָס עס שטעלן פאָר די טעמי טבריה.

די דערמאָנטע מסורה באַשטעטיקט איבערצייגנדיק די אָנגעהעריקייט פון די ערשטע קירכן־געזאַנגען מיט דער אַלטער יידישער נגינה פון ארץ־ישראל.

**
*

די טראָפּ איז אַזוי אַרום געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען וואָס האָט געהאָלפן, אַז די תורה און די הויכע הומאַניטאַרע געדאַנקען פון די נביאים זאָלן ניט פאַרגעסן ווערן ביי די יידן. און פונקט ווי די נקודות (וואָקאַלן) האָבן געהאָלפן, אַז מען זאָל אָנהאַלטן דאָס ריכטיקע

לייענען פון תנ"ך ביי יידן, אַזוי האָט געהאָלפן די נגינה צו צעמענטירן אין זכרון דעם אינהאַלט, די ווערטער.

דערפאַר האָט מען געשאַנקען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צו די טראָפּ ביים דערציען דעם יונגן דור. יעדער הדר־יינגל האָט געמוזט קאָנען די מעלאָדיעס פון אַלע טראָפּ־פיגורן צו די פאַרשידענע געגנשטאַנדן צו זינגען עם מיטן טעקסט. אַזוי אַרום האָט זיך פאַראייניקט קלאַנג מיט וואָרט, אינהאַלט מיט ריינער יידישער נגינה

אייזיק הירש ווייס אין זיין דור דור ודורשיו, חלק ד', זאָגט: „הנקוד והטעמים מטפום אחד יצאו, כי הם אחוזים זה בזה, ומתפעלים זה מזה", דער נקוד (וואָקאַל) און די טעמים (טראָפּ) זיינען פון איין טיפּ, זיי האַלטן זיך איינער מיטן צווייטן און ווערן באַאיינפלוסט איינער פון דעם אַנדערן. דאָס וואָס די נקודות זיינען פאַר לייענען ריכטיק דעם תנ"ך, זיינען די טראָפּ פאַר דער נגינה פון תנ"ך.

אליהו בחור (געלעבט אינעם 16טן יאָרהונדערט) זאָגט אין זיין ספר טוב טעם (געדרוקט אין ווענעציע 1538), אַז די טראָפּ פון תנ"ך, זיינען ניט נאָר צו לערנען וואו אָפּצושטעלן זיך אָדער פאַרזעצן דעם ענין, ווי אַ סך וויסנשאַפטלער האָבן געדענקט, נאָר די טראָפּ זיינען אויך צו לערנען דעם נגון, דעם שיר, צו מאַכן אַנגענעם דאָס לייענען. און דערפאַר זיינען ניט פאַראַן קיין ווערטער אין תנך אָן טראָפּ.

די נעמען פון די טראָפּ זיינען אַ געמיש פון צוויי שפּראַכן, העברעאיש און אַראַמעאיש, די געמישטע שפּראַך, וואָס די יידן האָבן גערעדט אין די תקופות פון משנה און תלמוד.

די טראָפּ פון די גאַר אַלטע צייטן זיינען פאָלגנדיקע: אתנח סוף־פסוק, יתיב, מהפך, לגרמיה, פזר, געיא, פסיק, קדמא, פשטא, אַלזא מאריך, תפחא, טרחמו, תביר, תלישא, זרקא, שרי, זקף. די לעצטע צוגעקומענע טראָפּ זיינען: שופר, דרגא, שלשלת, קרני פרה, צנורי, רביעי און סגל.

פאַר דער צייט פון גלות און איבער דעם גלות האָט זיך ביי די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין פאַרשידענע לענדער, אויסגעפורעמט און אויסגעקריסטאַליזירט פיר פאַרשידענע פאָרמען אָדער טראַדיציעס ווי צו זינגען די טראָפּ פון תורה, נביאים, כתובים און די מגלות, אסתר, רות, קהלת, שיר השרים און איכה.

די פיר פאָרמען און טראַדיציעס זיינען פון פאָלגנדיקע יידישע קהלות: פון שפּאַניע, תימן, מצרים און אַפריקאַ, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, ליטע און פוילן.

די עלטסטע און אויטענטישע פאָרם פון זינגען די טראָפּ אַזוי ווי

מען האָט זיי געזונגען אַמאָל אין ארץ־ישראל, איז די, וואָס עס זינגען די יידן פון תימן, מצרים און פון אַפריקע.

די יידן פון די דערמאָנטע לענדער, האַלטן זיך פעסט און איבער־צייגנדיק, אַז נאָר זיי זינגען די ריכטיקע נגינה פון די טראָפּ, וועלכע די אַנטלאָפענע יידן פון ארץ־ישראל אונטער רוימס הערשאַפט האָבן אהין געבראַכט.

די יידן פון שפּאַניע האָבן אריינגענומען אין דער נגינה פון די טראָפּ, די עלעגאַנץ און איידלקייט פון דער שפּאַנישער נגינה, און דער־פאַר איז דאָס זינגען פון די טראָפּ ביי די ספרדים, רייך אין סענטימענטן און פאַרמאָגן די איידלסטע און פיינסטע מוזיקאַלישע אויסדריקן.

פריי אין מוזיקאַלישער אינטערפּרעטאַציע פון די טראָפּ זיינען די יידן פון פּוילן און ליטע, די יידן האָבן זיך דערלויבט אריינצוברייננגען א סך וואַריאַציעס ביים לייענען תורה, נביאים און מגלות. און אַזוי ארום איז ביי זיי די טראַדיציאָנעלע נגינה פון די טראָפּ באַרייכערט געוואָרן מיט נייע קלאַנגען און נייע פאָרעמס.

ביי די יידן פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד זינגט מען די טראָפּ כמעט גלייך. ווייל די ביידע גרויסע יידישע צענטערן האָבן באַרייכערט די נגינה פון די טראָפּ מיט חזנישע דריידלעך.

דאָך איז דער אונטערשיד פון די פיר טראַדיציעס, ווי יידן זינגען די טראָפּ, ניט קיין גרויסער און ניט קיין פונדאַמענטאַלער. ווייל אַפילו אַזוי, גלייכן זיך א סך טראָפּ אין זייער ריטם און מעלאָס (זע אידעלזאָן, נגינות ישראל).

ווי עס לייענען תורה די יידן פון תימן

ויקרא משה לכל זקני ישראל (שמות י״ב כ״א)



ווי עס לייענען די זעלבע סטראָפן די ספרדים.



ווי עס לייענען די אשכנזים



ווי מען לייענט אין ליטא און פוילן



דאָס אַנדערשקייט פון זינגען אייניקע טראָפּ איז געקומען, ווי געזאָגט, איבער דער דירעקטער און אומדירעקטער השפּעה פון דער נגינה אין די לענדער, אין וועלכע די יידישע קהלות האָבן געלעבט. און אויך פון דעם ווילן פון די, וואָס האָבן געלייענט אין דער תורה און נביאים (מפטיר) און אויך די מגלות, אויסצונעמען ביים עולם וואָס האָט זיי געהערט לייענען אין די שולן. האָבן זיי אין לייענען אַריינגעגעבן מער געפיל, מער שיינקייט, מער מוזיקאַלישקייט, מער חן, אייגענע און גענומענע פון דער סביבה. מיט דער צייט זיינען די צוגעגעבענע נייע תנועות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַדיציע וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן פון די קהלות, לדורות.

קאפיטל זיבעצן

די גייסטיקע פעסטונגען אין גלות

רבי יוחנן בן זכאי און זיינע חברים און תלמידים. די שאפונג פון א גייסטיקע טעריטאריע אין גלות. די גייס־טיקע פעסטונגען פון אידישקייט אין גלות. די גרינדונג פון ישיבות אין די גרעסערע שטעט.

נאכן חורבן פון צווייטן בית המקדש, ווען דאס יידישע פאלק האט פארלוירן זיין אומאהענגיקייט אלץ א פריי פאלק און האט געמוזט לעבן אונטער דער טיראנישער הערשאפט פון רוים, האבן די גייסטיקע מנהיגים פון יענער צייט, אנהויבנדיק פון רבי יוחנן בן זכאי, זיינע חברים און תלמידים, געזארגט און געטון אלץ וואס עס איז מעגלעך געווען אונטער יענע אומשטענדן, צו פארהיטן און צו פארטיידיקן די עקזיסטענץ פון פאלק, פון דער געפאר פון אונטערגיין.

זיי האבן גוט באגריפן די אומדערטרעגלעכע לאגע פון די יידן אונ־טער דער אכזריותדיקער הערשאפט פון רוים, און זיינען געווען איבער־צייגט, אז אונטער אזעלכע אומשטענדן וועט ס׳יידישע פאלק ניט קאנען לעבן ווייטער אין ארץ־ישראל, ניט ווי א זעלבסשטענדיק פאלק און ניט אפילו אלס א באזיגטע. ווייל רוים האט זיך דאן פארלייגט אויס־צוראטן די יידן.

און כדי צו קאנען ווייטער עקזיסטירן אלס פאלק, וועט מען מוזן פארלאזן דאס הייליק געליבטע לאנד ארץ־ישראל און נעמען דעם וואנ־דערשטעקן און גיין איבער דער גרויסער וועלט אין גלות, לעבן און זיך איינלעבן צווישן פעלקער.

דארט אין גלות וועלן די יידן קאנען עקזיסטירן ווי א זעלבסשטענדיק פאלק אפילו אן אן אייגענער טעריטאריע. ווען זיי וועלן שאפן אין יעדן לאנד, וואו זיי וועלן זיך געפינען, א ריין גייסטיקן באדן, א גייסטיקע טע־ריטאריע, א ווארעמען יידישן קלימאט, א ריינע יידישע סביבה, און אין אט דער געקינצלטער אטמאספער וועלן זיי לעבן אפגעזונדערט פון די

אַרומיקע פעלקער. דאָרט וועלן זיי שאַפן זייער קולטור, אָפּהיטן זייער ייִדיש־קייט, זייער טראַדיציע פון דורות, דאָרט וועלן זיי לעבן זייער אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן, קולטיווירן און באַרייכערן זייערע גייסטיקע שאַפונגען פון דורות. און וועלן זינגען זייערע לויב־געזאַנגען, זייערע מזמרים און תפלות צו גאָט, ביז ער וועט זיך אויף זיי מרחם זיין און צוריק ברענגען זיי אויף שטענדיק אין דעם הייליקן לאַנד ארץ־ישראל.

אַלץ וואָס די גייסטיקע מנהיגים פון יענער צייט האָבן פאָרויסגעזען און זיך פאָרגעשטעלט ווי עס וועט אויסזען דאָס ייִדישע לעבן אין גלות, איז פולקאָם דערגרייכט געוואָרן. ייִדן האָבן אין די גלותן אויסגעבויט אומ־באַזיגבאַרע גייסטיקע פעסטונגען וואָס האָבן פאַרהיט דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק פון אונטערגאַנג פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער וואָגלען.

פאָלגנדע גייסטיקע פעסטונגען האָבן די ייִדן אויסגעבויט אין גלות, וואָס האָט זיי געשיצט און באַשיצט פון די גרעסטע און שרעקלעכסטע שטורעמס פון דער צייט, און זיי דערמעגלעכט פאַרצוזעצן זייער אייגנ־אַרטיק לעבן.

די ערשטע פעסטונג:

אין אַט די דאָזיקע דערמאָנטע צייטן האָבן זיי אויסגעבויט אין יעדן לאַנד, וואו זיי איז אויסגעקומען צו לעבן, שולן (בתי כנסיות) און בתי מדרשים, וואו זיי האָבן איינגעפלאַנצט און פאַרפעסטיקט ביי זיך און ביי זייערע קינדער די תורת ישראל, די רייד פון די נביאים, די ייִדישע מאָ־ראַל און עטיק, נגינה, קולטור, טראַדיציע, אמונה און בטחון אין גאָט. דאָרט האָבן זיי געזונגען תפלות און תשבחות צו גאָט. און דאָרט האָט זיך אויסגעבריט די שטאַרקע האָפענונג גיך אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות און זיך אומצוקערן אין הייליקן לאַנד ארץ־ישראל.

די צווייטע פעסטונג:

זיי האָבן געבויט און געשאַפן די אומצעשטערבאַרע פעסטונגען פון ייִדישקייט און ייִדישן המשך, די חדרים, ישיבות און תלמוד תורהס צו דערציען אין גוטער ייִדישקייט זייערע קינדער. און כדי די דערמאָנטע פעסטונגען זאָלן ניט צעטרייסלט ווערן פון די שטאַרקע שטורעמס פון גלות, האָבן די ייִדישע גייסטיקע מנהיגים אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף די ייִדישע עלטערן, אַז יעדער איינער איז מחויב צו געבן זיין קינד די טראַ־דיציאָנעלע ייִדישע דערציאונג, יעדער פאָטער האָט געמוזט שיקן זיין קינד אין חדר אָדער תלמוד תורה אויב ער איז געווען אָרים, פון דער פריסטער יוגנט, כדי ער זאָל דאָרט לערנען: תורה, נביאים, משנה, גמרא, הלכה און אגדה און די נגינות פון די זעלבע. אויך די פאַרשידענע נוסחאות פון דאַוו־נען, ימים טובים, ימים נוראים און שבתים. פאַר העכערע ייִדישע למודים פון תלמוד און הלכה, זיינען אין די גרעסערע שטעט געגרינדעט געוואָרן

גרויסע ישיבות אָנגעפירט פון די גרעסטע אויטאָריטעטן פון תלמוד און הלכה. אהין זיינען געפאָרן די פעאיקסטע תלמידים זיך פארפאָלקאָמען אַלס רבנים און שוחטים. דאָרטן האָבן זיי אויך באַקומען שריפטלעכע סמיכה אָדער קבלה, צו פאַרנעמען די פּאָסטנס פון גייסטיקע מנהיגים. די בעלי בתים פון די שטעט זיינען געווען פאַרפליכטעט זיי צו באַזאָרגן מיט עסן און קליידונג. דער סיסטעם איז געווען, יעדער בעל־הבית זאָל געבן עסן אַ ישיבה־בחור אַ טאָג אין וואָך.

די דריטע פעסטונג:

אַן אומצעשטערבאַרע גייסטיקע פעסטונג איז געווען די טהרת המשפחה, די ציכטיקייט פון פאַמיליען לעבן, די ריינקייט פון יידישער גזע, פון אָפּשטאַם, ניט צו לאָזן זיך אויסמישן מיט פרעמדע וואָס זיינען ניט יידן. אין אָט דער משפחה־פעסטונג, האָט מען אָפּגעהיט: דרך־ארץ פאַר עלטערע, ליבע צווישן מאַן און פרוי, כבוד אָב ואם, דינים און מנהגים, שבתים, ימים טובים, טראַדיציע פון ליכט־בענטשן, כשרות, ניט מישן מילכיקס מיט פליישיקס אאַ״וו. אַלע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן צו זאַמען מיט דער יידישער נגינה, האָבן אָנגעפילט די שטובן מיט קדושה. אפילו די טראַדיציאָנעלע ספּעציפישע מאכלים צו די דערמאָנטע טעג, האָבן מיט זייערע ריחות באַשיינט דאָס יידיש־היימישע לעבן.

די אויסגערעכנטע פעסטונגען זיינען פון אונדזערע גייסטיקע אַרכיטעקטן געבויט געוואָרן אַזוי סאָליד, אַזוי פעסט און פּראַקטיש, אַז אונדזערע שונאים פון אַלע לענדער און פון אַלע צייטן, אפילו די גרעסטע פון זיי, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אונדז צו אומברענגען, פאַרלענדן, האָבן ניט באַוויזן צו קאָנען באַזיגן עס. זיי זיינען דערצו געווען אוממעכטיק. זיי האָבן אומגעבראַכט אַ סך יידן, די לעבעדיקע אָנגעטאָן אַ סך צרות, באַלעסטיקט מיט גזרות רעות, אָבער די דערמאָנטע פעסטונגען האָבן זיי ניט איינגענומען, דאָס יידישע פאָלק אַלס גאַנצע איז אַלע מאָל, אַ דאַנק דעם, נצול געוואָרן.

די אַלע דערמאָנטע פעסטונגען זיינען אַזוי געבויט געוואָרן, אַז זיי זיינען אויך שטענדיק געווען פאַראייניקט און קאָמוניקירט מיט ארץ־ישראל. אין בית הכנסת, אין בית המדרש, האָט מען געזונגען תפילות און מזמורים וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש אין ארץ־ישראל, די נוסחאות פון דאַווענען פון ימים טובים און ימים נוראים זיינען פאַרבונדן מיט די געזאַנגען, וואָס די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש. אין די חדרים, תלמוד תורהס און בתי מדרשים, לערנט מען און מען זינגט די תורה, נביאים, כתובים, הלכה און אגדה וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל. און אין די יידישע שטובן ווערן אָפּגעהיט אַלע טראַדיציעס, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פון ישראל, און די האָפענונג זיך גיך אומצוקערן קיין ארץ־ישראל.

קאַפּיטל אַכצן

נ ג י נ ו ת   ה נ ב י א י ם

דער צוזאַמענשטעל פון נגינות הנביאים. די עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון די נביאים. דער ריטם פון דער נגינה. אַנאַליז פון די נגינות פון פעלקער. דייטשע נגינה, רוסישע, יידישע נגינה אין נוסחאות התפילה. יידישע נגינה און יידישע סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. די יידישע אַגריקולטור ימים טובים. די תקופה פון די נביאים. די אויפפאַסונג פון די נביאים. דער נביא רעדט ניט אין זיין נאָמען, נאָר כה אמר אד'. פעלקער, — אַ געצייג פון דער השגחה, די צוקונפט — אַ פּראָצעס און אורזאַך פון נעכטן, די האָפענונג פון באחרית הימים. דער נביא — אַ פּאָעט בחסד עליון. אין נגינות הנביאים פילט מען זייער פאַנטאַזיע און ווייטן קוק. — מפטיר־נביא איז אַ בכבודיקע עליה.

די טראָפּ־פיגורן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין טבריה, האָט מען אויסגענוצט גלייך, צו תורה און נביאים. צו די ספרי אמ״ת (איוב, משלי, תהלים) זיינען געצייכנט געוואָרן ווייניקער פיגורן אין אַלגעמיין. אין מגילת רות, שיר השירים און קהלת זיינען כמעט ניטאָ די דינאַמישע טראָפּ, ווי שלשלת, מרכא כפולה, ירח בן יומו, קרנו פרה, זרקא און סגל. די פיגורן בייטן זיך ניט ביי קיין קעגנשטאַנד. אַלע פיגורן (26 אין צאָל) האָבן באַשטימטע פאָרמעס, פונקט ווי די מאָדערנע נאָטן האָבן זייערע פיגורן. דער אונטערשיד פון די טראָפּ און די מאָדערנע נאָטן איז: כדי צו זינגען פאַרשידענע מעלאָדיעס; מוז מען בייטן די נאָטן און פּענטאַגראַמע, און ביי די טראָפּ מוז מען בייטן דעם קעגנשטאַנד. למשל: צו זינגען תורה קאָן מען ניט נוצן די מעלאָדיע פון נביאים אָדער מגלות און אַזוי ווייטער. אויך איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד פון די מאָדערנע נאָטן און טראָפּ אין פאַרצייכענען אַ מעלאָדיע; די פיגורן פון די נאָטן סימבאָ־

ליזירן נאָר איין טאָן, יעדער נאָטע, אַ טאָן; דאָקעגן סימבאָליזירן די טראָפּ־פיגורן גאַנצע גרופּעס פון טענער.

דער אינהאַלט פון נביאים מיט זייער נגינה, זיינען אַ צוזאַמענשטעל פון הויכע געדאַנקען פון אַ ברייטן פאַרנעם, עטישע לערע און הויכע אי־דעאַלן.

די טראָפּ, וואָס סימבאָליזירן עס, ווערן פאַרוואַנדלט אין וואונדער־באַרע נגונים מיט אַן אייגנאַרטיקן ריטם וואָס פאַרכאַפּן האָריזאָנטן, און דיסטאַנצן. מען פילט אין זיי גאָטס שטימע — כה אמר אד׳ — אַזוי האָט גאָט געזאָגט.

די נביאים האָבן ביי זייערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, עקזאַלטירט און באַגייסטערט די יידן מיט זייערע פייערדיקע רעדעס, סימבאָלישע האַנד־לונגען און נגינה, כדי צו לערנען און קלאָר צו מאַכן די גרויסע אידעען און אמתן, וועלכע זיינען צו זיי אַנטפּלעקט געוואָרן פון דער געטלעכקייט. די רעדעס פון די נביאים, זייערע לערעס, נביאות און אומבויגזאַמער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט און אין אַ בעסערער מענטשהייט, זיינען אַריינגע־דרונגען אין דעם יידישן פאָלק און עס אָנגעפּולט מיט אָט די אַלע געטלעכע אידעאַלן, וועלכע האָבן אַרויסגעהויבן דאָס יידישע פאָלק העכער פון אַלע פעלקער און אָפּגעזונדערט פון אַלע פעלקער.

כדי צו אינטערפּרעטירן זינגענדיק די ווערטער פון די גרויסע עטי־שע לערער און סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרס, ווי עס זיינען געווען די נביאים, מוז מען באַנוצן אַן אייגנאַרטיקע נגינה מיט אַ ספּעציעלן ריטם, וואָס זאָל האָבן אַרויסגעקומען ניט פון פיזישער באַוועגונג ביי אַרבעט, נאָר פון אינערלעכער גייסטיקער באַוועגונג פון די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ אויסערגעוויינלעכע אינטעליגענץ און אַ אומבאַגרענעצטע וויזיע. וואָס האָבן געזען אמתן און פאַקטן, וועלכע זיינען נאָך ניט באַקאַנט געווען פאַר די מענטשן פון זייער צייט. פון די, וואָס זייער גאַנצער וועזן איז געווען איבערפּולט מיט די געטלעכע אידעאַלן פון יושר, צדק ומשפּט און מאָראַ־לישער פולקאָמענקייט.

די נגינה איז באַרופן אַריינצודרינגען טיף אין דער נשמה, אַרויספירן דעם מענטשן פון זיין פּאַריאָגטקייט, פון זיין וואָכעדיקייט, און אָנפילן אים מיט די געטלעכע אידעאַלן. כדי אים צו פאַרבעסערן און צו פאַרפול־קאָמען.

דער ריטם פון דער נגינה איז אייגנאַרטיק, מילד און באַפעלעריש. צו דער זעלבער צייט — עלעגאַנט, זיס און האַרציק, ווי האַרציק עס זיינען די טרייסט־ווערטער פון די נביאים.

אין דער נגינה פון נביאים, וואָס מען זינגט אין די שולן צו מפטיר

אין די שבתים און ימים טובים, פילט מען דעם אימפּעראַטיוו טאָן פון דעם מדריך, פון דעם וואָס לערנט און באַפעלט, פון דעם וואָס שטראָפט, עצה׳ט און ווייזט אָן דעם ריכטיקן וועג ווי צו לעבן אַ מאָראַליש ציכטיק לעבן, צוזאַמען מיט אַ מילדן ריטם פון צערטלעכקייט און גוטע עצות. און כאָטש דער ריטם פון באַפעלן און שטראָפן איז דער קעגנזאַץ צום מילדן ריטם פון גוטע עצות און טרייסט־ווערטער און קאָן זיך ניט פאַראייניקן אין דער אַלגעמיינער וועלטלעכער און קלאַסישער מוזיק ווערט עס אָבער יאָ צונויפגעגאָסן און פאַראייניקט אין איין גאַנצעס, ווען מען זינגט די מפטרים. ווייל אין די באַפעלן און שטראָף־רייד פון די נביאים, זיינען אייגנטלעך געווען די בעסטע כוונות פון גוטס צו טאָן, ניט צו באַשטראָפן. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ ספּעציפיש ריין יידישע נגינה, וואָס ברענגט צום אויסדרוק די שטראָף־רייד און באַפעלן פון די נביאים צוזאַמען מיט זייערע גוטע עצות און טרייסט־ווערטער.

עס ווערט נאָך מער אָנזעבאַר און מער באַגרינדעט די פון מיר אַרויסגעזאָגטע מיינונג וועגן די נגינות הנביאים, ווען מען אַנאַליזירט די נגינות פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער צוזאַמען אָדער פון יעדער פאָלק באַזונדער.

אַנאַליזירנדיק די נגינות פון די ציוויליזירטע פעלקער, וואָס האָבן באַוויזן צו שאַפן מאָנומענטאַלע אַרכיטעקטאָנישע געביידעס פון טענער, קומט מען צום שלום, אַז דער פונדאַמענט, די גרינדלאַגען פון אָט די געביידעס, זיינען די טענער און קורצע מעלאָדיעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון זייערע עלטער, עלטער זיידעס, ביי ערד־אַרבעט אָדער אין די קאַמפן מיט זייערע שכנים־פעלקער און ווילדע חיות פון די וועלדער. פאַר קיין פאַל פילט מען ניט אין זייער נגינה, אַזאַ שטאַרקן אויסדרוק פון אינערלעכער שטרעבונג צו דערהויבן די מענטשהייט צו די הויכע געטלעכע אידעאַלן פון שלום, יושר, צדק ומשפּט, ווי אין דער נגינה פון די נביאים.

אַנאַליזירט מען די דייטשע מוזיק, וועלכע פאַרמאָגט הונדערטער ווערק פון זייערע וועלט־אַנערקענטע געניאַלע מוזיקער, און רעכנט זיך אין דער ציוויליזירטער וועלט ווי דער העכסטער אויסדרוק פון מוזיקאַלישער קונסט, ווייזט זיך אויס אַז די דייטשע מוזיקאַלישע גאונים, האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע, אַלס באַזע פאַר זייערע שאַפונגען, אַן אומדערשעפּלעכן קוואַל פון טענער און אינטערוואַלן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון אינערלעכער גייסטיקער דערהויבונג און שטרעבונג צו דערהויבן די מענטשהייט צו די העכסטע אידעאַלן פון שלום, יושר, צדק ומשפּט. מאַכט מען אָבער אַ קריטישן אַנאַליז פון די אַלע מוזיקאַלישע ווערק ביז צו זייערע גרונט־מאָטיוון, ביז צו דער ערשטער קוועלע. דערקאָנט מען

גלייך די ריינע דייטשע תנועות פון דעם טעאוטאן, פון געצנדינער, פון דעם קריגערישן פאָלק מיט ווילדע געוואוינהייטן, וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן די מוזיק ווי אַ געטלעכע דערשיינונג. זייער אַרכיטעקטאָנישע מוזיקאַלישע געביידעם זיינען געבויט אויף די תנועות און טענער וואָס עס זיינען אַרויסגעקומען ביי זייערע אור עלטערן פון אַנגרייפן און באַקעמפן, פון ווילדער געצנדינעריי און פון געזאַנגען פון זייערע כשוף־מאַכער, וואָס פלעגן דורכפירן זייער כשוף־מאַכעריי מיט אַ מוזיקאַלישער צערעמאָניע, אָבער ניט פון אינערלעכער גייסטיקער דערהויבונג און שטרעבונג און אויך ניט אַפילו פון פרימיטיווע תנועות און אינטערוואַלן פון ערלעכער אַגריקולטור־אַרבעט, ווייל זיי זיינען געווען נאָמאַדן.

אויף אָט די תנועות פון געצנדינעריי, ווילדע מנהגים, מלחמות, רויבערייען און ברוטאַלע דיסציפּלין האָבן אַלע דייטשע געניאַלע קאָמפּאָזיטאָרן געשאַפן זייערע מאָנומענטאַלע מוזיקאַלישע ווערק.

מען פילט אין די ווערק אַ שטרענגע דיסציפּלין, וואָס דערגרייכט צו ברוטאַלער אַבסאָלוטער געהאָרכזאַמקייט, מען פילט אין זיי דעם קריגערישן גייסט פון זייערע עלטער זיידעס, די הונען, וועלכער לעבט אין פאָלק, מען פילט נאָך גאַנץ בולט דעם געצנדינער, דעם קאַלטן וואַלד־גזלן מיט זיינע אוראַלטע באַרבאַרישע געוואוינהייטן.

ניט געקוקט וואָס אין זייערע ווערק זיינען אַריינגעקומען נייע אידעען און נייע מאָטיוון פון דער מאָדערנער צייט, אַדאַנק זייערע מאַגנאַטן פון דעם 15טן און 16טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין דייטשלאַנד די בעסטע מוזיקער און ווירטואָזן פון פראַנקרייך, בעלגיע, שפּאַניע און איטאַליע און אויך אַדאַנק דעם וואָס דייטשע מוזיק־סטודענטן האָבן זיך פּערפעקציאָנירט אין די דערמאָנטע לענדער, איז ביי די דייטשן נאָך היינט צו טאָג די מוזיק אַ מיטל צו מיליטערישער דיסציפּלין און קריגערישער אָנרעגונג. דאָס געזאָגטע נעמט בשום אופן ניט אַוועק די שיינקייט און דערהויבנקייט פון דער ראָמאַנטישער דייטשער מוזיק.

ווען מען אַנאַליזירט די רוסישע מוזיק דורך די גרויסע ווערק פון: גלינקא, באָראָדין, רימסקי קאָרסאַקאָוו, טשייקאָווסקי א״אַ, פילט מען די ברייטקייט און האַרציקייט פון רוסישן פאָלק, די ברייטקייט אין פאַרנעם פון די רוסישע סטעפּעס, די ברייטע און טיפע וועלדער, טייכן און אָזיערעס. די מוזיק איז אַ רוּאיקע, אַ האַרציקע און אַ זיסע ביז צו פאַרשלעפערן קליינע קינדער. זי איז אויך די באַליבסטע פאַרווייילונג פון רוסישן פאָלק. אָט די גרויסע מוזיקאַלישע ווערק פון די רוסישע מוזיקאַלישע

גאונים זיינען וואונדערבאר געבויט. זיי פארשאפן עסטעטישן געגוס און זיי ברענגען ארויס, דורך דער קאמבינאציע פון טענער, די פאנאראמע פון די רוסישע סטעפעס און דעם כאראקטער פון רוסישן פאלק, אבער מען פילט אויך ניט אין זיי קיין ספעציעלע שטרעבונג צו דערהויבן די מענטשהייט צו די געטלעכע אידעאלן פון שלום און צדק. ווי אין די נגינת הנביאים.

אזוי איז אויך, ווען מען אנאליזירט די מוזיק פון די פוילישע מוזי־קאלישע גאונים, ביי שאפען אדער פאדערעווסקי, וועלכע פארשאפן אזוי פיל עסטעטישן געגוס, פילט מען די רואיקייט, ראמאנטישקייט און האר־ציקייט פון פוילישן פאלק, זייערע נאציאנאלע שטרעבונגען. אבער ניט קיין אויסדריקלעכן פארלאנג פון אלוועלטלעכן פארנעם פון יושר און שלום.

דער זעלבער רעזולטאט באקומט זיך, ווען מען אנאליזירט די נגינה פון אנדערע פעלקער. יעדעס פאלק דריקט אויס אין זיין און דורך זיין מוזיק, זיינע געפילן, זיינע איבערלעבונגען, זיין פרייד און טרויער, זיגן און מפלות, שטרעבונגען און דערגרייכונגען. פאליטישן, סאציאלן און עקאנאמישן צושטאנד, כאראקטער, אידעען און קאמפן פאר אידעען, האפ־ענונגען און אנטוישונגען. וועלכע די מוזיקאלישע גאונים פון יעדן לאנד באזונדער האבן פארוואנדלט אין וואונדערבארע הערלעכע מוזיקאלישע ווערק צו פארשאפן עסטעטישן געגוס פאר דור דורות. זייער מוזיק איז א שטרענג נאציאנאלע.

ווען מען באטראכט מיט א קריטישן בליק דעם אינהאלט, ריטם, מע־לאס, אינטערוואלן, תנועות און פארעם ווי אזוי מען זינגט די הפטרות שבת און ימים־טובים אין די שולן, אנטפלעקט זיך פאר אונדז די גאנצע פאנאראמע פון דעם גייסטיקן און קולטורעלן צושטאנד פון דער תקופה, ווען די ווערטער זיינען געזאגט געווארן פון די נביאים. און ניט נאר דעם גייסטיקן צושטאנד זייערן, נאר אויך דער עקאנאמישער, פאליטישער, סאציאלער און רעליגיעזער צושטאנד, סיי פון די יידן ווי פון די פעלקער פון זייער ארום, ווייל דער נביא זאגט זיינע נביאות אויך וועגן די אלטע פעלקער, וואס האבן געדריקט די יידן. משא בבל — די נבואה אויף בבל ישעיה ג׳, משא מאב ישעיה ט״ו, משא דמשק י״ז, משא צר כ״ג, א״א. עס ווערט קלאר זייער קוק אויף יענער קעגנווארט און אויף דער ווייטער צוקונפט וואס איז פון גאר א גרויסן פארנעם און מען באגרייפט זייערע אמתן, וואס איז גילטיק פאר אלע פעלקער און פאר אלע צייטן.

כדי דער אנאליז פון דער נגינה זאל זיין פולקאם, מוז מען זיך אויך באקאנען מיט דער אויפפאסונג פון די נביאים וועגן גאט, מענטש און פעלקער, און מיט זייערע פרינציפן פון סאציאלן יושר. זייער אויפ־פאסונג איז, אז עס איז דא א שטענדיקער קאנטאקט צווישן גאט און מענטש, צווישן הימל און ערד, און די שטרעבונג פון דעם מענטשן דארף

זיין זיך צו דערנענטערן צו גאָט. און אַזוי ווי גאָט רעגירט די וועלט לויט די פון אים באַשטימטע פּרינציפּן פון צדק און יושר, אַזוי דאַרף דער מענטש, וואָס האָט באַקומען דעם מאַנדאַט פון גאָט צו געוועלטיקן איבער די באַשעפענישן, (וירדו בדגת הים ובעוף השמים ובבהמה ובכל הארץ, בראשית א׳ כ״ח), אויך זיין יושרדיק און גערעכטיק. דער נביא רעדט קיינמאָל ניט אין זיין אייגענעם נאָמען: איך זאָג, איך באַפעל, נאָר: כה אומר א״ד, אַזוי האָט גאָט געזאָגט, און אָט די פאָרעם האַלט ער אָן אין אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען צום פאָלק.

אינטערפּרעטירנדיק די טראָפּ, וואָס זיינען געצייכנט אויף די ווערטער פון, כה אמר א״ד לויט די פאַרשידענע נביאות, פילט מען אין די תנועות דעם אימפּעראַטיוו פון גאָט דורך דעם נביא: הערט מענטשן! אַזוי זאָג איך! מיט דעם אימפּעראַטיוו, כה אמר א״ד, האָבן די נביאים געלערנט דאָס יידישע פאָלק און דער גאַנצער מענטשהייט אויף דור דורות, ווי צו לעבן אַ ריין ציכטיק מאָראַליש לעבן. גאָט האָט געהייסן, אַז דער שטאַרקער זאָל ניט דריקן דעם שוואַכערן, דער רייכער זאָל ניט דריקן און אויסנוצן דעם אָרעמען און אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל ניט זוכן גרויסקייט און שטאַרקייט אין מיליטערישע און פּאָליטישע דערגרייכונגען, אויך ניט צו ווערן אַ וועלט־מאַכט דורכן פאַרכאַפּן און באַהערשן פעלקער און לענדער. די יידישע גרויסקייט, שטאַרקייט און דערגרייכונגען, דאַרפן זיין: זייערע גייסטיקע דערהויבונגען; מאָראַל, עטישע גאַנצקייט און מוסטערהאַפטיקייט פאַר אַלע פעלקער. ווייל די גרויסע און מעכטיקע פעלקער, וואָס פאַרכאַפּן לענדער און באַהערשן פעלקער, זיינען לויט די אויפפאַסונגען פון די נביאים, אַ פּשוט געצייג אין די הענט פון דער השגחה, צו באַשטראָפן די פעלקער וואָס פירן זיך אויף שלעכט. אשור, די שטאַרקע מלוכה פון אשור איז ניט מער ווי די רוט פון מיין צאָרן, (אשור שבט אפי ישעיה י׳), מצרים איז אַ צעבראָכענער שטעקן, ניטאָ זיך אויף וועמען אָנצושפּאַרן אין אַ נויט (מצרים קנה רצוץ), די מלוכות וואָס האָבן חרוב געמאַכט לענדער און באַהערשט פעלקער כדי זיך צו מאַכן גרויס און שטאַרק, וועלן פריער אָדער שפּעטער מוזן אונטערגיין, זיי וועלן זיך איינע די אַנדערע צעשטערן און פאַרניכטן, אַזוי האָט גאָט געזאָגט: כה אמר א״ד...

עס איז אויך וויכטיק צו וויסן, ווי די נביאים האָבן געזען די ווייטע צוקונפט פאַר דער מענטשהייט, כדי צו קאָנען אינטערפּרעטירן די טראָפּ און אַרויסברענגען דורך דער נגינה זייערע הויכע און נאָבעלע געדאַנקען.

פאַר דעם נביא איז די צוקונפט פאַר דער מענטשהייט ניט סתם אַ צופעליקייט, נאָר יעדע דערשיינונג אין אַלע צייטן זיינען אַ קאָנסעקווענץ פון אַ פּראָצעס וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען פון פריערדיקע צייטן. די דערגרייכונגען פון באחרית הימים, ווען עס וועט הערשן שלום אויף

דער וועלט. איז אַפּהענגיק פון פּראַצעסן פון גוטע טאַטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. און דערפאַר האָבן די נביאים געפאָדערט אַזוי שטרענג און קאַטעגאָריש פון די מענטשן פון זייער צייט אַבסאָלוטע סאָציאַלע גערעכטיקייט, ווייל די צוקונפט פון דער מענטשהייט איז אַפּהענגיק פון דער אויפפירונג פון די מענטשן פון דעם היינט. די הויכע געדאַנקען ווערן באַטאָנט ביים אַרויסברענגען די ווערטער מיט דער געהעריקער נגינה פון זייער טראָפּ, ווייל דער נביא איז געווען דורך און דורך מוזי־קאַליש און דיכטער בחסד עליון. זיינע נביאות האָט ער פאָרגעטראָגן זינגענדיק, מימיזירנדיק און אָפט מאָל, ווי געזאָגט, מיט פאַרשידענע אילוסטראַציעס, כדי די מענטשן פון זייערע צייטן זאָלן זיי בעסער פאַר־שטיין און זיך צוהערן צו זיי. קומען טאַקע אַרויס די תנועות פון נגי־נות הנביאים מיט אַ סך התלהבות און עקסטאַז. דורך דעם געמיש פון שטרענגקייט און מילדקייט קומען אַרויס די מעלאָדיען זיס, האַרציק, רייך אין קלאַנגען, וואָס מאַכט דעם יידן זיך דערנענטערן צו גאָט. די האַרמאָניע פון דער נגינה איז דער גליקלעכער צוזאַמענלעבן פון דער מענטשהייט לויט כה אמר א״ד, ווי גאָט האָט געזאָגט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אָפּגעהיט די נגינה פון די נביאים פונקט ווי דעם טעקסט פון די נביאים. די ערשטע צייטן אין ארץ־ישראל גופא, וואו די נבואות זיינען געזאָגט און געזונגען געוואָרן פון די נביאים זעלבסט. שפּעטער אין די פאַרשידענע גלותן, האָט מען געלערנט זינגען מיט די קינדער אין די חדרים און תלמיד תורהס. אין די שולן און בתי מדרשים האָט מען געזונגען נאָכן לייענען אין דער תורה אַ קאַפּיטל פון נביאים, אונטערן נאָמען מפטיר, וועלכעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייכן פון כבוד פאַר דעם יעניקן וואָס מען האָט אויפגערופן צו דער תורה און מכבד געווען צו זינגען די הפטרה. מפטיר איז אַן אָפּשידס־ברכה נאָכן לייענען אין דער תורה שבת און יום־טוב.

דער קאַפּיטל נביא־מפטיר וואָס מען האָט געזונגען שבת און יום־טוב, האָט אַלע מאָל געהאַט אַ שייכות מיט דעם אינהאַלט פון דער סדרה וואָס מען האָט געלייענט אָדער מיט די שבתים וואָס האָבן געטראָגן אַ ספּעציעלן כאַראַקטער. שבת פאַר תשעה־באב רופט מען שבת חזון און מען זינגט די הפטרה חזון ישעיהו, נאָך תשעה באב רופט מען דעם שבת; שבת־נחמו און מען זינגט: נחמו, נחמו עמי (ישעיה מ׳); שבת וואָס פאַלט אויס אין די עשרת ימי תשובה רופט מען שבת שובה און מען זינגט די הפטרה: שובה ישראל; שבת פאַר ראש חדש אדר רופט מען פרשה שקלים און מען זינגט: ויכרות יהוידע (מלכים ב׳, י״א); פאַר פורים רופט מען פרשה זכור און מען זינגט די הפטרה פון שמואל א׳, ט״ו; דער לעצטער שבת פון חדש אדר הייסט פרשה פרה און מען

זינגט יזקאל ל"ו; פאַר ראש חדש ניסן — פרשה חדש און מען זינגט יחזקאל מ"ה; שבת ערב ראש חדש זינגט מען: מחר חדש, שמואל א', כ'; שבת ראש הדש, ישעיה ס'. דעם ערשטן טאָג ראש השנה שמואל א', א'. מנחה — מפטיר יונה, אא"וו.
דעם צווייטן טאָג ראש השנה, ירמיהו ל"א; יום כפור סלו סלו פנו דרך;

די מעלאָדיעס פון די טראָפ ווי עס זינגען מפטיר (נביאים) די יידן פון ליטע און דייטשלאַנד (אשכנז)



קאַפּיטל נײַנצן

נגנות צו די פינף מגילות: שיר השירים, רות, איכה, קהלת און אסתר

נגינות שיר השירים

ניגון און טראָפּ. טראָפּ אָן תנ״ך ווי תנ״ך אָן טראָפּ. שיר השירים אַן אייִדעלע לירישע פּאָעמע. דער אינהאַלט פון שיר השירים. שיר השירים אַלס אַלעגאָריע פון גאָט אין כנסת ישראל. די פראַגע פון אַרייננעמען שיר השירים אין די כתבי הקודש. ווען מען זינגט שיר השירים. שיר השירים אין קבלה. שיר השירים ביי אַשכנזים און ספרדים. פאַר־וואָס איז די נגינה פון שיר השירים פאַרשידן אין די קהילות. די פאַרשידענע ארץ־ישראל־קלימאַטן און די קלי־מאַטן פון גלות.

נגון, איז אַ מעלאָדיע אין אַ סימעטרישער פאָרעם פון געמאָסטענעם ריטם, ווערט געזונגען מיט ווערטער און אָן ווערטער. מען קאָן עס שפּילן אויף פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, מען קאָן עס האַרמאָניזירן פאַר כאָר און אָרקעסטער, און קאָן דינען פאַר די קאָמפּאָזיטאָרס אַלס אַ טעמע פאַר זייערע מוזיקאַלישע ווערק.

טראָפּ, זיינען קורץ־געפאַסטע מעלאָדיעס, וואָס זיינען באַשטימט מקדמונים ביי יידן צו זינגען די טעקסטן פון תנ״ך. די מעלאָדיעס פון די טראָפּ זיינען אַזוי פאַראייניקט מיטן טעקסט, אַז עס איז שווער צו לייענען תנ״ך אָן טראָפּ, ווי טראָפּ אָן תנ״ך.

די קורצע מעלאָדיעס פון די טראָפּ, זיינען טאַקטן פון פּאָפּולערע פאָלקס־געזאַנגען, באַוואוסטע אין זייער צייט, וואָס מען האָט געזונגען אין ארץ־ישראל ביי ערד־אַרבעט, רעליגיעזע צערעמאָניעס און נאַציאָ־נאַלע און פאַמיליערע פאַרווייַלונגען. אין יענעם ווייטן עבר האָבן עס געזונגען די יידישע שבטים, וואָס האָבן געלעבט אין די פאַרשידנסטע

קלימאַטישע און געאָגראַפּישע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל. דערפאַר אַזוי אַנדערש די נגינות פון די קעגנשטאַנדן אין איינציקע קהלות פון גלות. ווען מען זינגט תורה פילט מען דעם ריח השדה פון אַלע ארץ־ישראל פעלדער. שיר השירים — די פּערפומס פון דער ארץ־ישראלדיקער נאַטור. רות — דער זיסער ריח פון אָראָפּגענומענער תבואה פון די פעלדער. איכה — דאָס ברומען פון אַ פאַרוואונדעטן לייב... מגילת אסתר — די שטאַרקע אמונה און בטחון אין גאָט. קהלת — פּראַקטישע און פילאָזאָפישע געדאַנקען ביי די יידן. די טראָפּ גיבן צו די געהעריקע עמאָציאָנעלע וואָג צום אינהאַלט פון די ווערטער פון די פאַרשידענע טעקסטן.

שיר השירים איז זייער אַן איידעלע לירישע פּאָעמע, וואָס געהערט צו די כתובים קטנים (ברכות נ״ז, ע״ב).

די פּאָעמע שיר השירים האָט געשאַפן שלמה המלך און עס רעכנט זיך פאַר די בעסטע פון אַלע זיינע טויזנט פינף שאַפונגען (ויהי שירו חמשה ואלף (מלכים א׳ ה׳).

דער אינהאַלט פון שיר השירים איז די שטאַרקע ליבע פון אַ יונגן פאַסטוך צו אַ שיין מיידל, אַ פּאַסטושקע.

די יידישע חכמים פון אַמאָל, האָבן געהאַלטן די פּאָעמע שיר השירים פאַר קדש קדשים. זיי האָבן זי אָנגענומען פאַר אַן אַלעגאָריע, פאַר אַ משל, וואָס שטעלט פאָר די ליבע פון כנסת ישראל צו זייער גאָט, ווייל זיי האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ביי יידן האָט מען געשריבן ספרים וועגן אַזאַ פּראָזאַאישן ענין, ווי ליבע צווישן יונגע מענטשן. דערפאַר איז געווען אַ פראַגע צי מען זאָל אַריינעמען שיר השירים אין די כתובים, ווייל דער וואָס וועט ניט וויסן ריכטיק צו אינטערפּרעטירן שיר השירים, וועט עס לייענען ווי אַ פּשוטן ליבעס ראָמאַן, און אַזאַ אויסטייטשונג וועט ברענגען שלעכטס אויף דער וועלט (סנהדרין ק״א), האָבן זיי באַשלאָסן צו באַהאַלטן שיר השירים און ניט אַריינגעמען עס אין די כתובים. די אנשי כנסת הגדולה, האָבן דעם שיר השירים יאָ אַריינגענומען אין כתובים, און פון דאַן זינגט מען שיר השירים אין אַלע יידישע קהלות בכל תפוצות, אַלס אַלעגאָריע אויף אַ געשפּרעך פון גאָט צו זיין כנסת ישראל.

דער נגון פון שיר השירים איז צאַרט, ווי צאַרט עס איז דער אינהאַלט. דער ריטם איז אַ מילדער, ווי מילד עס איז דאָרט די האַנדלונג. דערפאַר זיינען ניטאָ אין שיר השירים די דינאַמישע טראָפּ, ווי פּזר, מרכא כפולה, שלשת און אַנדערע. עס זיינען אויך ניטאָ אין שיר השירים קיין גרויסע אינטערוואַלן, ניט קיין הויכע און נידעריקע טענער. שיר השירים

זינגט מען אויף אַ מיטלמעסיקער הויך, געלאַסן און רואיק, מיט דער בענקשאַפט, ליבע און צוגעבונדנקייט וואָס די כנסת ישראל פילט צו זיין גאָט.

***

אין די גאָר אַלטע צייטן פלעגט מען זינגען שיר השירים אום פסח, ווייל דאָרט ווערט דערמאָנט יציאת מצרים (לסוסתי ברכבו פרעה). אויך היינטיקע צייטן זינגט מען שיר השירים פסח, אָבער נאָר נאָך די סדרים.

אונטער דער השפעה פון קבלה האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען שיר השירים אַלע ערב שבת פאַר קבלת שבת. די ספרדים זינגען שיר השירים בצבור ערב שבת פאַר מנחה; די אשכנזים זינגען עס ביחידות פאַר קבלת שבת. די נוסחאות פון דער נגינה איז פאַרשידן ביי די אשכנזים ווי ביי די ספרדים און אויך ביי אַ סך קהלות. לויט אידעלזאָן, זאָלן עס זיין די ליטווישע יידן, וואָס זינגען שיר השירים מיט דער אויטענטישער נגינה, ווי מען האָט עס אַמאָל געזונגען אין ארץ־ישראל, ווייל די טראַדיציע צו זינגען שיר השירים האָט ביי זיי אָנגעהאַלטן גאָר אַ סך הונדערטער יאָרן, גאַנץ מעגלעך אַז דאָס איז ביי זיי אַ ירושה פון קדמונים.

די אורזאַכע פאַרוואָס מען זינגט שיר השירים און די אַנדערע מגלות אַזוי אַנדערש ביי די ספרדים און אשכנזים און אין פאַרשידענע קהלות איז, מעגלעך אַז אַזוי האָט מען אַמאָל געזונגען אין ארץ־ישראל. און די אַלע נוסחאות זאָלן זיין אָריגינעלע, צוליב דעם וואָס ארץ־ישראל איז אַזוי פאַרשידן אין קלימאַט און געאָגראַפיע, (הרים וגבעות, מישור ושפלה מדבריות), האָט זיך דאָרט יעדער קבוץ יידן געשאַפן זיין נאַטירלעכע נגינה לויט די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען פון דעם געגנט, וואו זיי האָבן געלעבט, פונקט ווי יעדער קבוץ פון די געגנטן האָבן געהאַט זייער אייגענעם דיאַלעקט אין דער העברעאישער שפּראַך (די בני אפרים האָבן ניט געקאָנט זאָגן שבלת מיט אַ שין און האָבן געזאָגט סיבלת מיט אַ סמך) און אַזוי ווי נביאים, שיר השירים, רות, קהלת, תהלים, זיינען געווען באַקאַנט און פאַרשפּרייט צווישן פאָלק, נאָך איידער מען האָט זיי געזאַמלט און מסדר געווען. האָט יעדער קבוץ יידן זיי געזונגען לויט זיין גוסט און געגנט. די יידן וואָס זיינען געזעסן אויף די בערג, האָבן עס אַנדערש געזונגען ווי די יידן וואָס זיינען געזעסן אין די טאָלן און מדבריות, אַזוי אַז אין ארץ־ישראל גופא האָט מען די אַלע טעקסטן געזונגען פאַרשידן. אין גלות האָבן די יידן מיטגענומען זייער נגינה צוזאַמען מיט די טעקסטן. יעדער קבוץ יידן האָט זיין נגינה אָפּגעהיט אין די לענדער, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט. פון דאַנען די פאַרשידענע מעלאָדיעס צו די דערמאָנטע טעקסטן. (די ווירקונג פון קלימאַט און געגנט אויף דער נגינה

פילט מען נאָך ביי היינטיקע צייטן אין ארץ־ישראל, יעדער געגנט שאַפט זיין נגינה מיט זיין אייגנאַרטיקן ריטם, ווי די נגינות פון חברון און אַרום, בית לחם און אַרום, לוד און אַרום, אין אויבערשטן און אונטער־שטן גליל, אא"וו).

וואַרשיינלעך אַז די יורשים פון די דערמאָנטע קבוצים יידן זינגען נאָך היינט צו טאָג אין גלות די אָריגינעלע נגינה פון ארץ־ישראל צו די טעקסטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל.

די מעלאָדיעס פון שיר השירים ווי עס זינגען די יידן פון קארפאטנראנד
גענומען פון אידלזאָן



שיר השירים געזונגען פון די ספרדים פון ארץ־ישראל און מצרים
גענומען פון אידלזאָן



קאַפּיטל צוואַנציק

נ ג י נ ו ת מ ג י ל ת ר ו ת

רות. דער אינהאַלט פון רות. דער אינהאַלט פון די פיר קאַפּיטלען. נוסח רות און די לירישע טראָפּ. מנהג צו זינגען מגילת רות יום טוב שבועות בציבור. פאַרוואָס זינגט מען רות אין שבועות. נגינות רות, די אויטענטישע נגינה פון ארץ־ישראל.

רות, איז אַ לירישע פּאָעמע און שטאַמט פון די צייטן פון די שופ־טים, ווי די פּאָעמע הויבט זיך אָן: ויהי בימי שפט השופטים, לערך 967 יאָר פאַר דער נייער צייטרעכענונג.

דער אינהאַלט פון רות איז פאָלגנדיקער: אין אַ צייט ווען ביי יידן האָבן געהערשט שופטים, איז געווען אַ שטאַרקער הונגער אין יהודה. אַ געוויסער ייד, אַ פאַרמעגלעכער, מיטן נאָמען אֶלימלך, זיין פרוי נעמי און זייערע צוויי זין: מחלון און כליון, האָבן איבער דעם הונגער אויס־געוואַנדערט פון יהודה קיין מאב און זיך דאָרט באַזעצט. אין אַ קורצער צייט פון זייער זיין אין מאב, איז אלימלך געשטאָרבן. זיינע צוויי זין האָבן חתונה געהאַט מיט די טעכטער פון מאב, מחלון האָט חתונה גע־האַט מיט רות און כליון מיט ערפה. מחלון און כליון זיינען געשטאָרבן יונג און נעמי, זייער מוטער, האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין יהודה. ביידע שנירן האָבן נעמין אַרויסבאַגלייט אין וועג. ערפה האָט זיך גע־זעגנט מיט איר שוויגער און האָט זיך אומגעקערט קיין מאב, רות האָט זיך באַהעפט צו איר שוויגער און ניט געוואָלט פון איר זיך צעשיידן, זאָגנדיק: דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט, וואו דו וועסט גיין, וועל איך גיין, וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן, און וואו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך אויך שטאַרבן און דאָרט וועט מען מיך אויך מקבר זיין.

נעמי האָט זיך אומגעקערט צו איר געבורטשטאָט בית לחם און איר שנור רות מיט איר. קומענדיק קיין בית־לחם, האָט אין שטאָט געטומלט, אָט דאָס איז די גבירנטע נעמי, וואָס האָט דאָ געלעבט אין אַזוי פיל

רייכטום און באקוועמלעכקייטן. און נעמי האט זיי געענטפערט: רופט מיך ניט נעמי, וואס וויל זאגן זיס, נאר רופט מיך מרה, ביטער, ווייל גאט האט מיר שטארק פארביטערט.

כדי די שוויגער און זיך צו דערנערן, איז רות געגאנגען אין פעלד צו קלייבן די אראפגעפאלענע זאנגען פון שניט, וואס האט געהערט צו די ארעמע, לויטן יידישן דין. דער צופאל האט געוואלט, אז זי זאל טרעפן צום פעלד, וואס האט געערט צו א געוויסן בועז, פון דער פאמי־ליע פון איר פארשטארבענעם שווער אלימלך. מיט איר באשיידענער אויפפירונג און איידלע באנעמונגען האט רות געפונען חן אין די אויגן פון בועז, דער בעל הבית פון פעלד, און ער האט אנגעזאגט זיינע יונגען, אז זיי זאלן איר ניט שטערן צו קלייבן די אראפגעפאלענע זאנגען. ווען בועז האט זיך שפעטער דערוואוסט, וואס רות האט געטון צו איר שווי־גער נעמי און אז זי וויל ווערן א יידישקע, האט ער זי נאך מער מקרב געוועז.

אין א קורצער צייט ארום האט בועז חתונה געהאט מיט רות. צום יאר האט זי געבוירן א זון, וועלכן מען האט א נאמען געגעבן עובד, דאס איז געוועז דער פאטער פון ישי און דער זיידע פון דוד המלך.

די פאעמע רות איז איינגעטיילט אין פיר פרשיות, פיר קאפיטלען.

אין ערשטן קאפיטל ווערט דערציילט: פארוואס האט אלימלך און זיין פאמיליע אויסגעוואנדערט פון יהודה, די טראגישע איבערלעבונגען פון זיין פרוי נעמי נאך זיין טויט און נאכן טויט פון אירע זין, די צו־געבונדנקייט פון רות צו איר שוויגער נעמי און איר אומבויגזאמער ווילן צו ווערן א יידישקע.

אין צווייטן קאפיטל ווערט דערציילט, ווי רות איז געגאנגען אין פעלד קלייבן זאנגען צו דערנערן זיך און די שוויגער. ווי זי האט צופעליק געטראפן אין פעלד, וואס האט געהערט צו א פריינד פון איר פארשטאר־בענעם שווער, ווי דער בעל הבית פון פעלד, בועז, באמערקט זי און בא־האנדלט זי, די פרייד פון נעמי, ווען זי דערוואוסט זיך, אז איר שנור האט געטראפן צו איר פריינדס פעלד, די צוגעבונדנקייט פון רות צו די מיידלעך וואס האבן געארבעט ביי בועזן אין דער שניט־צייט.

אין דריטן קאפיטל ווערט דערציילט ווי נעמי זוכט א גוטע צו־קונפט פאר איר געטרייער שנור, איר עצה ווי זי זאל פאנגען בועזעס הארץ, ווי דער פלאן האט געגילטן.

אין פערטן קאפיטל ווערט דערציילט וועגן די מנהגים פון אמאל, ווי מען האט געהאנדלט ווען עס איז געבליבן א פארמעגן פון א פערזאן וואס האט ניט געלאזט קיין יורשים. די פראצעדור ווי בועז האט ביי דער אנוועזנהייט פון די צען עלטסטע פון בית לחם אויסגעלייזט דאס

פעלד פון נעמי און רות, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט רותן כדי אויפ־צושטעלן אַ נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם, ווי נעמי האָט געלעבט גליקלעך מיט זיי קושנדיק און האַלדזנדיק אירע אייניקלעך.

מגלת רות ווערט געזונגען מיט דער זעלבער מעלאָדיע ווי תורה, צוליב דער לירישער האַנדלונג פון דער דערציילונג איז דער ריטם זייער אַ מילדער און דערפאַר זיינען אין רות פאַראַן נאָר בלויז לירישע טראָפּ. פון די דינאַמישע טראָפּ געפינט זיך אין „פזר" (א ב') און „גרש" (ב' ט') זרקא סגל צוויי מאָל (ד"א, ד').

דערפאַר קומט אַרויס דאָס זינגען רות איינגענעם און זיס, צוציענד ווי די האַנדלונג זעלבסט, מען פילט די ארץ־ישראל סביבה פון דער צייט פון שניט.

רות זינגט מען אין יום טוב שבועות. דער מנהג ווערט דערמאָנט אין מסכת סופרים י"ד הלכה י"ח, אַז מען זינגט רות אום שבועות, העלפט מצאי דעם ערשטן טאָג און העלפט מצאי דעם צווייטן טאָג. עס זאָל ניט פאַרנעמען צו פיל צייט. דער מנהג צו זינגען רות בצבור איז זייער אַן אַלטער, און עס ווערט געזונגען אין שבועות, ווייל רות האָט זיך אין דעם טאָג פון מתן תורה מגייר געווען.

די יידן פון פערסיע און תימן זינגען ניט מגלת רות, ווייל זיי האָבן עס קיינמאָל ניט געזונגען בצבור. ביי זיי זיינען נאָר אָפּגעהיט געוואָרן די נגינות פון די אַלע טעקסטן, וואָס מען האָט געזונגען בצבור. און דאָס זאָל זיין אויך די סיבה, פאַרוואָס עס איז פאַרגעסן געוואָרן ביי די אשכנ־זים דער נגון פון משלי, איוב און אייניקע נגונים פון תהלים, רות און קהלת. ווייל זייט הונדערטער יאָרן, האָבן זיי אויפגעהערט עס צו זינגען בצבור, דאַקעגן זיינען אָפּגעהיט געוואָרן די נגונים פון רות, שיר השירים און קהלת ביי די ליטווישע יידן, ווייל זיי לייענען עס בצבור, (זע אידעל־זאָן הנגנה העברית).

די מעלאָדיעס פון די טראָפּ ווי עס זינגען מגלת רות די יידן פון
בבל און ליטע (אשכנז)



נגינת רות ליהודי - ליטע
פון נגינת ישראל - אידלזאָן



קאפיטל איין און צוואנציק

נגינות מגלת איכה אָדער קנות

ירמיהו הנביא זאָל זיין דער מחבר פון מגילת איכה. ווען האָט ירמיהו געשריבן די מגילת איכה. די צעטיילונג פון איכה. ווען מען זינגט איכה און די שטימונג ביים זינגען. דער רייזנדער רב יעקב ספיר. אַ נאַכט פון תשעה באב אין אַ שול אין תימן. די טראָפ פון מגילת איכה. די נגינות פון איכה און די ערשטע נוצרים.

לויט חז"ל זאָל ירמיהו הנביא האָבן געשריבן די מגלת איכה (קנות) בבא בתרא ט"ו. עס איז נאָר דאָ אַ מיינונגס פאַרשידנקייט, ווען ירמיהו האָט עס געשריבן. אייניקע פון די רבנן זיינען מיט דער מיינונג, אַז ער האָט עס געשריבן אין די צייטן פון מלך יהויקים 426 פ"ק, און אייניקע זיינען מיט דער מיינונג אַז ער האָט עס געשריבן גלייך נאָכן חורבן בית ראשון.

דורך מגלת איכה, באַוויינט דאָס יידישע פאָלק זיין גרויסן נאַציאָנאַלן בראָך; זיין פרייהייט, זיין גרויסקייט, זיין רייכע פאַרגאַנגנהייט; זיין לאַנד, זיין הויפּטשטאָט ירושלים, די שענסטע פון אַלע שטעט; זיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען, זיין חורבן.

מגלת איכה איז דאָס פאַרצווייפלטע ברומען פון אַ פאַרוואונדעטן לייב, וואָס ליידט גרויסע שמערצן פון זיינע וואונדן און איז גרייט צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ. מגלת איכה איז פול מיט ביטערע טענות און גאַליקע פאָרווירפע צו זיך און צו די גוטע פריינד, וועלכע האָבן געפעלשט זייער פריינטשאַפט, כל רעיה בגדי בה, היו לה לאויבים, אַלע פריינד האָבן איר געפעלשט, זיינען איר געוואָרן פיינד. אויך דירעקטע שאַרפע טענות צו גאָט, איכה יעיב באפו א"ד את בת ציון, ווי אַזוי האָט גאָט פאַרפינצטערט מיט זיין כעס די טאָכטער ציון, ווי אַזוי האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דער בת ציון פון הימל אויף דער ערד, און אין זיין כעס האָט ער ניט דערמאָנט אפילו זיין הויז, דעם בית המקדש, בלע א"ד

ולא חמל, אַלץ האָט גאָט פאַרדאָרבן און האָט זיך ניט דערבאַרעמט אויף קיין זאַך (איכה ב׳) אא״וו.

צולעצט אַ געבעט, זכר א״ד מה היה לנו, גערענק גאָט וואָס צו אונדז איז געוואָרן. דאָס איז אַ געבעט פון אַ שטאַרק באַשמיסענעם וואָס אנערקענט, אַז ער האָט ווערט געהאַט די שמיץ, און ווענדעט זיך צו גאָט, נאָכן האָבן זיך גוט אויסגעוויינט, אין די אויגן שטייען נאָך די טרערן. זע אונדזער שאַנד, אונדזער פאַרמעגן האָבן פרעמדע צוגענומען, מיר זיינען יתומים אָן עלטערן, קנעכט האָבן געוועלטיקט איבער אונדז, למה לנצח תשכחנו, פאַרוואָס זאָלסטו אויף אייביק אונז פאַרגעסן. חדש ימינו כקדם, באַניי אונדזערע טעג ווי אמאָל (איכה ה׳).

מגלת איכה איז איינגעטיילט אין פינף קאַפּיטלען און ווערט געזונגען תשעה באב ביי נאַכט, דעם טאָג פון חורבן. זכר לחורבן. אין ערשטן קאַפּיטל מאָלט אויס דער מקונן די פאַרצווייפלטע לאַגע פון ירושלים. היתה כאלמנה, זי איז געוואָרן ווי אַן אלמנה, עלנד אָן קיינעם. בכו תבכה בלילה, זי וויינט און קלאָגט ביי נאַכט און אירע טרערן רינען איבער אירע באַקן, פון אַלע אירע ליבע קומט ניט קיין טרייסט, אַלע אירע פריינד האָבן אין איר געפעלשט און זיינען געוואָרן אירע עפנטלעכע פיינד, די וועגן פון ציון זיינען טרויערדיק, קיינער קומט ניט אויף יום טוב, ניטאָ מער די עולי לרגל וואָס פלעגן קומען דריי מאָל אין יאָר קיין ירושלים פראַווען די ימים טובים, כל עמה נאנחים מבקשים לחם, איר גאַנץ פאָלק קרעכצט פון יסורים און בעט ברויט צו דערקוויקן זייער נשמה...

דער גאַנצער קאַפּיטל איז אַ שרעקלעך בילד אין רעליעף, געמאַכט פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס שטעלט פאָר דעם גרויסן מאַטעריעלן און גייסטיקן חורבן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט ביים חורבן ירושלים. מען זעט נאָך קלאָר און דייטלעך די פלאַמען פון דער אייביקער שטאָט ירושלים וואָס ברענט און ווי די טייערסטע און הייליקסטע גייען אוועק מיטן רויך.

אַ קאַשמאַרע שרעקלעך בילד שטעלט פאָר דער מקונן (מחבר) אין צווייטן קאַפּיטל, די חרוב געוואָרענע ירושלים, און רעכנט אויס אירע צרות און יסורים. גאָט אַליין איז געוואָרן איר שונא, האָט פאַרדאָרבן אירע פּאַלאַצן, אַלע אירע פעסטונגען צעשטערט, אויסגעהרגעט אַלע אירע געליבטע און טייערע און געמערט אין יהודה צער און קלאָג.

אין דריטן קאַפּיטל רעכנט אויס דער מחבר די צרות און פּיין וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט און זיך אָנגעליטן פון דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן יהודה, אני הגבר ראה עני בשבט עברתו, איך בין דער מענטש וואָס האָט געזען דעם פּיין און אומגליק פון חורבן . . .

אין פערטן קאַפּיטל מאָלט אויס דער מחבר דעם שרעקלעכן צושטאַנד

אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די טייערע קינדער פון ציון, בני ציון היקרים, דבק לשון יונק אל חכו בצמה, עוללים שאלו לחם פרש אין להם, פון דאָרשט האָט זיך צוגעקלעפּט דער צונג פון פּיצל קינד, די עלטערע קינדער בעטן ברויט און קיינער ענטפערט זיי ניט. גליקלעכער זיינען געווען די וואָס זיינען געשטאָרבן פון שווערד, ווי די וואָס זיינען געשטאָרבן פון הונגער...

דער פינפטער קאַפּיטל איז אַ געבעט, אַ תחינה צו גאָט, זכור א״ד מה היה לנו, און אין דער תחינה רעכנט אויס דער מחבר אַלע צרות וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאַנען פון דעם חורבן, נחלתנו נהפכה לזרים, בתינו לנכרים, אונדזער ירושה איז אַריבער צו פרעמדע פעלקער, אונדזערע הייזער צו אונדזערע שונאים. וואַסער דאַרפן מיר קויפן פאַר געלט... קנעכט האָבן געוועלטיקט אויף אונדז און קיינער באַפרייט אונדז ניט פון זייערע הענט... אַראָפּגעפאַלן איז די קרוין פון אונדזער קאָפּ, וויי איז אונדז ווייל מיר האָבן געזינדיקט...

***

דאָס זינגען איכה קומט פאַר ביי זייער אַן איינדרוקספולער טרויעריקער שטימונג. דער עולם, וואָס איז געקומען זאָגן קנות, מאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן ערשט איבערגעלעבט דעם חורבן און זיינען צוזאַמענגעקומען זיך צו זעצן שבעה נאָכן פאָלק און לאַנד, צו באַוויינען דעם גרויסן אומגליק. אַלס אויסדרוק פון טיפע אבלות, נעמט מען אַראָפּ דעם פרכת פון ארון־הקדש, אין שול איז האַלב־פינצטער, ביים עמוד ברענט נאָר איין נשמה ליכט, דער עולם זעצט זיך אויס אויף נידעריקע בענקלעך ווי אבלים צו שבעה. דער חזן זינגט איכה מיט אַ טרויעריקן נגון, וואָס דריקט אויס יענעם וויי־געשריי פון יידישן פאָלק וואָס האָט איבערגעלעבט די גרויסע קאַטאַסטראָפע. אַלע זיצן מיט געבויגענע קעפּ און פאָלגן נאָך אין דער שטיל דאָס זינגען פון איכה און הייסע טרערן פליסן פון זייערע אויגן.

אַ האַרץ־רייסנדע בילד באַשרייבט דער רייזנדער רב יעקב ספיר הלוי פון אשמינא, ווילנער קרייז (1822—1885) אין ספר אבן ספיר, ווי עס האָט אויסגעזען די נאַכט פון תשעה באב אין אַ שול ביי די יידן אין תימן.

נאָכן דאַווענען מעריב, האָט מען אין גאַנצן אויסגעלאָשן אַלע ליכט פון שול. די פינצטערניש אין שול איז געווען ממש אָנצוטאַפּן, אַלע מתפללים זיינען געבליבן ווי איינגעוויקלט אין אַ וואָלקן פון טרויער. אין שול האָט געהערשט אַ מוראדיקע שטילקייט, אַלע האָבן ווי אויפגעהערט צו אָטעמען. פלוצים האָט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער פון בית הכנסת און האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק און ביטער געוויין, וואָס האָט ביי אַלעמען פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן, און וויי־

נענדיק האָט ער מיט פאַרצווייפלונג אויסגעשריען: ברידער! די נאַכט איז צוויי טויזנט צוויי הונדערט און אַכציק יאָר פון חורבן בית ראשון, טויזנט זיבן הונדערט און ניינציק יאָר פון חורבן בית שני, און מיר זיינען נאָך ניט געהאָלפן געוואָרן, יעדער ייד וואָס אין זיין צייט איז דער בית המקדש ניט אויפגעבויט געוואָרן, איז גלייך ווי דער בית המקדש וואָלט חרוב געוואָרן אין זיין צייט...

דער גאַנצער עולם וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין שול, האָט זיך ביטער צעוויינט און אַזוי וויינענדיק האָט מען גענומען זינגען: איכה און קנות. נאָכן זינגען איכה און קנות זיינען אייניקע יידן געבליבן אין שול אָפּצוריכטן חצות.

אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט מען אָנגעטון די ספרי תורות מיט שוואַרצע מאַנטעלעך און אויף זיי אַרויפגעשאָטן אַ ביסל אַש, אַלס צייכן פון טרויער און דער חזן האָט געזונגען די קנה, ספדי תורה כי חיללה תפארתך, קלאָג תורה ווייל עס איז פאַרשוועכט געוואָרן דיין שיינקייט און דיין כבוד.

די טראָפּ פון איכה רעפּרעזענטירט דעם וויי־געשריי פון דעם יידישן פאָלק פון צוריק מיט צוויי טויזנט פיר הונדערט און אַכציק יאָר און האָלט אָן דעם אינהאַלט פון איכה פּריש און צאַפּלדיק, ווי ערשט אָט וואָלט דער גרויסער אומגליק פּאַסירט. אין דער נגינה פון די טראָפּ איז ניטאָ די דיסטאַנץ פון צייט, די וואונד פון חורבן איז אָפן, ניט צו פאַר־היילן זיך...

יענע שרעקלעכע איבערלעבונגען פון דעם יידישן פאָלק, האָבן אַריינ־געדרונגען אין די נשמות פון דורות און לאָזן ניט רוען. יענע נאַציאָנאַלע באַליידיקונג האָט זיך איינגעזאַפּט אין די מוסקולן און בלוט פון די יידן און וועקן און מאָנען... די נגינה און די ווערטער רעגן אויף דערצו.

אין דער נגינה פון די טראָפּ פון מגלת איכה זיינען צוזאַמענגעמישט די עסענצן פון די נוסחאות התורה, הנביאים און אהבה רבה גוסט (זע ווייטער). ווייל אין צוזאַמענשטעל פון איכה זיינען פאַראַן אויסדריקן פון תורה, פון נביאים און אַ צעטל פון יידישע צרות.

אין די דערמאָנטע נגינות זיינען אויך ניטאָ קיין דינאַמישע טראָפּ (אויסער געציילטע) אויך דער טאָן איז אַ מיטלמעסיקער, ניטאָ קיין צו הויכע און נידעריקע טענער און לייענט זיך אָלנגזאַם, זינגענדיק.

די נגינה פון איכה איז אויך אַריין אין דער זאַמלונג פון די קירכ־לעכע געזאַנגען פון פּויפּס סאַן גרעגאָריאָ (6־טן יאָרהונדערט) און איז געוואָרן אַ טייל פון זייער נגינה.

די מעלאָדיעס פון מגלת איכה געזונגען פון די יידן פון פערסיע
גענומען פון אידלזאָן



מגלת איכה געזונגען פון די אשכנזים
פון נגינת ישראל - אידלזאָן



קאפיטל צוויי און צוואנציק

נגינות מגלת קהלת

קהלת, דער מחבר פון קהלת. קהלת און די כתובים. לייענען קהלת בציבור.מחזור וויטרי. ניטא קיין באשטימטער נוסח צו די טראפ פון קהלת. די ספרדים לייענען קהלת מיטן נוסח פון רות און די אשכנזים מיטן נוסח פון שיר השירים.

מגלת קהלת איז אן אלטע זאמלונג פון הויכע און טיפע פילאזאפישע און פראקטישע געדאנקען. געהערט צו די כתובים קטנים פון די כתבי הקדש.

עס איז אנגענומען אז דער מחבר פון קהלת איז געווען שלמה המלך. אזוי דריקט זיך אויס דער מסדר, דברי קהלת בן דוד מלך ישראל. מען רופט די מגלה קהלת ווייל עס רעדט צום פאלק, צום קהל.

קהלת באגלייך ווי שיר השירים האבן די חכמים ניט געוואלט אריינ־נעמען אין די כתבי הקדש, ווייל די טיפע פילאזאפישע געדאנקען קאנען פון די לערנער שלעכט פארשטאנען ווערן און נאך ערגער אויסטייטשן עס. און אזוי ארום אראפפירן זיי פון גלייכן יידישן וועג. נאר אזוי ווי קהלת ענדיקט זיך מיט די ווערטער: את אלהים ירא ומצותיו שמור כי זה כל אדם, האב מורא פאר גאט, היט אפ זיינע פארזאגן ווייל דאס איז דער ציל פון אלע מענטשן, האט מען עס אריינגענומען אין די כתבי הקודש.

די טראפ פון קהלת האבן ניט קיין באשטימטן נוסח ווי די אנדערע מגלות, און עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאנט אין דער אלטער רעלי־גיעזער ליטעראטור אז מען זאל עס האבן ערגעץ וואו געלייענט בצבור. אויסער אין מחזור וויטרי ווערט דערמאנט, אז אין פראנקרייך האבן די יידן זיך נוהג געווען צו לייענען קהלת שמיני עצרת פאר קריאת התורה בצבור. דאס פעלן פון א נוסח צו די טראפ פון קהלת איז מאטיווירט ווייל עס איז אנטשטאנען, ווי געזאגט, א פראגע צי מען זאל עס אינגאנצן אריינ־נעמען אין די כתבי הקדש (מגילה ז״) און כאטש דער לעצטער באשלוס

פון די אנשי כנסת הגדולה איז געווען אַ פּאָזיטיווער און קהלת איז אַריינגענומען געוואָרן אין די כתובים קטנים, איז אָבער די רעליגיעזע באַציאונג צו קהלת געבליבן קאַלט און מען האָט עס ניט געלייענט בצבור. עס איז גאַנץ מעגעלך אַז עס איז געווען אַ נוסח, אַ סימן אַז קהלת האָט די געהעריקע טראָפּ־צייכענונגען, נאָר אַזוי ווי מען האָט עס ניט געזונגען בצבור איז דער נוסח פאַרגעסן געוואָרן. אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן זיך די ספרדים באַנוצט מיטן נוסח רות און די אשכנזים מיטן נוסח שיר השירים צו זינגען קהלת בצבור.

קהלת געזונגען פון די יידן פון מאַראָקאָ

פון נגינת ישראל ־ אידלזאָן



קהלת געזונגען פון די יידן פון ליטע און אשכנז

פון נגינת ישראל ־ אידלזאָן



קאפיטל דריי און צוואנציק

נגינות מגלת אסתר

מגלת אחשורוש. דער ריכטיקער נאמען פון אסתר המלכה. אסתר און מרדכי. די צייט פון אחשורוש׳ס קעניגן און זיין זון דריות. ווען האט געטראפן דער נס פון פורים? ושתי המלכה, המון־ממוכן הרשע, זיינע צען זין. די האנדלונג פון מגלת אסתר. פאר וואס ווערט ניט דערמאנט גאטס נאמען אין דער מגלה, ווי מען דארף לייענען די מגלה. די טראפ פון מגלת אסתר. די נגינה פון די טראפ. די פסוקים מיט זייערע ספעציעלע נגונים.

מגלת אסתר רופט מען אין די יידישע קהלות פון מיטעלן מזרח ווי: תימן, פרס און אנדערע, מגלת אחשורוש.

די מגלה איז די לעצטע אין צייט פון אלע ספרים פון תנ״ך. לויטן פארם פון דער דערציילונג, ווייזט אוים אז עס איז פארפאסט געווארן פון איין מחבר. די אנשי כנסת הגדולה האבן גזר געווען מען זאל מקיים זיין די טעג פון פורים און צו לייענען דער מגלה פון אסתר, לקיים את ימי הפורים האלה בזמניהם כאשר קיים עליהם מרדכי היהודי ואסתר המלכה (אסתר י׳ ל״א). צוליב דעם וואס דער עולם פאסט, לייענט מען דער מגלה ווי א בריוו אין א שנעלן טעמפא.

דער ריכטיקער נאמען פון אסתר איז געווען, הדסה, געביטן איר נאמען האבן די פרסים, צוליב איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, ווייל אסתר אין דער פערסישער שפראך איז א שטערן „אסתהר״ זי האט געשיינט ווי א ליכטיקער שטערן (מגילה י״ג). אסתר איז געווען א קיילעכדיקע יתמה אן א פאטער און אן א מוטער, זי האט זיך געהאדעוועט ביי איר פעטער מרדכי וואס האט געשטאמט פון שבט בנימן.

אחשורוש האט געקעניגט איבער פרס און מדי אין די יארן 354-68 פאר דער נייער צייטרעכענונג. זיין זון דריות, וואס איז געבוירן געווארן פון אסתר (עזרא א׳ רש״י), איז געווען דער, אין וועמענס צייטן עס איז

געבויט געוואָרן דער צווייטער בית־המקדש אין ירושלים. די פּאַסירונג וואָס ווערט דערציילט אין מגלת אסתר האָט געטראָפן אין 12־טן יאָר פון אחשורושעס קעניגן (לערך 366 פ"ק).

דער קצור פון דער דערציילונג: צום דריטן אַניווערסאַר פון זיין אַרויפשטייגן אויפן טראָן, האָט אחשורוש געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט אין זיין הויפטשטאָט שושן פאַר אַלע זיינע הארן און אונטערטאַנער פון זיין קעניגרייך. אַז ער איז געוואָרן זייער שטאַרק אויפגעלייגט, האָט ער באַפוילן צו ברענגען זיין פרוי, די קעניגין, צו באַרימען זיך מיט איר שיינקייט פאַר די געסט. אָבער די קעניגין האָט ניט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל און איז ניט געקומען. דעם קעניג האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן און לויט דער עצה פון זיין הויפּט־מיניסטער ממוכן, האָט ער אָרונטערגעזעצט זיין פרוי פון צו זיין די קעניגין.

אין אַ צייט אַרום האָט אחשורוש אויסדערוויילט פאַר אַ נייער קעניגין איינע פון די שענסטע פרויען פון זיין קעניגרייך און דאָס איז אסתר די טאָכטער פון אביחיל, מרדכים פעטער.

אסתר איז אָנגעקומען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין חדש שבט צום 7־טן אַניווערסאַר פון אחשורוש'ס קעניגן. דער קעניג האָט איר שטאַרק ליב געהאַט און האָט איר געקרוינט אַלס קעניגין אָנשטאָט זיין פאַריקער פרוי ושתי. אחשורוש האָט ניט געוואוסט אַז זי איז אַ אידישקע און אסתר האָט אים דאָס ניט געזאָגט.

מרדכי האָט זיך דורך אַ צופאַל דערוואוסט אַז צוויי באַדינער פון קעניג, וואָס האָבן געגאָסן דעם קעניגס צוטרויען ווילן אים אומברענגען, האָט ער עס איבערגעגעבן צו אסתרן, און אסתר האָט עס איבערגעגעבן צום קעניג, אַז מרדכי האָט דאָס איר דערציילט. די זאַך איז באַשטעטיקט געוואָרן. דער קעניג איז אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, און די באַדינער האָט מען אויפגעהאָנגען.

דער קעניג אחשורוש האָט באַשטימט המנן אַלס פּרעמיער מיניסטער און וויצע קעניג, און לויטן באַפעל פון קעניג האָבן אַלע באַאַמטע פון זיין קעניגרייך געמוזט זיך בוקן צו המנן און אָפּגעבן אים געטלעכן כבוד. מרדכי האָט דעם באַפעל ניט אויסגעפאָלגט. ער האָט זיך פאַר המנן ניט געקניט און ניט געבוקט.

אַז המן האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער באַשטימט אומצוברענגען מרדכין און אַלע יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם קעניגרייך פון זיין קעניג. צו זיין זיכער אין זיין דערפאָלג, האָט ער געוואָרפן גורל, צו וויסן אין וועלכן חדש אים וועט בעסער געלונגען דורכצופירן זיין פאַרטראַכטן פּלאַן. דער גורל האָט געוויזן אויפן חדש אדר.

האָבנדיק אויסגעפונען די גינסטיקע צייט פאַר זיין פּלאַן, האָט ער

געגומען באאיינפלוסן דעם קעניג, אז די יידן שטערן די אנטוויקלונג פון דער מדינה. עס איז פאראן א פאלק צעשפרייט צווישן לענדער און פעל־קער, זייערע געוואוינהייטן, זייער ארט לעבן איז אנדערש פון אלע פעל־קער און די באפעלן פון קעניג פאלגן זיי ניט אויס. פארן קעניג לוינט זיך ניט זיי צו האבן אין לאנד. אויב דער קעניג איז מיט מיר איינשטי־מיק, זאל ער ארויסגעבן א באפעל, מען זאל אלע יידן אומברענגען און איך וועל אריינברענגען אין קעניגלעכן אוצר צען טויזנט שטיקער זילבער.

זיינע רייד האבן געווירקט אויפן קעניג, און דער קעניג האט אים געגעבן די אויסערגעוויינלעכע רעכט צו טון מיט די יידן וואס ער וויל און ווי אים געפעלט.

המן האט גלייך ארויסגעגעבן א באפעל אין קעניגס נאמען, אז דעם 13־טן טאג פון חדש אדר, זאל מען אויסהרגענען אלע יידן, פון פיצלעך קינדער ביז אלטע לייט. און צו רויבן זייער האב און גוטס.

ווען מרדכי האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט ער עס גלייך מיט־געטיילט צו אסתרן און איר אויפגעפאדערט זי זאל טון אלעס מעגלעכעס איבערצוצייגן דעם קעניג אז ער זאל אפרופן די שלעכטע גזרה.

אסתר האט זיך אנגעטון די שענסטע קעניגלעכע קליידער און אריין צום קעניג אומגערופענערהייט. דער קעניג האט איר פריינטלעך אויפ־גענומען, און איר געפרעגט וואס זי פארלאנגט און אז ער איז גרייט איר אפצוגעבן ביז א האלבע מלוכה. אסתר האט באשיידן געענטפערט, אז איר איצטיקער קומען איז איינצולאדן דעם קעניג מיט זיין פרעמיער המן אויף א מיטיק, וואס זי האט פאר זיי צוגעגרייט.

ביים מאלצייט האט דער קעניג געפרעגט אסתרן, צי פארלאנגט זי עפעס פון אים, אסתר האט געענטפערט אז יא, אבער זי בעט זיי, זיי זאלן אויך קומען מארגן עסן מיט איר צוזאמען, און מארגן וועט זי זאגן איר פארלאנג.

יענע נאכט האט אחשורוש ניט געקאנט שלאפן. ער האט מורא געהאט פאר א צווייטן פאראט, און כדי צו בארואיקן זיינע נערוון האט ער גע־הייסן לייענען זיין טאג־בוך. לייענענדיק איז מען צוגעקומען צו דער דערציילונג ווי מרדכי האט אים געראטעוועט פון א זיכערן טויט. דא האט דער קעניג געפרעגט צי עס איז פארשריבן מיט וואס מען האט מרדכי'ן באדאנקט פאר זיין טאט. די באאמטע האבן געענטפערט, אז מען האט אים מיט גארנישט באדאנקט. דערווייל האבן זיך געהערט טריט אין די פאדערשטע צימערן פון קעניג. דאס איז המן געקומען מיטטיילן דעם קעניג אז ער גייט הענגען מרדכי'ן.

ווען המן איז אריינגעקומען האט אים גלייך אחשורוש געפרעגט,

וואָס זאָל מען טון אַ מענטשן וואָס דער קעניג וויל אים אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט. המן איז געווען זיכער אַז דאָס מיינט דער קעניג אים. האָט ער ניט לאַנג געטראַכט און האָט געענטפערט, אַז דאָס בעסטע צו באַערן אַ מענטשן לויטן קעניגלעכן פאַרלאַנג, איז: מען זאָל דעם מענטשן אָנטון די קעניגלעכע קליידער, און די קעניגלעכע קרוין, מען זאָל אים מאַכן רייטן אויפן קעניגס פערד און איינער פון די גרעסטע האַרן פון קעניג זאָל אים פירן איבער דער שטאָט און זאָל אויסשרייען: אַזוי טוט מען צו אַ מענטשן וועלכן דער קעניג וויל באַערן.

דער קעניג האָט פון המנס רייד, באַשטעטיקט זיין פאַרדאַכט אין פאַראַט, און האָט שטרענג אַ זאָג געטון צו המנען: שנעל, נעם מיינע קליידער און דעם פערד ווי דו האָסט געזאָגט און טו עס צו מרדכי דעם ייד, קיין זאַך זאָל פון דעם ניט פעלן.

המן האָט אויסגעפאָלגט דעם קעניגס באַפעל. ווען ער איז געקומען אַהיים אַ דערשלאָגענער און דערנידעריקטער, האָבן אויף אים שוין גע־וואַרט דעם קעניגס מענטשן און אים אונטערגעהיילט צו גיין מיטן קעניג אויפן מיטיק, וואָס אסתר האָט זיי איינגעלאַדן.

אסתר המלכה האָט אויסגענוצט דעם גוטן מאָמענט צו טון דאָס בעסטע פאַר איר פאָלק און האָט געזאָגט צום קעניג איר פאַרלאַנג: און דער פאַרלאַנג אירער איז, אַז ער דער קעניג זאָל איר שענקען דאָס לעבן און זאָל שענקען דאָס לעבן צו אַלע יידן פון זיין מדינה, ווייל עס איז דאָ זיינער אַ באַפעל מען זאָל אויסהרגענען אַלע יידן און צורויבן זייער פאַר־מעגן. ווען דער באַפעל וואָלט געווען מען זאָל אַלע יידן פאַרקויפן פאַר שקלאַפן וואָלט איך געשוויגן, ווייל עס וואָלט דורך דעם אַריינגעפלאָסן אַ סך גאָלד אין קעניגס אוצר, אָבער דער וואָס וויל אונדז אומברענגען רעכנט זיך ניט מיטן הזיק פון קעניג...

אחשורוש אַ אויפגערעגטער האָט אַ פרעג געטון ווער איז עס דער וואָס האָט זיך דאָס דערלויבט צו טון, אסתר האָט אָנגעוויזן אויף המנען. אָט דאָס איז דער נידערטרעכטיקער שלעכטער מענטש.

דער קעניג אַ אויפגעברויזטער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אַרויס אין גאָרטן זיך צו באַרואיקן. המן האָט זיך געשטעלט אויף די קני צו בעטן רחמנות ביי אסתרן, דערווייל איז אַריין דער קעניג, המן פון פאַרלוירנקייט איז אומגעפאַלן אויפן בעט, וואו אסתר איז געזעסן, דאָ איז קלאָר געוואָרן אחשורושן זיין פאַרדאַכט אין המנס פאַראַט, און האָט אויסגעשריען: אַהאַ! ווילסט באַצווינגען דער מלכה ביי מיר אין שטוב... פון ווייטן איז געשטאַנען דעם מלך׳ס לייב־וועכטער חרבונה, און האָט צוגעזען די דראַמאַטישע סצענע, האָט ער זיך אָנגערופן צום קעניג: אָט דאָרט שטייט אַ בוים פון פופציק אייל די הויך, וואָס המן האָט צוגעגרייט צו הענגען מרדכין, וואָס האָט געראַטעוועט דעם מלך פון טויט... הענגט אים אויף, אויף דעם בוים דעם נידעריקן רשע...

האָט דער מלך באַפוילן. המנען מיט זיינע צען זין האָט מען אויפגעהאָנגען אויף דעם בוים. די גזרה אויסצומאָרדן די יידן האָט דער קעניג בטל געמאַכט, מרדכי איז דערהויבן געוואָרן צו אַ הויכן ראַנג אין דער מלוכה. די יידן פון דער גאַנצער וועלט פייערן דעם דאַטום ווי דער יום־טוב פון גורל, פורים.

אין דער גאַנצער דערציילונג פון דער מגילה ווערט ניט דערמאָנט גאָטס נאָמען (א״ד), זיינען וועגן דעם דאָ פאַרשידענע מיינונגען.

איין מיינונג איז: אַזוי ווי די מגילה איז איבערזעצט אויף פּער־סיש, וואָלטן די פּערסער אין זייער טעקסט אַריינגעשריבן אַנשטאָט גאָטס נאָמען, דעם נאָמען פון זייער געץ, און עס וואָלט אויסגעקומען אַז זייער געץ האָט גאָר געמאַכט דעם גרויסן נס פון פּורים.

אַ צווייטער מיינונג איז: כדי ניט אויפצורייצן די פּערסער מיט דעם, אַז דער יידישער גאָט האָט געראַטעוועט די יידן פון אויסמאָרדונג דורך אַ נס, האָט מען דערציילט די געשעעניש ווי אַ נאַטירלעכע דערשיי־נונג אָן דער אינטערווענץ פון גאָט. אַ שלעכטער מענטש, אַ מיניסטער, האָט געוואָלט שעדיקן זיין לאַנד מיט וועלן אויסמאָרדן אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, האָט אים דער קעניג באַשטראָפט מיט הענגען.

מגילת אסתר ווערט געלייענט ווי אַ בריוו אָבער אין אַ שנעלן „טעמ־פּאָ", ווייל דער עולם פּאַסט, איז פאַראַן טרהא דצבורא, אַ פאַרמאַטערט־קייט פאַרן עולם, איז עס ניט די צייט פון צעזינגען זיך. צוליב דעם מאָ־טיוו האָט מען געצייכנט ווייניק טראָפּ אויפן טעקסט.

מגילת אסתר האָט אַ סך נוסחאות און אַ סך וואַריאַנטן, פון וועלכע עס איז שווער אַרויסצונעמען דעם אויטענטישן נוסח, עס איז אויך מעג־לעך אַז אַלע נוסחאות פון אסתר זאָלן זיין אויטענטישע, ווייל דאָס זאָלן זיין די מעלאָדיעס וואָס יעדער קבוץ פון ארץ־ישראל האָט עס אַזוי גע־זונגען אין זיין געגנט און היט עס אָפּ אויך אין גלות. (זע אויבן). אַזוי לייענען פאַרשידן מגילת אסתר די יידן פון תימן, פּרס, בבל, מראָקאָ, מצרים, ספרד, איטאַליע, לאָנדאָן, ליטע, אשכנז. אין די טראָפּ איז דאָ אַ געמיש פון נגינות: קריאת התורה, נביאים, רות, שיר השירים און איכה.

די פיר פסוקים פון מגילת אסתר ווערן ספּעציעל באַטאָנט פון בעל קורא. איש יהודה היה בשושן הבירה ושמו מרדכי, מרדכי יצא לפני המלך בלבוש מלכות, וליהודים היתה אורה ושמחה. כי מרדכי היהודי.

אין אייניקע קהלות באַטאָנט דער בעל קורא אויך די ווערטער: ויתלו את המן על העץ, וכל נשים יתנו יקר לבעליהן. להיות איש שורר בביתו, והנערה אשר תיטב בעיני המלך, ויאהב המלך את אסתר מכל הנשים, אבל וחפוי ראש, וואָס דער בעל קורא באַטאָנט וח־פוי, וכלים מכלים שונים, אשר הגלה מירושלים. מיטן נוסח איכה: והעיר שושן נבוכה.

די מעלאָדיעס פון די ווינציק טראָפּ פון מגילת אסתר, זיינען לויט

די פאַרשידענע נוסחאות אַ צוזאַמענשטעל פון נגינות התורה, נביאים און אַנדערע.

די אויבן דערמאַנטע פסוקים און זאַצן, ווי אויך אייניקע פסוקים פון תורה, וואָס ווערן באַטאַנט און געזונגען מיט אַ ספּעציעלן נגון, ווי: ואני בבואי מפדן ארם, א״א, זיינען אייגנאַרטיקע מעלאָדיעס וואָס מלמדים האָבן אין זייערע חדרים איינגעלערנט מיט זייערע תלמידים, כדי צו באַ־טאָנען די וויכטיקייט פון די פסוקים. מיט דער צייט זיינען די מעלאָדיעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַדיציע בכל תפוצות ישראל.

די מעלאָדיעס פון מגלת אסתר געזונגען פון די יידן פון בבל
גענומען פון אידלזאָן



מעלאָדיעס פון מגלת אסתר געזונגען פון די יידן פון ליטע און אשכנז
פון נגינות ישראל - אידלזאָן



קאפיטל פיר און צוואנציק

נגינות פורים. חג פורים

יום־טוב פורים. דער נאמען פורים. די הויפט־פערזאנען פון פורים־געשעעניש. ווען מען לייענט די מגילה. די סעודות פורים, שלח מנות, נדבות טיילן, פורים שפילער, דער פורים רב. פורים אין די צייטן פון די גאונים. טעאטער פארשטע־לונגען פון נס פורים. די נגינות פון פורים. לידער וועגן מרדכי און המן. רעליגיעזע פיוטים פון פורים. קרובות לפורים. פורים דער יום־טוב פון פרייד. פורים קטן. די פייערונגען פון פורים קטנס פון קהלות און פאמיליעס.

פורים, איז דער יום־טוב ווען עס ווערן געפייערט די געשעענישן, וואס ווערן דערציילט אין דער מגילת אסתר. דער נאמען פורים שטאמט פון פערסיע און באדייט א גורל. ביידע טעג יום־טוב — דער 14־טער און 15־טער אדר — הייסן פורים. דאס איז דער איינציקער פריילעכער יום־טוב וואס א ייד דערלויבט זיך צו פראווען קאטאוועסן, לצעווען. דער נאמען פורים איז אין אנדענק פון דעם גורל — „פור", וואס המן הרשע האט געווארפן צו וויסן ווען און אין וועלכן חדש און טאג עס וועט אים בעסער געלונגען אומצוברענגען די יידן פון פרס און מדי. און פורים איז אויך דער נאמען פון דעם גרויסן נס, וואס גאט פון ישראל האט גע־טון צו יענע יידן, דורך דער אינטערוועניץ פון אסתר און מרדכי.

די פייערלעכקייט פון פורים הייבט זיך אן דעם 13־טן אדר אין אוונט ווען מען לייענט די מגילה, וואס דאס איז דאך אייגנטלעך די דערציילונג ווי אזוי עס האט פאסירט דער נס פון פורים. די שטימונג אין די שולן ווען מען לייענט די מגילה איז זייער א פריילעכע, א אויפ־געלייגטע. דער בעל קורא לייענט פון א צענויפגעלייגטע מגילה אין פארם פון א בריוו. ביי יעדעס מאל וואס דער בעל קורא דערמאנט, לייענענדיק, דעם נאמען המן, ווערט א טופעריי אין שול, קינדער קלאפן מיט קלאפערס, גראגערן מיט גראגערס, אייניקע קינדער מאלן אויס המנן

אויף שטיינדלעך, אָדער שרייבן אָן דעם נאָמען המן און רייבן די שטיינד־לעך איינער אין צווייטן ביז המן ווערט אָפּגעמעקט. דער בעל קורא מוז אָפּט צוואוואַרטן מיטן לייענען ווייטער, ביז דער עולם באַרויקט זיך ביי יעדער מאָל וואָס ער דערמאָנט המנן.

די מגילה לייענט מען צוויי מאָל. אין אָוונט נאָך אסתר תענית און אויף מאָרגן אינדערפרי. אַלע זיינען מחויב צו הערן לייענען די מגילה, פרויען באַגלייך ווי די מענער. פּורים זאָגט מען ניט קיין הלל, צו לויבן גאָט פאַר דעם גרויסן נס וואָס ער האָט געטון צו יענע יידן, ווי מען זאָגט עס אַלע ימים־טובים, ווייל דער הלל פון נס פּורים איז דאָס לייענען פון דער מגילה.

אַ סך ספּעציפישע פּורימדיקע פריילעכקייטן און פייערלעכקייט ווערן באַגלייט מיט יום־טובדיקע לידער און נגונים. אין די אַלע אויסערגע־וויינלעכע פייערונגען, שיינט אַרויס דאָס יידישע אייגנאַרטיקייט פון פייערן ימים־טובים: מען פאַרגעסט ניט די אָרעמע, שוואַכע און קראַנקע, מען פאַרגעסט ניט צו שטיצן די געפאַלענע בעלי־בתים און וויכטיקע חברות. דער יום־טוב ווערט געפּראַוועט פאַמיליערמעסיק אין די שטובן, טראָגט אַ פּאַטריאַרכאַלן כאַראַקטער און איז פול מיט שמחה און גוטן הומאָר.

פון נאָך מיטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט שיקט מען מתנות צו איי־גענע, צו באַקאַנטע און צו אָרעמע און קראַנקע, שלח־מנות הייסט עס. קינדער, משרתים, דינסטמיידלעך און סתם אָרעמעלייט אָדער ישיבה־יינגלעך, טראָגן עם דעם שלח־מנות, וואָס ווערט געשיקט פון בעלי־בתים צו זייערע פריינט און באַקאַנטע, פון קינדער צו עלטערן און פון משפּחה צו משפּחה.

דער שלח־מנות באַשטייט מיינסטנס פון שיינע געשמאַקע פּורים־גע־בעקסן, די בעסטע פרוכטן, זיסע צוקערלעך, אַ פלאַש ווייַן אָדער ליקער. פאַר אָרעמע: אַ חלק פיש, עוף און געבעקס, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט זאָרגפעליק אויף אַ טעלער און ווערט צוגעדעקט מיט אַ קלאָר ווייס טיש־טעכל.

דער נוסח ביים איבערגעבן דעם שלח־מנות איז פאָלגנדער: דער בעל־הבית, אָדער דער און דער פריינט, האָט אייך געשיקט שלח־מנות. דער בעלהבית נעמט צו דעם צוגעדעקטן טעלער, די גאַנצע פאַמיליע באַ־טראַכט מיט נייגער דאָס צוגעשיקטע און העלפט לייזן דעם געשאַפּענעם פּראָבלעם: וואָס אַראָפּצונעמען, וואָס איבערצובייטן און וואָס צוצוגעבן, כדי דער אָפּגעשיקטער שלח־מנות זאָל אַריבערשטייגן דאָס געשיקטע. דערלייידיקט דעם פּראָבלעם, ווערט דער טעלער צוגעדעקט מיטן ווייסן טישטעכל און צוריק איבערגעגעבן צום שלח־מנות ברענגער. חוץ דעם ווערט מינדלעך איבערגעשיקט צו פריינט און באַקאַנטע, די בעסטע ברכות און גוטע וואונטשן, צו דערלעבן איבער אַ יאָר אין גוטער יידישקייט

און ווייטער שיקן שלח־מנות, און אזוי ווי מען איז פּטר געוואָרן פון המנן, זאָל מען פּטר ווערן פון אַלע המנס וואָס ווילן און טוען שלעכטס די יידן. דערביי פאַרגעסט מען ניט צו באַלוינען דעם שלח־מנות טראָגער מיט דער פולער האַנט.

אַ גאַנצן טאָג גייען אַרום פאַרלעך עסקנים און עסקנות קלייבן נדבות פאַר געוויסע וואוילטעטיקע צוועקן און חברות, אויך אָרעמעלייט לאָזן נימ דורך קיין יידישע שטוב אין דעם טאָג פּורים. אַלע באַקומען זייער נדבה בסבר פנים יפות.

די גרעסטע פייערלעכקייט פון פּורים, איז די סעודות פּורים. אין די סעודות פּורים פילט זיך די יום־טובדיקייט, די רחבות פון כל ישראל בני מלכים הם.

פּורים פאַרנאַכט בין מנחה למעריב ווערט אין יעדער יידישער שטוב געפּראַוועט די סעודות פּורים. אין שטוב איז ליכטיק, די טישן ווערן געגרייט יום־טובדיק, עס ברענען צוויי סטעאַרינענע ליכט אַריינגעשטעלטע אין שיינע לייכטער און געבן צו פייערלעכקייט צום יום־טוב. אויפן טיש איז אָנגעשטעלט אַלערליי פּורים־געבעקסן, פאַרשידענע געטראַנקען, יומטובדיקע ספּעציפיש־יידישע מאכלים, געפילטע פיש, פלייש, עוף און אַנדערע. אַ גרויסער המן־טאַש אָדער מאָן־טאַש, ווייל עס איז געפילט מיט מאָן, פאַרנעמט דעם אויבן־אָן צווישן מיטן פּורים־קוילעטש. אין שטוב הערשט אַ האַרציקע פרייד, אַלע יום־טובדיק געקליידעט זיצן אַרום טיש. מען עסט, מען טרינקט און מען זינגט לידער וועגן פּורים און סתם נגונים. עס פעלט ניט קיין שיינער הומאָר, די שטימונג איז אַ פייערלעכע און אַ פריילעכע. די טירן פון די שטובן זיינען אָפן, עס קומען און גייען אַרויס אַ סך אָרעמעלייט, וואָס באַקומען זייערע נדבות און פּורים־געבעקס באַגלייט מיט אַ „לחיים". פרויען און מענער אין פאַרלעך קומען נאָך נדבות פאַר נויטבאַדערפטיקע און באַקומען עס מיט אַ ברייטער האַנט באַגלייט מיט האַרציקע וואונטשן. פּורים־שפּילער, פריילעכע חברה, באַקליידעט און פאַרשטעלט פאַר די פּערסאָנאַזשן פון דער מגילה, שפּילן אָפּ אין אַ שנעלן טעמפּ דעם נס פּורים.

זיי קומען אַריין אין די יידישע שטובן צו די סעודות, באַקליידעטע און פאַרמאַסקירטע, מיט געזאַנג, גוטן הומאָר און פרייד, פאַרשטעלנדיק המנען, ושתי, אסתר, מרדכי, אחשורוש, ממוכן און אַנדערע, און שפּילן אָפּ טעאַטער־מעסיק דעם נס פּורים, זינגען פּורים־לידער, טאַנצן אַ יידיש טענצל, דערציילן וויצן און „היינט איז פּורים — מאָרגן איז אויס, גיט אונדז אַ פּאָר סענט און טרייבט אונדז אַרויס".

חברה קליינוואַרג באַגלייט בצבור די פּורים־שפּילער און פילן אָן די גאַסן און שטובן מיט קינדישן טומל, פרייד און האַרציקייט. אין די גרויסע ישיבות, צו פאַרטרייבן די מרה־שחרהדיקייט און מאָנאָטאָנישקייט פון לערנען, און אַריינצוברענגען אין זייער אַמביענט אַ שטראַל פון שמחה,

פלעגט מען אויסקלייבן לכבוד פורים און פאר דעם טאג פורים, א פורים־רב פון די תלמידים פון דער ישיבה, וועלכער פלעגט מיט זיינע הומארים־טישע פורים־דרשות און אימיטאציעס פון רב, ראש ישיבה און בעלי בתים, פארוויילן זיין עולם און שאפן א פרייליכע פורים־שטימונג.

אין די צייטן פון די גאונים איז געווען א מנהג אנצופילן א פיגור מיט שטרוי, אנשרייבן אויף דעם „המן" און אויפהענגען עם עפנטלעך אויף א בוים, אדער עם פארברענען עפנטלעך. דער מנהג איז בטל געווארן ווייל די קריסטן האבן אנגענומען אז די יידן מיינען ניט דעם המן, נאר זייער דערלייזער, און מיטן הענגען און פארברענען די אנגעשטאפטע פיגור, לאכן זיי אפ און באליידיקן דעם נוצרי.

דראמעס און קאמעדיעס פון פורים

די ערשטע דראמע האט געהייסן „אסתר", געשריבן אין שפאניש, אין 1567, פארפאסט פון שלמה אושקי און אליעזר גראטיאנו. א צווייטע, אונטערן נאמען: „די בארימטע קאמעדיע פון מרדכי און המן" (1649), אויך געשריבן אין שפאניש אבער ניט צוליב פורים, נאר פאר דער בינע. אין דעם 18טן יארהונדערט זיינען געשאפן געווארן פארשטעלונגען פאר פורים־שפילער, אויף יידיש דייטש אין פארשידענע שטעט פון אייראפע: ווין, פראג, ברעסלוי און אנדערע, ווי: אחשורוש־שפיל (1708), אסתר און אחשורוש (1720), המן דער יודענפרעסער (1862) און פיל אנדערע.

די נגינות פון פורים זיינען פארשידן, אין שול זינגט מען די מגילה מיט אן אייגנארטיקן נגון און שנעלן טעמפא, אין דאווענען זינגט מען די רעליגיעזע פיוטים — קרובות לפורים, און מען פארענדיקט מיטן זינגען שושנות יעקב צהלה ושמחה, די רויז פון יעקב (אדער די יידן פון שושן) זיינען איבערגליקלעך און פרייליך ווען זיי האבן אלע געזען די גרויסקייט פון מרדכי, אא"וו.

דער נגון פון שושנת יעקב איז א פייערלעכער מיט אן אייגנארטיקן ריטם, וואס מאכט באוועגן דעם קערפער צו טאנצן שפרינגענדיק אויף איין ארט, ווי דאס דעקל פון א טשייניק ווען דאס וואסער זידט דארט. איז פול מיט התלהבות און עמאציע. ווערט געזונגען בציבור אין אוני־סאנא (אלע אויף שטימע).

מען זינגט לידער אין א סך וואריאציעס פון המן און מרדכי, פאר־פאסט נאכן אלף־בית ארור המן ברוך מרדכי, גדולה למרדכי דלות להמן אא"וו. די נגונים צו די לידער זיינען אלע מיטן אויבנדערמאנטן ריטם, פורים־מעסיק. חוץ דעם, זינגט מען סתם נגונים, יידישע און העברעאישע לידער וואס אנטהאלטן פרייליכן הומאר, ווייל פורים איז דאך דער איינ־ציקער יידישער יום־טוב פון גוטן הומאר, פון דערלויבן זיך א הלצה'לע,

פון עסן גוט און טרינקען אַ סך ביז ניט צו וויסן פון ארור המן ביז ברוך מרדכי.

פורים קטן, ווערט געפייערט אין די טעג פון 14־טן און 15־טן פון אדר ראשון. מען רופט עם פורים קטן, ווייל דעם ריכטיקן פורים פייערט מען אין די דערמאָנטע טעג אין אדר שני, אין צווייטן אדר. דאָס קומט פאַר אין אַ איבער־יאָר ווען דער יידישער יאָר איז פון 13 חדשים. די פייערלעכקייט פון פורים קטן באַשטייט אין דעם וואָס ביים דאַווענען זאָגט מען ניט קיין תחנה און מען טרינקט אַ לחיים.

פאַר דער צייט פון לעצטן גלות האָבן געטראָפן אַ סך ענלעכע נסים ווי אין מגילת אסתר מיט אַ סך קהלות פון פאַרשידענע לענדער און אויך מיט אַ סך יידישע משפחות און יחידים.

די נסים ווערן געפייערט פון קהלות, משפחות און יחידים, לדורות און ווערן אָנגערופן פורים קטן אָדער פורים סתם. פייערט מען אָט די פורים קטנם מיט לויב־געזאַנגען צו גאָט פאַר די נסים, וואָס ער האָט געטון מיט זיי, מיט גרויסע סעודות, געזאַנג און טענץ, מיט טיילן צדקה און מתנות צו אָרעמע, שוואַכע און קראַנקע.

אַזעלכע פורימס זיינען פאַרצייכנט אין דער יידישער ליטעראַטור פון די פאַרשידענע צייטן אין די צענדליקער.

שושנת יעקב



קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

יידישער גייסטיקער כח, יידישע קדושה, יידישע נגינה

די באַוועגלעכע יידישע טעריטאָריע. אין גלות האָט זיך דער ייד ניט געפילט דערנידעריקט. יידן טראָגן ניט קיין האַס צו די פעלקער וואָס האָבן זיי געדריקט. שבת ווערט דער ייד פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינץ. מוזיק, די צווייטע פאָלקס־שפּראַך ביי יידן.

אין דער יידישער באַוועגלעכער טעריטאָריע פון גלות, וואו דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אַזוי פיל צרות און פּיין, האָט מען בולט אַרויסגעזען דעם אויסערגעוויינטלעכן יידישן גייסטיקן כח, צו קאָנען דאָס אַלץ איבערטראָגן און בלייבן עקזיסטירן אַלס אַ פאָלק, אָנהאַלטנדיק זיין אמונה, טראַדיציע און אייגנאַרטיקייטן.

די יידן האָבן זיך קיינמאָל ניט געפילט דערנידעריקט און באַליי־דיקט, ווען די יידישע שונאים האָבן זיי פאַרשאַפט אַ סך צרות, רדיפות און פּיין, ווייל דער ייד איז אַלע מאָל געשטאַנען גייסטיק און מאָראַליש העכער פון זיינע שונאים, זיינע באַדריקער.

אפילו אין די קריטישסטע מאָמענטן פון ביטערן גלות, ווען יידישע לעבנס, האָב און גוטס זיינען געשטאַנען אין סכנה פון אונטערגיין, אָדער אפילו ווען אַלץ איז אונטערגעגאַנגען און הרוב געוואָרן דורך די שונאים, האָבן די יידן געקוקט אויף זייערע פּייניקער, אויף זייערע באַדריקער, אויף די וואָס האָבן דאָס אַלעס פאַראורזאַכט, מיט דער גרעסטער פאַראַכ־טונג און גרינג־שעצונג, עבדים משלו בנו, האָבן זיי זיך פאַרקלאָגט פאַר גאָט, קנעכט האָבן געוועלטיקט איבער אונדז, ניט קיין מענטשן פון קולטור, פון גוטער דערציאונג, נאָר „קנעכט” אומוויסנדע, אָן מענטשלעכקייט, וואָס זיינען בבחינת ווילדע באַשעפענישן, און פון אַזעלכע, וואָס קאָן מען דערוואַרטן און וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען? . . .

און דאָס איז אויך דער מאָטיוו פאַר וואָס די יידן טראָגן ניט אין זיך אַזאַ האַס און פאַרביטערונג צו די פעלקער, וואָס האָבן זיי אַזוי פיל

שלעכטס געטון, ווי זיי וואָלטן עס באַדאַרפט טון, ווייל ווען אפילו דער פיזישער ווייטיק איז געווען גרויס, די מאַטעריעלע פאַרלוסטן שרעקלעך, האָט עס ניט איבערגעלאָזט אַן אָפּענע וואונד אין דער יידישער נשמה, אַ וואונד ניט צום פאַרהיילן. צרות האָבן ווי געטון אָבער ניט באַליידיקט.

און דערפאַר איז אונדז געווען לייכט זיך צו פאַרוואַנדלען פון גלות־מענטשן אין פרינצן בני מלכים ווען דער שבת קדש און ימים טובים זיינען געקומען אין יידישע שטובן, וועלכע זיינען ווי דורך אַ וואונדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קעניגלעכע פּאַלאַצן. יידישע צרות און רדיפות זיינען פאַרשוואונדן און זייער אָרט האָט פאַרנומען די קדושה פון שבת און יום־טוב, וואָס האָט אָנגעפולט די שטובן מיט הייליקייט, די שבת מלכתא, די שבת קעניגין וואָס האָט זיך באַזעצט אין יעדער יידישער שטוב. האָט מיט איר אָנוועזנהייט אַריינגעבראַכט גרויס התלהבות, עמאָציע, שמחה און געזאַנג.

די נגינה האָט פאַראייניקט די נשמה מיטן גוף פון די יידן און זיי דערנענטערט און באַהעפט צו גאָט. און דערפאַר ווערט דער שבת און יומטובדיקער טיש געגליכן צו אַ מזבח, די מאכלים צו בשר קדש ווי פון קרבנות, די געזאַנגען, ווי די שירה פון מלאכים וואָס גייען גלייך צום כסא הכבוד. די סביבה איז איבערפולט מיט קדושה, און די קדושה דרינגט אריין אין דעם יידן און הייליקט אים, רייניקט זיין מחשבה און זיינע מעשים, דערווייטערט אים פון טומאה, פון אומרייניקייטן, פון האַנדלען ניט אָרנטלעך, פון ליגנערן, פון שווערן פאַלש, און באַצווינגט אים צו טאָן גוטס צו זיינע מיטמענטשן, צו לערנען תורה, צו זיין הייליק, ווייל אַ ייד דאַרף זיין הייליק. ישראל קדשים הם (שבת פ"ו).

מוזיק האָט אַלע מאָל פאַרנומען ביי יידן דעם אָרט פון אַ צווייטער פאָלקס־שפּראַך, און איז אַלע מאָל געווען אַזוי וויכטיק ווי די פאָלקס־שפּראַך, אָפט מאָל העכער פון דער פאָלקס־שפּראַך. דער ייד האָט אויסגעזונגען זיין צער און ווייטיק, זיין פרייד און זיינע עמאָציעס און געבראַכט עס צום אויסדרוק אַ סך בעסער און בולטער, ווי ווען ער וואָלט עס אַרויסגערעדט מיט דער שפּראַך, ווייל ניט אַלע מאָל געפינט מען אין דער שפּראַך דעם געהעריקן אויסדרוק.

איבערהויפּט האָט דער ייד זיך באַנוצט מיט נגינה ווען ער האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו גאָט, ווען ער האָט געוואָלט שאַפן אַן אַמביענט פון קדושה און ווען ער האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן און אַרויסרייסן פון וואָכעדיקייט.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

יידישע תפלות — סדור און סדורים

די אייגנאַרטיקייט פון די יידישע תפלות. די שפּראַך פון די תפלות. דער רמב״ם און די יידישע תפלות. עזרא הסופר און זיין בית דין צדק. תפלות איבערזעצט אויף דער פאָלקס שפּראַך. תפלות אַנשטאַט קרבנות. דער חוב פון אַ יידן צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג. די זאַמלונג פון תפלות. סדור רב עמרם גאון, רב סעדיה גאון, רמב״ם, רש״י רבינו שמחה וויטרי. נוסח אשכנז, נוסח ספרד, נוסח חב״ד. די איינטיילונג פון די תפלות: מאמרי ח״זל, תורה, נביאים, מדרשים אין די תפילות. דינים וועגן שבת און יום־טוב. די לערער, סופרים און חזנים. דאָס שטייגן פון די חזנים. רבי יהודה פון באַרצעלאָנאָ און זיין ספר העתים.

תפלה, אַ געבעט צו גאָט. ביי יידן ווי ביי אַלע פעלקער זיינען פאַראַן תפלת יחיד, אינדיווידועלע תפלות, תפלת רבים, קאָלעקטיווע תפלות און תפלת העם, פאָלקס תפלות.

אין די יידישע תפלות הערט מען אָבער שטאַרקער די שטימע פון דער יידישער נשמה, וואָס זוכט זיך צו באַהעפטן מיט גאָט. צמאה נפשי לאלהים, עס דורשט מיין נשמה צו גאָט, (תהלים מ״ב ג׳).

דורך די תפלות דריקט אויס דער ייד זיינע געפילן פון אונטערטעניקייט, פון איבערגעגעבנקייט, פון אומבויגזאַמער אמונה און בטחון, פון האָפענונג און ליבע צו גאָט. מען הערט דורך די יידישע תפלות, דאָס האַרץ־קלאַפּעניש פון די וואָס זיינען זיך מתודה פאַר גאָט, אויף זייערע געטוענע זינד און אויך די האַרציקע געבעטן פון סליחה ומחילה.

אין די יידישע תפלות קומען צום אויסדרוק אויסער דאָס געזאָגטע, אויך ליבע צו לערנען תורה, און צו גוטע מדות. עס קומען דאָרט

אויך צום אויסדרוק, הויכע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש‏ן, הימנען צו גאָט, וואו עס ווערן דערציילט זיין גרויסקייט, הייליקייט און שטאַרקייט, און די שטאַרקע האָפענונג אויף ביאת המשיח, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון גלות. עס זיינען פאַראַן אין די תפלות אָנווייזונגען ווי אַ ייד זאָל זיך פירן בין אדם למקום, צווישן גאָט און מענטש און בין אדם לחברו, פון מענטש מיט זיינע מיט־מענטשן. און דינים פון שבת און יום־טוב. דאָס אַלץ ווערט אויסגעדריקט אין די יידישע תפלות אין אַ וואונדערבאַרער פּאָעטישער שפּראַך. יעדער דערמאָנטער קעגנשטאַנד האָט זיך זיין נוסח, זיין סטיל (זע ווייטער נוס־האות התפלה), זיין קאָנאָניזירטע מעלאָדיע און אַלע צוזאַמען שאַפן אַ זעלטענע פולקאָמע האַרמאָניע אין די יידישע תפלות.

די שפּראַך פון די יידישע תפלות איז, לשון הקדש, ריין העברעאיש, אויסער אייניקע תפלות, וואָס שטאַמען פון בבל און זיינען אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, די צוויי יקום פורקנ׳ם און בריך שמיה.

דער רמב״ם ברענגט אין הלכות תפלה פאָלגענדן מאָטיוו, פאַר וואָס מען האָט איינגעפירט נאָר לשון הקדש אין די תפלות: ווען די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד דורך נבוכדנאצר, האָבן זיך די יידן אויסגעמישט מיט די פעלקער פון פערסיע, גריכנלאַנד און אַנדערע. די קינ־דער וואָס זיינען געבוירן געוואָרן ביי יענע יידן אין די לענדער, האָבן גע־רעדט אַ געמישטע שפּראַך: האַלב העברעאיש און האַלב אַנדערע שפּראַכן, אַ מין זשאַרגאָן, אַזוי, אַז ווען זיי האָבן זיך געווענדעט צו גאָט מיט אַ גע־בעט אָדער מיט אַ לויב געזאַנג, האָבן זיי ניט געהאַט די גענוג פּאַסנדע העברעאישע ווערטער עס אויסצודריקן, און געמוזט אָנקומען צו פרעמדע אויסדרוקן. ווען עזרא הסופר מיט זיין בית דין צדק, האָבן עס דערזען, האָבן זיי מתקן געווען, שמונה עשרי ברכות על הסדר, כדי אַלע יידן זאָלן זיך דאָס אויסלערנען און מתפלל זיין אין ריינעם העברעאיש. אין דער צייט פון תלמוד און פון די גאונים, האָט מען מחבר געווען אייניקע תפלות און תחנות אין אַראַמעאיש, אָבער די אַלגעמיינע תפלות האָבן די חכמים באַשטימט אַז זיי דאַרפן זיין אין העברעאיש. די תקנה, איז אָנ־גענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל.

אין דעם 16־טן יאָרהונדערט, האָט מען איבערגעזעצט די תפלות און תחנות אויף דער יידישער פאָלקס שפּראַך, אויף דער שפּראַך וואָס יידן האָבן גערעדט אין גלות, אַ מין פאַרטייטשונג פון דעם טעקסט. כדי די ווייניק געלערנטע און פרויען וואָס פאַרשטייען ניט לשון־קודש, זאָלן קאָ־נען מתפלל זיין אויף דער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען. די איבערזעצונגען זיינען געווען צוזאַמען מיטן טעקסט. ביי די אשכנזים אויף יידיש־דייטש — זשאַרגאָן, ביי די ספרדים אין זייער שפּאַניאָלישן דיאַלעקט, לאַדינאָ. מיט אַ צייט שפּעטער זיינען די תפלות איבערגעזעצט געוואָרן

אויף דייטש, רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש, ענגליש און אויף אַנדערע שפּראַכן פון די לענדער וואו ייִדן האָבן געלעבט. אומעטום זיינען די איבערזעצונגען געמאַכט געוואָרן ביי דער זייט פון טעקסט, פּונקט ווי דער תרגום צום חומש.

נאָכן חורבן פון בית המקדש, האָבן די תפלות פאַרנומען דעם פּלאַץ פון קרבנות, אָנשטאָט וואָס ייִדן האָבן מקריב געווען קרבנות אין בית המקדש אין ירושלים, זאָגן זיי תפלות אין גלות. ונשלמה פּרים שפתינו (הושע י״ד ב׳) מיט אונדזערע ליפּן (תפלות) וועלן מיר באַצאָלן פאַר די קרבנות וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט מקריב זיין אין בית המקדש.

כדי צו באַפרייען די פּראָסטע ייִדן — די ווייניק געלערנטע און פרויען וואָס קאָנען ניט דאַוונען, אָדער וואָס פאַרשטייען ניט דאָס דאַוונען — פון זייער חוב צו דאַוונען דריי מאָל אין טאָג, לויט די תקנות פון די אנשי כנסת הגדולה, האָט מען אין אַלע קהלות און קלענערע קבוצים, אויסגע־קליבן אָדער באַשטעלט אַ שליח צבור, בעל תפלה אָדער חזן, כדי ער זאָל דאַוונען ביים עמוד קריאת שמע און די הויכע שמונה עשרי און מיט דעם מציא זיין די דערמאָנטע ייִדן און פרויען פון זייער חוב.

די זאַמלונג פון אַלע תפלות וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו דאַוונען: אינדערוואָכן, שבת, יום־טוב, ימים־נוראים, תענותים און ספּע־ציעלע תפלות, רופט מען סדור, אָדער סדר תפלות.

אין דעם 9־טן יאָרהונדערט פון דער נייער צייט־רעכענונג, האָט דער גאון רב סעדיה, ראש ישיבה פון סורא (בבל), צוזאַמענגעשטעלט דעם ערשטן סדור פאַר די ייִדן פון מצרים און אַנדערע אָריענטאַלע קהלות.

אין דעם זעלבן יאָרהונדערט האָט דער גאון רב עמרם בר ששנא, ראש ישיבה פון מתא מחסיא, מחבר געווען „סדר תפלות של כל השנה״, מיט אַלע דינים וואָס באַלאַנגען צו די תפלות אין זייער צייט. דער סדור איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט די מנהגים פון די ישיבות פון בבל און איז אָנגענומען געוואָרן פון די גדולי ישראל וואָס אַנבאַלאַנגט די דינים פון תפלות. אָבער אין דעם נוסח פון די תפלות און זייער צוזאַמענשטעל איז ער אַנדערש פון די ספרדים און פון די אשכנזים.

שפּעטער זיינען אויך געשאַפן געוואָרן סדר תפלות, פון רש״י און מחזור וויטרי פון רבינו שמחה פון וויטרי רשי״ס אַ תלמיד, פון רמב״ם, דער סדור פון הארי הקדוש און אַנדערע. פון די פאַרשידענע צוזאַמענ־שטעלונגען פון די סדורים, זייער פאָרעם און אינהאַלט, און פון פאַר־שידענע השפּעות פון די מסדרים, האָבן זיך פאַר דער צייט פון יאָרהונ־דערטער אויסגעקריסטאַליזירט צוויי הויפּט נוסחאות: נוסח אשכנזי און נוסח ספרד, אין 18־טן יאָרהונדערט (נ״ק) איז צוגעקומען נוסח חב״ד פון הרב מלאדי רב שניאור זלמן.

די אַלע תפלות וואָס זיינען קאָנאָניזירט און געדרוקט אין די סדור־רים, מחזורים, סליחות און קנות, קאָנען איינגעטיילט ווערן לויט זייער

אינהאַלט, אויף הודאה ותהלה, אנערקענונג און לויב־געזאַנג צו גאָט! אין סליחה ותחינה, געבעט און מחילה. הודאה און תהלה זיינען די תפלות דורך וועלכע מען דריקט אוים דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג צו גאָט פאַר דעם גוטס וואָס ער האָט צו אונדז געטון, און לויב־געזאַנגען צו דער געטלעכקייט, וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ וואונדערבאַרע שיינע וועלט ווי אויך פאַר זיינע חסדים וואָס ער טוט מיט זיין אויסדערוויילטן פאָלק.

סליחה און תחינה, זיינען תפלות דורך וועלכע עס ווערן אויסגע־דריקט די יסורים פון די יידן אין גלות, זייערע גייסטיקע, מאָראַלישע און פיזישע ליידן, וואָס זיינען געקומען אויף דעם יחיד, קהל און כלל, אַלס פאַרדינטע שטראָף, אַן אָפּקומעניש פאַר באַגאַנגענע זינד. און מען בעט ביי גאָט סליחה, פאַרגעבונג, ער זאָל מוחל זיין אויף די געטוענע זינד, און אַ געבעט, אַ האַרציקע, אַ תחינה, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף די יידן און אַראָפּנעמען פון זיי זיין שטראָף.

און כדי גאָט זאָל זיך בעסער צוהערן צו די יידישע תפלות, און נאָכקומען זייערע געבעטן, האָבן יידן באַגלייט זייערע תפלות מיט תענו־תים, געוויין און סגופים, מען האָט געפאַסט ביחידית און בצבור, גע־וויינט ביים זאָגן די תפלות און געפלאַגט דעם גוף מיט שמייסן זיך מיט שטעכעדיקע ריטער און קייקלען זיך נאַקעטערהייט אין שניי א״א. מען האָט זיך אויך פאַרפליכטעט מיט נדרים פאַר צדקה, תענותים און סגופים...

***

אין די סדרי תפלות האָט מען אויך אַריינגענומען געקליבענע מאמרי חז״ל פון תלמוד, מדרשים, תורה און נביאים, הויכע הומאַניטאַרע געדאַנקען, געזאָגטע פון תנאים, אמוראים און גאונים, מנהגים און דינים, צו לערנען דעם יידן ווי צו לעבן אַ ריינעם יידישן מאָראַלישן לעבן.

און אַזוי ווי אַ ייד איז מחויב צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, לויט די תקנות פון די אַנשי כנסת הגדולה, וועט יעדער ייד ווערן אַזוי אַרום אַן אויטאָדידאַקט, זיך אַליין לערנען און דערציען אין גוטער יידישקייט.

אַ ייד זאָגט אַלע טאָג אין דאַווענען די משנה: אלו דברים שאין להם שעור (פאה, פרק א׳, משנה א׳) דאָס זיינען די זאַכן וואָס אַ ייד דאַרף טון, און זיי האָבן קיין שעור ניט, קיין וואָג און קיין מאָס, וואָס מער איז בעסער. גמילות חסדים, לייען אַ גמילות חסד, כבוד אב ואם, ערלעך האַלטן פאָטער און מוטער, תלמוד תורה, לערנען תורה, זיין אין שול אין דער פרי און אין אָוונט, הכנסת אורחים, אויפנעמען געסט, בקור חולים, באַזוכן קראַנקע, הכנסת כלה, העלפן אָרעמע כלות החתונה מאַכן, הלוית המת, באַגלייטן אַ מת צו זיין אייביקער רו, גיין צו אַ לויה, אַריינברענגען שלום צווישן מענטשן בכלל און צווישן מאַן און

פריוי בפרט, אַ ייד זאָל שטענדיק זאָגן דעם אמת, ותלמוד תורה כנגד כלם, תורה לערנען באַשטייט קענען אַלץ. ווען דער ייד דאָס זאָגן אַלע טאָג, וועט ער עס געדענקען און וועט עס אָפּהיטן.

צוליב דעם זעלביקן צוועק האָט מען אַריינגענומען אין די סדורים די פרקי אבות. דער ייד זאָל עס זאָגן אַלע שבת ביי־טאָג פון נאָך פסח ביז ראש השנה, כדי עס זאָלן זיין פריש און לאַטענט אין זיין זכרון, די הויכע פילאָזאָפישע געדאַנקען, גוטע מדות און פּראַקטישע עצות פון די תנאים און אמוראים — גדולי ישראל.

איבער ספּעציעלע אומשטענדן אין וועלכע די יידן האָבן זיך געפונען אין דעם ווייטן עבר, האָט מען אַריינגענומען אין דאַווענען אַ סך דינים פון שבת, יום־טוב און ימים נוראים, מילה, פדיון הבן א. א. דער ייד זאָל עס האָבן צו דערהאַנט און וויסן ווי זיך אויפצופירן. די ספּעציעלע אומשטענדן זיינען געווען, ווייל עס איז דאַן אַנטשטאַנען אַ גרויסע סכנה פאַרן קיום היהדות, מלכים רשעים האָבן זיך פאַרנומען אָפּצורייסן מיט געוואַלד די יידן פון זייער יידישקייט און אַסימילירן די יידן מיט זייערע פעלקער. צו דעם צוועק האָט מען פאַרבאָטן די יידן צו לערנען תורה, מען האָט געשלאָסן די חדרים און ישיבות, פאַרבאָטן צו מל זיין זייערע קינדער, אָפּצוהיטן שבת, יום־טובים, כשרות א. א. כדי קעגנצושטעלן זיך אָט דער סכנה, האָט מען די אַלע דינים און מנהגים אַריינגענומען אין דאַווענען און אַזוי ווי דאַווענען האָט מען ניט געקאָנט פאַרבאָטן, וועט יעדער ייד אַזוי אַרום וויסן די וויכטיקע דינים וואָס זיינען נויטיק אָפּצוהיטן יידישקייט.

דער געלונגענער איינפאַל אַרומצוגיין די גזרות פון די מלכים רשעים מיט דעם אַריינעמען אין דאַווענען די נויטיקע דינים און מנהגים, דאַרף פאַרשריבן ווערן אויפן קרעדיט פון די חזנים פון יענער צייט. כדי צו מאַכן דעם ענין קלאָרער, מוזן מיר זיך באַקאָנען מיט די צוויי קלאַסן פאָלקס־לערער וואָס זיינען געווען ביי די יידן פון בבל: סופרים און חזנים.

סופר איז געווען אַ לערער אַ משגיח, אַן אינספּעקטאָר, אַן אויפזעער אויף די חדרים, סופר מתא, דער סופר פון שטאָט, מלמד תנוקות ומשים מלמדים תחתיו והוא מורה את כלם איך יעשו. סופר, לערנט קליינע קינדער, נעמט אויף מלמדים אויף זיין אָרט און ער לערנט אַלעמען ווי אַזוי צו טון (בבא בתרא, כ״א).

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, פאַרשווינדט דער סופר און זיין אָרט פאַרנעמט דער מלמד.

חזן איז געווען אַ לערער פון אַ קלענערער מדרגה ווי סופר. געווען אַ מלמד דרדקי, אַ לערער פון קליינע קינדער און צו דער זעלבער צייט אַן אויפזעער אין שול — אַ שמש. החזן רואה הכין התנוקות קורין, דער חזן גיט אַכטונג ווי די קליינע קינדער לייענען (שבת, פ״א). חזנין מקבלין

וסודרין את הלולבים, די חזנים נעמען צו און אָרדענען די לולבים (סוכה, מ״ד). חזן הכנסת — הוא שמש בית הכנסת (יומא, פ״ז, א׳). חזן האָט מען גערופן דעם יעניקן, וואָס האָט געלייענט אין דער תורה, שפּעטער האָט מען גערופן חזן דעם וואָס דאַוונט ביים עמוד. אין סדור פון רב סעדיה גאון רופט מען חזן, דעם וואָס זינגט די פּיוטים. אין סדור פון רב עמרם גאון איז פאַראַן, אַז די יידן קומען זיך צונויף אין די שולן צו דאַוונען, שטייט דער חזן פון בית הכנסת און פאַנגט אָן צו זאָגן ברוך שאמר.

פאַר דער גאַנצער תקופה פון די גאונים אין בבל, האָבן חזנים דורכגעפירט זייערע אויבן־אויסגערעכנטע אויפגאַבן אַלס לערער פון קליינע קינדער, שול־אויפזעער — שמשים, בעלי־קורא׳ס און דאַוונען פאַרן עמוד. זיי האָבן אָבער פאַר דער צייט געשטיגן אין זייער פּראָפעסיע צו גאָר אַ הויכער מדרגה. זיי זיינען געוואָרן פּייטנים, רעליגיעזע פּאָעטן, פאָלקסלערער און דערציִער, קאָמפּאָזיטאָרן און עמוד־קינסטלער. עס רופט שטאַרק די אויפמערקזאַמקייט און מען ווערט פּשוט איבעראַשט פון זייער (חזנים׳ס) שטייגן צו דער דערמאָנטער מדרגה. ווען מען ווייסט אַז נאָכן חורבן פון בית שני, האָבן זיך די חזנים גערעכנט פאַר די קלענסטע באַאַמטע אין די יידישע קהלות פון בבל און ארץ־ישראל.

די גמרא דערציילט (סוטה, מ״ט): מיום שחרב בית המקדש, שרו חכימיא למהוי כספריה, פון דעם טאָג ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, זיינען די חכמים געוואָרן ווי די סופרים. (סופרים זיינען געווען אין אַ קלענערער מדרגה ווי חכמים) וספריא כחזניא, און די סופרים זיינען געוואָרן ווי די חזנים. חזן איז געווען קלענער אין מדרגה ווי סופר. וחזניא, כעמא דארעה, און די חזנים זיינען געוואָרן ווי דאָס פּראָסטע פאָלק. ועמא אזלא ודלדלה, און דאָס פּראָסטע פאָלק גייט באַרג אַראָפּ; אין שואל ואין מבקש, קיינער פרעגט ניט און קיינער זוכט ניט צו וויסן...

די מאָטיוון פון זייער שטייגן צו אַזאַ קולטורעלער הויכער מדרגה זיינען געווען די שרעקלעכע שלעכטע גזרות וואָס דער קייסער יוסטיאַנוס הרשע (527-65 נ״ק) האָט גוזר געווען אויף די יידן פון יענער צייט, צווינגענדיק די יידן צו פאַרלאָזן זייער יידישקייט.

די גזרות וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן זיינען געווען פאַטאַל פאַרן יידנטום. ער האָט פאַרבאָטן צו לערנען משנה און תלמוד און אַזוי אַרום געוואָלט אָפּרייסן די יידן פון זייער טראַדיציע צו לערנען תורה. ער האָט פאַרבאָטן צו האַלטן דרשות אין די שולן אין גייסט פון תלמוד און מדרשים. האָט פאַרבאָטן די יידן צו לערנען דינים און מנהגים צו לעבן אַ ריין יידיש לעבן. ער האָט פאַרבאָטן אַז אַ ייד זאָל זאָגן עדות אין אַ פּראָצעס פון אַ קריסט. ער האָט געצוואונגען די יידן אָפּצולייגן זייער פּסח אויף אייניקע טעג אויב דער יידישער פּסח איז אויסגעפאַלן אין די זעלביקע

טעג ווי דער קריסטלעכער פסח און אזוי ארום געצוואונגען די יידן צו עסן חמץ אין פסח. ער האט געצוואונגען די יידן צו לייענען די תורה אין גריכישער איבערזעצונג און אזוי ארום אפרייסן די יידן פון זייער שפראך, פון זייער לשון הקדש. ער האט זיך פארנומען אפצורייסן די יידן פון יידישקייט און צוגרייטן זיי צו פולשטענדיקער אסימילאציע.

כדי קעגנצושטעלן זיך די אלע גזרות און צו דער זעלבער צייט אויסמיידן די שטראף פון רשע יוסטיאנוס פאר ניט אויספאלגן, זיינען די חזנים פון דעמאלט געפאלן אויף דעם גליקלעכן געדאנק, ארייננצונעמען אין דאווגען אלע נויטיקע דינים און מנהגים פון שבת, יום־טוב, ימים נוראים און וואך. די וויכטיקסטע היסטארישע געשעענישן פון יידישן פאלק, די באלערנדע מאמרים פון די תנאים און אמוראים וועגן יידישער עטיק און מאראל, די רייד פון די נביאים, וויכטיקע מדרשים, און אזוי ארום ארומגעגאנגען די גזרות און געגעבן די מעגלעכקייט די יידן צו וויסן אלץ וואס א ייד דארף וויסן צו זיין א ייד און צו זיין צוגעבונדן צו יידישקייט, ביז די שלעכטע צייט וועט פאריבערגיין און יידן וועלן קאנען לעבן פריי אין גוטער יידישקייט.

די יידן פון יענער צייט האבן מיט גרויס צופרידנקייט אויפגעכאפט דעם גליקלעכן איינפאל און האבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט צו די „נייע תפילות" וואס חזנים האבן געזאגט ביים דאווגען און עס גענומען צו געדענקען. אזוי ארום איז דערגרייכט געווארן צו האלטן לאטענט דאס נויטיקסטע יידישע וויסן פאר יענע יידן בשעת די גזרות פון יוסטיאנוסן.

די חזנים זיינען דעריבער דערהויבן און געשעצט געווארן ביי די יידן פון יענער צייט, זייער אויפטו אין קיום היהדות, איז אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל, ווייל אומעטום וואו יידן האבן זיך געפונען, האט מען אין די סדרי תפלות ארייננגענומען די אלע אויסגערעכנטע קעגנשטאנדן. און זיי ווערן אפגעהיט לדור דורות.

די חזנים זעלבסט האבן א דאנק דעם, שטארק פראגרעסירט אין זייער פאך. זיי האבן זיך אויך דערלויבט ארייננצונעמען אין דאווגען אויסער די אויבן־אויסגערעכנטע „נייע תפלות" אויך פיוטים (רעליגיעזע פאעזיעס) און תפילות, פון זיי פארפאסטע, צו וועלכע זיי האבן צוגעפאסט די געהעריקע מעלאדיע און עס פארגעזונגען ביים עמוד. אזוי ארום האבן זיך מיט דער צייט די חזנים דערהויבן צו א דרייפאכער קונסט : זיי זיינען געווארן רעליגיעזע פאעטן, פייטנים, קאמפאזיטארן, ווייל זיי האבן געשאפן נגינה צו זייערע פיוטים און תפלות, און זינגער, ווייל זיי אליין פלעגן פארזינגען און אינטערפרעטירן זייערע פיוטים און תפלות.

מיינע ארויסגעזאגטע געדאנקען וועגן די „נייע תפלות" זיינען בא־

גרינדעט אויף די עדות פון רבי יהודה פון באַרצעלאָנא (שפּאַניע), געלעבט אין שפּאַניע ענדע דעם 11־טן יאָרהונדערט פון דער נייער צייט־רעכענונג.

אין זיין ספר העתים ברענגט רבי יהודה, די מאָטיוון פאַרוואָס מען האָט אריינגענומען אין דאַווענען דברי תורה און פּיוטים. פּיוטים אלה שנהגו העולם למימר, חזו לנו לרבוותא שאמרו: שלא נתקנו אלא בשעת השמד לחוד. מפני שלא היו יכולין להזכיר דברי תורה. ועל כן היו חכמים שביניהם מתקנין להן בכלל התפלה, להזהיר ולהזכיר לעמי הארץ, הלכות חג בחג, והלכות יום טוב, הלכות שבתות ודקדוקי מצות בדרך שבחות, וחרוזות ופיוטים. אין יידישער איבערזעצונג: די פּיוטים און דינים וואָס דער עולם איז זיך נוהג צו זאָגן אין דאַווענען געפעלט אונדז וואָס די גרויסע האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען אַנגענומען געוואָרן נאָר אין דער צייט פון שמד. ווייל מען האָט פאַרבאָטן צו דערמאָנען דברי תורה, דערפאַר האָבן די חכמים פון צווישן זיי איינגעאָרדנט אין די תפלות צו דערמאָנען און אָנצוזאָגן די עמי הארצים (פּראָסטע פון פאָלק) די דינים פון יעדער יום טוב באַזונדער, די דינים פון שבת און די איינצלהייטן פון די מצוות אין דער פאָרם פון לויב־געזאַנגען אין רעליגיעזע פּאָעזיעס.

דאָס איז דער מאָטיוו פאַרוואָס מען האָט אריינגענומען אין די סדורים, וואָס אַ ייד דאַוונט אין זיי, דריי מאָל אַ טאָג, וועגן דער וויכ־טיקייט און הייליקייט פון שבת קדש. ושמרו בני ישראל את השבת... ישמחו במלכותך שומרי שבת, וביום השבת, מזמור שיר של יום השבת, די וואונדערבאַרע פּאָעזיע פון אלחריזי, די לכה דודי״ס, אתה קדשת את יום השביעי, ויכלו השמים והארץ וכל צבאם. ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אתו... המניח לעמו ביום שבת קדש, כי בם רצה להניח להם, א. א. די דינים פון שבת, מיט וואָס מען מעג אָנצונדן די שבת־ליכט, — במה מדליקין. רבי חנינא זאָגט, אַ ייד איז מחויב צו זוכן אין זיינע קליידער אַלע ערב שבת, טאָמער האָט ער עפּעס פאַרגעסן אין די קעשע־נעס און וועט עס טראָגן אום שבת. און אַזוי אַרום שלא ברצון מחלל שבת זיין. רב יוסף גיט צו דעם צו, אַז אָט די פאָרזיכטיקייט איז אַ גרויסע הלכה צו שבת. הלכתא רבא לשבת.

יידן האָבן עס געזונגען און געזאָגט אַלע שבת אין די שולן. און דורך זייער זאָגן און זינגען האָבן זיי געוואוסט ווי אָפּצוהיטן שבת. און צו דער זעלבער צייט זיינען זיי איינגעוויקלט געוואָרן אין קדושת און מנוחת שבת.

אין די זמירות לשבת וואָס מען זינגט ביי די שבתדיקע סעודות, ווערט אויסגערעכנט די געצאָלטן פאַר די וואָס היטן אָפּ שבת ווי עס באַ־דאַרף צו זיין. כל מקדשי שביעי כראוי לו, כל שומר שבת כדת מחללו, שכרו הרבה מאד על פי פעלו, דער וואָס הייליקט דעם זיבעטן טאָג ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער וואָס היט אָפּ שבת ווי דער דין, ניט צו פאַרשוועכן אים, איז זיין געצאָלט זייער אַ סך לויט טואונג.

די טעג ווען עס פאַלט אויס פסח (צו פאַרזיכערן די יידן קעגן די גזרות פון יוטיאַנוס, (זע אויבן) ובחדש הראשון בארבעה עשר יום לחדש, פסח לד׳׳. ווען עס פאַלט אויס שבועות, וביום הבכרים, בהקריבכם מנחה חדשה ל׳׳ד בשבועתיכם. סכות פאַלט בחמשה עשר יום לחדש השביעי, און פייערן זאָל מען דעם יום־טוב זיבן טעג. וחגתם חג ל׳׳ד שבעת ימים. שמיני עצרת, וביום השמיני עצרת תהיה לכם. ראש השנה פאַלט אויס ובחדש השביעי באחד לחדש מקרא קדש יהיה לכם, און מען דאַרף בלאָזן שופר, תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגנו. יום כפור, ובעשר לחדש השביעי הזה, מקרא קדש יהיה לכם, ועניתם את נפשתיכם — דאַרף מען פאַסטן. ראש חדש איז אַ וואָכעדיקער יום טוב, אָבער אַ ייד דאַרף עס אָפּהיטן, זאָגט מען האַלב הלל און מען דערמאָנט, ראשי חדשים לעמך נתת, א. א. וו.

דער סדור האָט געהאָלפן דעם יידן צו געדענקען זיינע ימים־טובים און צו וויסן דעם טאָג און חדש ווען זיי פאַלן אויס כדי צו קאָנען זיי פייערן בקדושה ובטהרה.

עס זיינען פאַראַן אַ סך סדורים וואָס אַנטהאַלטן אַלע דינים און מנהגים וואָס עס איז שייך צו יידישקייט, אַ ענציקלאָפּעדיע פאַר יידיש־קייט. אַ ייד זאָל האָבן צו דער האַנט ווען ער דאַרף און וויל וויסן אַ דין, און ניט דאַרפן גיין זוכן ספרים אָדער שולחן ערכ׳ס, וואָס ניט אַלע מאָל באַקומט מען זיי.

דער ערשטער סדור לויטן מנהג פון די יידן פון רוים און פראַנקרייך, איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1486. ביים סוף איז געווען צוגעגעבן די הגדה לפסח.

דער ערשטער סדור לויטן מנהג אשכנז אונטערן נאָמען, תפלות מכל השנה, אריינגערעכנט הושענות און הגדה לפסח. האָט זיך געענדיקט דרוקן אין יאָר 1516.

דער ערשטער סדור כמנהג ספרד אונטערן נאָמען, תמונות תחנות ותפלות, האָט מען געדרוקט אין יאָר 1524.

שפּעטער האָט מען געדרוקט סדורים אין דייטשלאַנד און פּוילן און מען האָט צוגעגעבן פּרקי אבות, ברכת המזון, קריאת שמע פאַרן שלאָף, הגדה לפסח, הושענות, פּרשיות וואָס מען לייענט ימים־טובים, סליחות, פאַר תעניתים, יוצרות, שיר היחוד, תהלים, מעמדות און אַנדערע...

די וויכטיקסטע סדורים זיינען: סדור נוסח הא׳׳רי (1804) סדור יעקב עמדין אין דריי טייל (1745) סדר עבודת ישראל מיט דערקלערונ־גען 1868 א. א.

אויסער די אויבן אויסגערעכנטע אינהאַלטן פון סדורים זיינען אריינגענומען געוואָרן אין די זעלבע אַ שלל פון דערציערישע עלעמענטן פון יידישער עטיק און מאָראַל, פון וויכטיקע נאַציאָנאַלע היסטאָרישע

געשעעענישן און גוטע מדות, וואָס זיינען געפלאָסן פון סדור גלייך אין דער נשמה פון דעם יידן פון זיין פריסטער יוגנט ביז זיין טיפסטער עלטער און האָבן אים שטענדיק געהאַלטן אין גוטער יידישקייט צוגעבונדן צו זיין גאָט, פאָלק און לאַנד.

קאפיטל זעקס־און־צוואנציק

היסטאָרישע געשעענישן, יידישע מאָראַל און עטיק אין די תפלות

די ערשטע תפילה פון יידישן קינד, אַ ייד דאַרף אַלע טאָג אין דאַוונען מאַכן זיין חשבון הנפש, אַ ייד איז מחויב זיך צו האַלטן היגיעניש, וואָשן די הענט „נטילת ידים"; דער חוב פון יעדער יידן צו לערנען תורה פאַר זיך און צו זיינע קינדער, אַ ייד, טאָר נישט נעמען קיין געצאָלט פאַר לערנען תורה מיט אַ צווייטן ייד. אַ ייד בעט נישט גייט פראַזאַישע עולם הזה'דיקע באַקוועמלעכקייטן אויך נישט קיין עולם הבאָ. ער בעט ביי גאָט, נצור לשני מרע, היט מיין צונג און ליפּן פון צו ריידן שלעכטס, דורך תפלה האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דעם ייד די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן פון יידישן פאָלק: עקדש יצחה, יציאת מצרים, מלכות דוד, נס חנוכה, מכביים, נס פורים, די ליבע צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, צו גערעכטיקייט, צו ירושלים. די קאָשמאַרע איבערלע־בונגען אין די גלותן פאַראייביקט אין די סליחות, די פסוקי דזמרא דער הלל פון אַלע טאָג.

ווען דאָס יידישע קינד הויבט אָן צו רעדן, דאָס ערשטע וואָס אַ יידישע מאַמע האָט עס געלערנט, איז געווען צו זאָגן מודה אני.

מיט די קליינינקע הענטעלעך צונויפגעלייגטע געווענדעט צום הימל און צוגעדריקטע צום הערצעלע, זאָגט עס נאָך דער מאַמען, וואָס זאָגט פאָר: תורה צוה לנו משה, די תורה וואָס משה האָט אונדז פאַרזאָגט... און שמע בני מוסר אביך, הערצו מיין קינד די שטראָפרייד פון דיין פאָטער און פאַרלאָז ניט די לערע פון דיין מוטער. און ענדיקט אין יידיש, איכ'ל פאָלגן טאַטע און מאַמע און אַלע גוטע מענטשן וואָס הייסן גוט צו טון.

וויפל גייסטיקייט, שיינקייט, איידלקייט, פּראַקטישקייט און דער־הויבנקייט איז פאַראַן אין אָט דער יידישער פאָרעם און מעטאָד צו דערציען דעם יונגן דור.

דאָס דערמאָנטע בילד באַגייסטערט און עמאָציאָנירט, זענדיק ווי די יידישע מאַמע א פאַרנומענע באַ אירע שטוביקע אַרבעטן זאָגט מיט איר קליין קינד די תפלת שחרית, דעם „מודה אני" און באַקומט דעם צוזאָג פון איר קינד, אז: איכ׳ל פאָלגן טאַטע־מאַמע און אלע גוטע מענטשן וואָס הייסן גוטס טון.

דאָס איז געווען דער אומרירבאַרער און אומצעשטערבאַרער גרונט־שטיין פאַר ערלעכער, ציכטיקער און אינהאַלטפולער יידישער דערציאונג. ווען דאָס יידישע קינד קאָן שוין זאָגן עברי, דאַוונט ער אַלע טאָג אויסן סדור און מאַכט די ברכה, לעסוק בדברי תורה, זיך צו פאַרנעמען מיט תורה לערנען. און בעט ביי גאָט ער זאָל פאַרזיסן די רייד פון דער תורה אין אונדזערע אויסשפּראַכן און אין די אויסשפּראַכן פון דיין פאָלק ישראל. און ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כלנו יודעי שמך ולמדי תורתך לשמה און מיר וועלן זיין: מיר, און אונדזערע קינדער און די קינ־דער פון דיין פאָלק בית ישראל. אַלע וויסן דיין נאָמען און לערנען דיין תורה לשמה, צוליב תורה, צו קאָנען. ניט צו באַקומען דערפאַר געצאָלט אָדער דיפּלאָמען. אַ ייד דאַרף לערנען תורה. און ער דאַנקט גאָט פאַר לערנען תורה צו זיין פאָלק ישראל. המלמד תורה לעמו ישראל.

אַזוי אַרום האָט מען פון דער פריסטער יוגנט פאַרוואַנדלט דאָס יידישע קינד אין אַאויטאָדידאַק, ער זאָל זיך אַליין לערנען ליב צו האָבן דאָס לערנען תורה.

און דאָס קינד בעט ביי גאָט אויסערן סדור, יהי רצון מלפניך, עס זאָל זיין דיין ווילן פאַר דיר אונדזער גאָט און דער גאָט פון אונדזערע עלטערן, אַז דו זאָלסט אונדז רעטן היינט און אַלע טעג, פון עזות פּנימער, פון שלעכטע מענטשן, פון שלעכטע חברים, פון אַ שלעכטן שכן. פון לשון הרע און רכילות, פון פאַלשע עדות... זאָלסט אונדז באַהעפטן צום יוצר טוב און צו גוטע מעשים און דערווייטערן פון יוצר הרע... וויפל מאָראַל און הויכע עטיק, שיינע מדות און לעבנס־פּראַקטישקייט ליגט אין אָט דער תפלה, מיט וועלכער דאָס יידישע קינד, שפּייזט און דערנערט זיין יונגע נשמה. ער ווייסט אַז אַ ייד בעט ניט ביי גאָט אויף זיינע טעגלעכע אויסקומענישן, אין דעם האָט דער ייד שטאַרקן בטחון און אמונה, אַז גאָט וועט אים ניט פאַרלאָזן, אַ ייד וויל און בעט ביי גאָט, העכערס און גייסטיקעס.

דאָס קינד זאָגט אַלע טאָג, און געדענקט עס אויף זיין גאַנצן לעבן, לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי, ומודה על האמת, אַ מענטש זאָל אַלע מאָל מורא האָבן פאַר גאָט, עפנטלעך און ווען קיינער זעט ניט, זאָל אַלע מאָל אנערקענען דעם אמת און טראַכטן אין האַרצן אויפריכ־

טיק. און אַ ייד דאַרף אַלע טאָג מאַכן זיין חשבון הנפש, וויסן וואו ער האַלט אין דער וועלט, זאָגט ער אַלע טאָג די תפלה וואָס רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט: מה אנחנו, וואָס זיינען מיר, וואָס איז אונדזער לעבן, וואָס איז אונדזער חסד, וואָס איז אונדזער גערעכטיקייט, וואָס איז אונדזער גבורה, וואָס איז אונדזער כח, אַז אַלע גבורים זיינען נישטיק פאַר דיר, און די וואָס האָבן אַ גרויסן נאָמען אויף דער וועלט, זיינען גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל גאָרניט געווען, די חכמים זיינען ווי אָן וויסנשאַפט און די פאַרשטענדיקע ווי אָן שכל. זייערע מערערע מעשים זיינען נישטיק פאַר דיר און זייערע לעבנס זיינען גאָרניט פאַר דיר, די מעלות וואָס דער מענטש האָט מער פון אַ בהמה איז אויך גאָרניט, די וויכטיקייט איז צו האָבן אַ ריינע, אַ זויבערע נשמה, לבד הנשמה הטהורה...

אַ ייד דאַרף זיך וואַשן די הענט, זיי האַלטן ריין, ווען ער גייט דאַוונען, לערנען, צו עסן און נאָכן עסן און נאָך יעדער פיזיאָלאָגישער נויטווענדיקייט. אַ ייד איז מחויב צו „נטילת ידים", וואַשן די הענט, זיך האַלטן היגיעניש, אַ ייד איז אַ מיטגליד פון דעם עם קדוש, און גאָט האָט אָנגעזאָגט דורך זיין קנעכט משה, קדשים תהיו, איר זאָלט זיין הייליק.

און ניט נאָר אַנטהאַלט דער סדור פּראַקטישע דערציערישע מאָראַלישע און עטישע עלעמענטן פאַר דעם יידישן יונגן און עלטערן דור, ווייל אַלע יידן דאַוונען אויסערן סדור אַלע טאָג זייער גאַנץ לעבן, נאָר עס זיינען אויך אַריינגענומען געוואָרן אין סדור אַזעלכע תפלות אין וועלכע עס ווערן אויסגעדריקט דער חוב פון דעם ייד צו לערנען תורה פאַר זיך און צו זיינע קינדער. אין קריאת שמע, וואָס אַ ייד איז מחויב צו זאָגן דריי מאָל אין טאָג אין דאַוונען: שחרית, מעריב, און פאַרן שלאָף ווערט דאָרט דער ייד אויפגעפאָדערט צו לערנען מיט זיינע קינדער תורה, והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך און עס וועלן זיין אַלע רייד וואָס איך פאַרזאָג דיר אויף דיין האַרצן, ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך, זאָלסטו עס לערנען צו דיינע קינדער און זאָלסט אין זיי אַריינרעדן, ווען דו ביסט אין שטוב, ווען דו גייסט אין וועג, ווען דו לייגסט זיך שלאָפן און ווען דו שטייסט אויף...

אין דער תפלה אהבה רבה וואָס אַ ייד זאָגט אַלע טאָג אין דאַוונען, בעט ער אליין ביי גאָט, ותן בלבנו בנה, להבין ולהשכל לשמוע, ללמוד וללמוד, לשמור ולעשות ולקים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה. און זאָלסט אונדז געבן אין אונדזערע הערצער, פאַרשטאַנד, זיך צו קליגן, צו פאַרשטיין צו לערנען אליין און צו לערנען מיט אַנדערע, צו היטן און צו טון צו דערפילן מיט ליבשאַפט אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין דיין תורה.

די תפלה הויבט אַרויס דאָס יידישע פאָלק צו דער העכסטער מדרגה פון קולטורעלער סאָלידאַריטעט, צו קאָנען אליין און צו לערנען אַנדערע

זיי זאָלן אויך קאָנען לערנען, כדי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זאָל זיין דער עם חכם ונבון.

על פי דין טאָר טאַקע א ייד ניט נעמען קיין געצאָלט, פאַר לערנען מיט א צווייטן ייד תורה. און אויב ער באַקומט געצאָלט איז עס פאַר צייט־פאַרלוסט, שכר בטלה, וואָס ער פאַרלירט זיין צייט ביים לערנען א צווייטן.

ביי ענדע פון תפלת שמונה עשרי, זאָגט דער ייד א תפלה וואָס שפּרודלט מיט גייסטיקייט, גוטסקייט, פּראַקטישקייט, מאָראַל און מענטשן־ליבע. די תפלה איז: אלהי! מיין גאָט. נצור לשני מרע ושפתי מדבר מרמה, היט מיין צונג צו רעדן שלעכטס און מיינע ליפּן פון צו רעדן פאַלש. פּתח לבי בתורתך. עפן מיין האַרץ אין דיין תורה...

א ייד בעט ניט ביי גאָט די פּראָזאַישע עולם הזה׳דיקע באַקוועמלעכ־קייטן. אויך בעט ער ניט ביי זיין גאָט ער זאָל פאַר אים צוגרייטן א ליכטיקע עולם־הבא, א ייד בעט ביי זיין גאָט, ער זאָל היטן זיין צונג און זיינע ליפּן פון צו ריידן שלעכטס און פאַלש, וואָס קאָן ברענגען שלעכטס און פאַרדרוס פאַר זיינע מיט־מענטשן, און דאָס וויל דער ייד אויסמיידן און פאַרהיטן, און אַזוי ווי דער מענטש האָט זיך זיינע נאַטירלעכע שוואַכקייטן, און קאָן זיך ניט אַלע מאָל קאָנטראָלירן און באַ־הערשן, בעט ער ביי זיין גאָט, ער זאָל אים העלפן אין דעם. א ייד דאַרף זיין דורך און דורך מאָראַליש. א ייד לייקנט ניט פאַר זיין גאָט, אויב ער האָט געזינדיקט, געטון וואָס מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט. זינדיקן איז א נאַטירלעכע שוואַכקייט און דער ייד איז פון דער שוואַכקייט ניט פריי. דערפאַר שעמט ער זיך ניט און האָט דעם נויטיקן מוט צו אָנער־קענען זיך אַלס זעלכן. רעכנט אויס א ייד אין דאַוונען זיינע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען: אשמנו, בגדנו, גזלנו, מיר האָבן געזינדיקט, געפעלשט, געגזל׳ט א. א. און זאָגנדיק עס, קלאַפּט ער זיך אין זיין האַרץ מיטן פויסט, אַלס אויסדרוק פון אויפריכטיקער חרטה.

שאין אנו עזי פנים וקשי עורף לאמר לפניך א״י אלהינו ואלהי אבותינו, צדיקים אנחנו ולא חטאנו, מיר זיינען ניט אַזעלכע פאַרשייטע און האַרטנעקיקע צו זאָגן פאַר דיר אונדזער גאָט, אַז מיר זיינען צדיקים און האָבן ניט געזינדיקט. מיר זאָגן דעם אמת, מיר האָבן געזינדיקט און דו ביסט גערעכט וואָס דו שטראָפסט אונדז. ואתה צדיק על כל הבא עלינו. כי אמת עשית ואנחנו הרשענו... וויפל ליכטיקייט און אויפ־ריכטיקייט, מענטשלעכקייט און האַרציקייט, שטראַלט אַרויס פון דעם יידנס נשמה, ווען ער זאָגט עס אַלע טאָג אין דאַוונען. אַזא אויפריכטיקן עפנטלעכן חשבון הנפש, אָנערקענען זיינע געטוענע פעלערן, און אויס־דריקן זיין חרטה אויף דאָס געטוענע מיט קלאַפּן זיך אין האַרצן, אין אָננעמען גאָטס שטראָף אַלס גערעכטע, קאָן נאָר א ייד וואָס באַזיצט אַזא הויכע הומאַנע יידישע נשמה.

דאָס אַלץ האָט דער ייד געזאָגט אַלע טאָג אין דאַוונען, ווען ער

האָט תפלה געטון צו זיין גאָט. איז עס אַזוי אַרום איינגעזאַפּט געוואָרן אין זיין פלייש און בלוט, אין זיין מח און האַרצן, צו געדענקען, צו פילן און צו פאָלגן.

פאַר דער צייט פון דורות איז דער סדור געוואָרן ביי יידן דער גע־טריסטער חבר, דער בעסטער לערער און גוטער דערציער, וואָס האָט זיי געלערנט און אָנגעוויזן ווי צו זיין גוטע יידן און ווי צו לעבן אין גוטער יידישקייט. און האָט געהאָלפן צום קיום היהדות און צום קיום פון עם ישראל.

און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק יענעם גליקלעכן איינ־פאַל פון די חזנים פון מיטלאַלטער, וואָס האָבן אַזוי געהעריק איינגע־פאַסט דאָס יידישקייט אין די תפלות. און אַ דאַנק די גייסטיקע יידישע מנהגים פון אַלע צייטן וואָס האָבן אַזוי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם גע־ניאַלן אויפטו פון יענע חזנים און האָבן מתקן געווען צו זאָגן אָט די תפלות דריי מאָל אין טאָג.

***

דורך תפלה האָט מען אויך איינגעקריצט אין זכרון פון דעם ייד די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע היסטאָרישע געשעענישן פון יידישן פאָלק, אָנגעפאַנגענדיק פון פאַטריאַרך אברהם אבינו, יציאת מצרים, די גרינדונג פון מלכות ישראל, דער קאַמף פון די מכביים, נס פורים, די מאַרטיראָלאָ־גיע פון גלות ביז היינטיקע צייטן. ווייל אַ ייד מער פון אַלע פעלקער דאַרף וויסן זיין אָפּשטאַם, זיין יחוס, זיין פאַרגאַנגענהייט. אַ ייד מוז און דאַרף וויסן אַלע עטאַפּן פון זיין היסטאָריע, צו קאָנען לערנען און פאַר־שטיין די אַלע סאָציאַלע, מאָראַלע, עקאָנאָמישע און וויסנשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש און אומבייטונגען ,כדי צו קאָנען באַגרייפן די וויכטי־קייט און דערהויבנקייט פון צו זיין אַ ייד.

מען האָט אַריינגענומען אין סדור די פרשה, ויהי אחר הדברים האלה (בראשית כ"ב), צו זאָגן עס אַלע טאָג אין דאַוונען. אין דער פרשה ווערט דערציילט אַלע איינצלהייטן ווי עס איז פאָרגעקומען די עקדת יצחק (די געבונדנקייט פון יצחק).

פון דער דערציילונג שטראַלט אַרויס די גרויסקייט, שטאַרקייט, מוּ־טיקייט און אוימבויגזאַמער גלויבן אין גאָט פון אברהם אבינו. פון וואָס אַ ייד האָט אַ סך צו לערנען אויף זיין לעבנס־וועג, צו באַזיצן אַ שטאַרקן גלויבן אין גאָט, זיין שטענדיק מוטיק, און קרבן־גרייט פאַר זיין גאָט, פאַר זיין פאָלק, פאַר זיין לאַנד און פאַר זיין יידישקייט.

אַ ייד דאַרף זאָגן אַלע טאָג אין דאַוונען די פרשה פון דער תורה (שמות י"ד בשלח) ויושע א"ד ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, גאָט

האָט געהאָלפֿן אין יענעם טאָג די יידן פֿון די הענט פֿון די מצרים. וואו עס ווערט רעאַליסטיש פֿאַרגעשטעלט די דראַמע פֿון יציאת מצרים.

די מצרים, אַן איינגעזופּן באַוואָפֿנט פֿאָלק, יאָגן זיך נאָך אויף זייערע הייסבלוטיקע פֿערד און רייטוועגענער די אומבאַוואָפֿנטע יידן, וועלכער זייער פּרעה האָט דערלויבט זיי זאָלן גיין דינען גאָט.

דער מאָמענט איז זייער אַ קריטישער און די סכנה איז זייער גרויס, דער שונא קומט אָן מיט די מאַסן באַוואָפֿנט, גרייט צום קאַמף, די יידן שטייען דערשראָקן, ניטאָ וואו צו באַהאַלטן זיך און מיט וואָס צו פֿאַרטיידיקן זיך. שטייען זיי אומבאַהאָלפֿן און פּראָטעסטירן צו זייער פֿירער, צו משה: וואָס! ניט געווען קיין קברים אין מצרים, וואָס דו האָסט אונדז געבראַכט מיר זאָלן אַלע שטאַרבן אין דער מדבר. מיר האָבן זיך דאָך ביי דיר געבעטן, לאָז אָפּ מיט דיין פֿרייהייט־אידעאַל, מירן בעסער דינען מצרים און ניט גיין שטאַרבן אין דער מדבר...

דאָס פֿאָלק איז פֿאַרצווייפֿלט און ווערט וואָס אַמאָל מער אויפֿגעברויזט... משה באַרואיקט זיי. האָט קיין מורא ניט, קוקט און זעט וואָס גאָט וועט טון פֿאַר אייך, ער וועט מלחמה האַלטן מיט די מצרים און איר וועט שווייגן.

דער ים ברויזט, און די מצרים בלינד פֿון רציחה זעען ניט דעם געפֿאַר און לויפֿן גלייך אין ים אריין, דאָס וואַסער פֿאַרדעקט זיי. אויס מצרים, אויס מורא... און די יידן זיינען דורכגעגאַנגען דעם ים אין דער טריקעניש.

באַהערשט פֿון גרויסער פֿרייד, הויבן אָן די יידן ספּאָנטאַן צו זינגען: אשירה לד׳ כי גאה, גאה, סוס ורכבו רמה בים, איכל זינגען צו גאָט וואָס איז גרעסער פֿון גרויס, פֿערד און רייטער האָט ער געוואָרפֿן אין ים. און מרים, משה׳ס שוועסטער, אַ באַגייסטערטע פֿון דאָס איבערגעלעבטע, פֿול מיט עקסטאַז, האָט גענומען דעם האַנט־פּייקל מיט גלעקלעך אין איר האַנט און צוזאַמען מיט אַלע פֿרויען זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פּייקלענדיק און טאַנצנדיק און אַזוי אַרום אויסגעדריקט די עמאָציע פֿון גרויסן נס וואָס עס האָט זיי באַהערשט.

דער דערמאָנטער היסטאָרישער עפּיזאָד פֿון יציאת מצרים, איינגעקריצט אין זכרון פֿון דעם ייד, פֿאַרוואַנדלט אים אין אַן אייגנאַרטיקייט פֿון אַן אומבויגזאַמער זיכערקייט, אַז זיין גאָט וועט אים קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן און וועט אים שטענדיק העלפֿן אין זיינע נויטן, און אַזוי ווי גאָט האָט געהאָלפֿן ביי יציאת מצרים וועט ער זיכער העלפֿן ביי יציאת הגלות. און דערפֿאַר דערמאָנט דער ייד יציאת מצרים ביים הייליקן דעם שבת (קדוש) זכר ליציאת מצרים, און ביי אַלע יום־טובדיקע פֿייערונגען, אַן אָפּטימיסטישער גייסטיקער טאָניק, צו שטאַרקן דעם יידן אין גלות.

פֿול מיט זעלבסטווירדע און שטאַרקן אָפּטימיזם ווערט דער ייד,

ווען ער זאָגט אַלע טאָג אין דאַוונען די תפלה, ויברך דוד. דער נאָמען דוד המלך דערמאָנט דעם יידן אין זיין רייכער פאַרגאַנגענהייט, עס דער־מאָנט אים, דעם פאַקטישן גרינדער פון מלכות ישראל, דעם נאַציאָנאַלן העלד, דעם באַפרייער פון יידישן פאָלק און לאַנד פון זייערע שלעכטע שכנים־פעלקער און די גאַנצע הערלעכע העראָישע תקופות פון יידישע מלכים אין ארץ־ישראל.

דוד המלך איז שטאַרק באַליבט ביים יידישן פאָלק. ביי יידן וועט דוד׳ס דינאַסטיע עקזיסטירן און לעבן אייביק. דוד מלך ישראל חיי וקים. און אַזוי ווי די דינאַסטיע פון דוד המלך וועט אייביק עקזיסטירן, וועט אויך דאָס יידישע פאָלק אייביק עקזיסטירן. ווערט דער ייד ביי זיך האָ־פערדיק און געשטאַרקט אין גלויבן, אַז די ליכטיקע צוקונפט פון יידישן פאָלק איז געזיכערט. דער גלות וועט זיך פאַרבייגיין און גאָט וועט צו־נויפזאַמלען די יידן פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט און וועט זיי צוריק־ברענגען אין זייער לאַנד אויף שטענדיק. און דאָרט וועלן זיי לעבן פריי פון שונאים ווי אין די צייטן פון דוד המלך.

די ליבע צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, די ליבע צו גערעכטיקייט, צדק און משפט, די ליבע צו דער יידישער אייביקער קרוין־שטאָט ירושלים, די ליבע צו די אָפּשטאַמיקע פון דוד המלך, ווערן אויסגעדריקט אין די תפלות וואָס דער ייד זאָגט לויט די תקנות פון די אנשי כנסת הגדולה דריי מאָל אַ טאָג אין דאַוונען: אינדערפרי, צו מנחה און מעריב. תקע בשופר גדול לחרותנו, בלאָז מיט אַ גרויסן שופר צו אונדזער באַפרייאונג. השיבה שופטינו כבראשונה, קער אום אונדזערע שופטים ווי אַמאָל, ווען מיר זיינען געזעסן רואיק אין אונדזער לאַנד. ולירושלים ערך ברחמים תשוב, און צו ירושלים דיין שטאָט זאָלסט זיך מיט רחמים אומקערן. את צמח דוד עבדיך מהרה תצמיח, די שפּראָצונג פון דוד דיין קנעכט זאָלסטו שנעל מאַכן בליען...

די דערמאָנטע תפלות פון שמונה עשרי, האַלטן דעם יידן לאַטענט צו די אַלע נאַציאָנאַלע אייביקייטן און ניט נאָר זאָגט דער ייד די תפלות, נאָר ער ווערט פאַרכאַפּט פון זייער אינהאַלט און אָנגעפילט מיט אמונה און בטחון, אַז גאָט וועט זיכער בלאָזן אין גרויסן שופר צו באַ־פרייען די יידן פון גלות, אַז גאָט וועט זיך זיכער אומקערן אין זיין שטאָט ירושלים, וועט זיכער צוריק באַזעצן די שופטים פון גערעכטיקייט און אַז עס וועט זיכער שנעל אויפבליען די שפּראָצונג פון דוד המלך.

***

מער צו שטאַרקן אין דעם ייד זיין אמונה און בטחון צו גאָט, צו לער־נען אים ווי אָפּצוהיטן און טייער האַלטן זיין יידישקייט, ווי צו אָפּהיטן און צו פאַרטיידיקן די הייליקע אידעאַלן פון זיין תורה, צו זיין קרבנות־גרייטקייט ווען דאָס פאָלק און לאַנד שטייען אין סכנה באַזיגט און צע־

טראָטן ווערן פון פרעמדע פעלקער, האָט מען אריינגענומען אין שמונה עשרי די היסטאָרישע געשעעניש פון די מכביים וואָס האָט פּאַסירט אין יאָר 167 פ״ק., וואָס יעדער איד זאָגט עס אין שמונה עשרי אַלע אַכט טעג פון חנוכה.

אין דער תפלה ווערן געשילדערט יענע צייטן ווען אנטיוכוס הרשע האָט געצוואונגען די יידן אַז זיי זאָלן זיך אַסימילירן מיט זיין פאָלק, און דער קאַמף פון די מכביים פאַר יידישער עקזיסטענץ, און גאָטס הילף פאַר די יידן. בימי מתתיהו, בן יוחנן כהן גדול חשמונאי ובניו, כשעמדה מלכות יון הרשע על עמך ישראל, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחקי רצונך ,ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם, רבת את ריבם, דנת את דינם, נקמת את נקמתם, מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך...

אין די טעג פון מתתיהו בן יוחנן כהן גדול און זיינע קינדער, ווען עס איז אויפגעשטאַנען דער מלכות הרשע פון גריכנלאַנד אויף דיין פאָלק ישראל, צו מאַכן זיי פאַרגעסן זיין תורה און אָראָפּפירן זיי פון דיינע געזעצן, און דו מיט דיין פיל רחמנות, ביזט געשטאַנען אין זייערע צרות, האָסט זיך אָנגענומען פאַר זיי און האָסט איבערגעגעבן די שטאַרקע אין די הענט פון די שוואַכע, די סך אין די הענט פון די ווייניקע, די רשעים אין די הענט פון די צדיקים, די אומריינע אין די הענט פון די ריינע, די אומווירדיקע אין די הענט פון די וואָס לערנען דיין תורה. צו דיר האָסטו זיך געמאַכט אַ גרויסן און הייליקן נאָמען אין דיין וועלט, און צו דיין פאָלק ישראל האָסטו געטון אַ גרויסע הילף און דערלייזונג ווי היינט צו טאָג...

דער ייד וואָס זאָגט אָט די תפלה די אַכט טעג פון חנוכה, געדענקט יענע גרויסע העלדן, וואָס האָבן זיך מקריב געווען צו פאַרטיידיקן זייער יידישקייט, ווערט געשטאַרקט אין זיין אמונה און בטחון אין גאָט און לערנט זיך צו קעמפן ביז מסירת נפש ווען יידישקייט, פאָלק און לאַנד שטייען אין סכנה פאַרשוועכט אָדער באַזיגט צו ווערן.

אַ צווייטע היסטאָרישע געשעעניש האָט מען אויך אריינגענומען אין דער תפלה פון שמונה עשרי צו זאָגן אין דעם טאָג פון פורים, די כונה פון די מסדרים איז געווען דאָס זעלבע. צו שטאַרקן אין דעם ייד זיין אמונה אין גאָט און ווייזן אים אַז גאָט פאַרלאָזט ניט זיין פאָלק ווען זיי היטן אָפּ זיין תורה און מצוות.

די היסטאָרישע געשעעניש האָט געטראָפן מיט די יידן וואָס האָבן געלעבט אין פרס (טעהעראַן) אין יאָר 366 (פ. ק.).

די תפלה פאַנגט זיך אָן: בימי מרדכי ואסתר בשושן הבירה, אין די טעג פון מרדכי און אסתר אין דער הויפּטשטאָט שושן, ווען עס איז אויפגעשטאַנען אויף זיי המן הרשע און האָט געוואָלט אין איין טאָג

פארטיליקן און אויסהרגענען אלע יידן פון יונג ביז אלט, פיצעלעך קינדער און פרויען, 13־טן טאג אין חדש אדר און צוצורויבן זייערע פארמעגנס. און דו (גאט) מיט דיין פיל רחמנות האסט פארשטערט זיין עצה און זיינע מחשבות, האסט אומגעקערט זיין געצאלט אויף זיין קאפ און מען האט אים מיט זיינע זין אויפגעהאנגען אויפן בוים...

די צוגעגעבענע תפלות אין שמונה עשרי, וואס זיינען אנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל זיינען געווארן א שטארקער גייסטיקער טאניק פאר די יידן פון אלע צייטן און פון אלע לענדער, זיי זיינען געווען א באלזאם צו זייערע ליידן אין גלות, א שטארקער סטימול צו לעבן אן אייגנארטיקן יידישן לעבן אין גלות און א קוואל וואס האט שטענדיק געשפרודלט מיט אומבויגזאמען גלויבן אין דער אייביקייט פון דעם יידישן פאלק, אז דאס יידישע פאלק וועט צוריק ווערן א זעלבסטשטענדיק פאלק אין זיין הייליקן לאנד פון די אבות.

דורך די תפלות וואס א ייד זאגט פארבינדט ער זיך מיט זיין גאט, ווערט מיט אים היימיש און באקומט א קעגנזייטיקע השפעה, דער ייד ווענדט זיך צו זיין גאט מיט שיינע תפלות, תחינות און בקשות און גאט ענטפערט אים און העלפט אים.

אין דאוונען ווערט דער ייד מער אינטים מיט זיין גאט, רעדט צו גאט ווי א קינד רעדט צו זיין פאטער, וויינט פאר אים, דערציילט אויס אלע זיינע איבערלעבונגען און רעדט זיך אראפ פון הארצן אלע זיינע צרות, רדיפות, פיין פון גלות. דאס טוט ער אלע מאנטיק און דאנערשטיק אין דאוונען, זאגנדיק די סליחות וואס זיינען באשטימט צו זאגן אין די טעג.

**
*

גאר די ערשטע סליחות זיינען געשאפן געווארן פון גרויסע ייד. פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען פארטריבן געווארן פון ארץ־ישראל דורך אספאסיאנוס הרשע, שפעטער זיינען צוגעקומען נאך סליחות פון אנדערע מחברים. אין זיי, אין די סליחות ווערן געשילדערט די יידישע צרות און פיין אזוי רעליעוו בילדעריש, אזוי קלאר און דייטלעך, אז זאגנדיק עס כאפט ארום א גרויל, א גרויל פון די רשעות פון די פעלקער. ווי נעמט זיך עס צו מענטשן וואס זיינען באשאפן געווארן בצלם אלהים, אזוי פיל רשעות, אזוי פיל שלעכטס!...

און צו דער זעלבער צייט, ווערט מען באגייסטערט און עמאציאנירט פון יידישן אויסדויער און גייסטיקער גבורה, צו קאנען אריבערטראגן אזוי פיל שלעכטס כמעט נאטירלעך, ווי עס וואלט געווען א יידישע אייגנשאפט, אן איינגעבארענע אין פאלק, א רעזיגנאציע צו לעבן אין יסורים און פיין, אין גלות.

אין די צייטן פון די גאונים האט מען די סליחות אריינגענומען אין סדור און קאנאניזירט צו זאגן עס אלע מאנטיק און דאנערשטיק אין דאוונען, נאך שמונה עשרי.

אין די דערמאָנטע סליחות, זיינען קאָנצענטרירט אַלע גרויסע דראַ־מעס און שרעקלעכע טראַגעדיעס וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכ־געלעבט, ניט נאָר די פון דער צייט פון אספּאסיאנוס הרשע, נאָר אויך פון אַלע צייטן, פון אַלע רשעים און פון אַלע שלעכטע פעלקער און מענ־טשן, וואָס האָבן געוואָלט די יידן אומברענגען און פארטיליקן.

זאָגנדיק די סליחות שוועבט פאַר די אויגן ווי אַ קינאָמאַטאָגראַ־פישע בילד די יידישע דראַמע „גלות״ מיט אַלע אירע שוידערלעכע גרויל־טאַטן. אין יעדער וואָרט פון די סליחות איז קאָנצענטרירט יידישע ווייען און פיין, וואָס מאַכן פארגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. אין יעדער פראַזע פון די סליחות זעט מען בולט די אומגעהויערע ליידן און שרעק־לעכע איבערלעבונגען פון די יידן פון די פארשידענע לענדער און פון די פארשידענע תקופות פון גלות.

יעדע סליחה אַנטהאַלט אין זיך אַ ים פון יידישע בלוט און טרערן, וואָס זידט און קאָכט, שטורעמט און פּראָטעסטירט קעגן דער שעלכטער מענטשהייט.

אַלע סליחות צוזאַמען זיינען איין גרויסער יידישער שמערץ, איין גרויסער יידישער ווייטיק, וואָס שרייט אַרויס צו דער שלעכטער וועלט: פארוואָס יאָגט איר אונדז אַזוי פיל? פארוואָס פארשאַפט איר אונדז אַזוי פיל צרות און פּיין? פארוואָס אַזוי פיל דערנידערונגען און רדיפות, ווען מיר טוען קיינעם קיין שלעכטס ניט... פארוואָס! פארוואָס! פארוואָס!... הערט דאָך די וועלט ניט אונדזערע געשרייען און אונדזע־רע גערעכטע טענות און שטעלט ניט אָפּ זייערע פארפאָלגונגען קעגן אונדז... ווענדן מיר זיך צו אונדזער גאָט, צו אונדזער פאָטער אין הימל, אבינו אב הרחמן אונדזער פאָטער, פאָטער פון רחמנות, הראני אות לטובה, ווייז אונדז אַ צייכן צום גוטן און קליב צונויף אונדזערע פאַר־שפּרייטע מארבע כנפות הארץ, פון אַלע עקן פון דער ערד, ויודעו כל הגיים, זאָלן וויסן און אַנערקענען אַלע פעלקער אַז דו ביזט אונדזער גאָט.

די פארביטערונגען און פארדראָסן, די ווייטיקן און גייסטיקע ליידן מיט וואָס דאָס יידישע פאָלק איז איבערגעלאָדן, לאָזט זיי ניט צו־רו, און זיי ווענדן זיך צו גאָט וועגן דאָס געבעטענע, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל...

הבט משמים וראה, קוק אַראָפּ פון הימל און זע, כי היינו לעג וקלס בגוים, מיר זיינען געוואָרן צו שפּאָט און געלעכטער ביי די גוים, נחשבנו כצאן לטבח יובל, להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה, מיר זיינען ביי די גוים (פעלקער) געגליכן צו שאָף וואָס מען פירט צום שעכט־הויז, אונדז צו הרגענען, אומצוברענגען, צו געשלעג און צו שאַנד...

מען פילט אין די קורצע זאַצן, אַז דאָס רעדט אַזוי גאַליק, אַזוי פאַר־ביטערט, אַ פאָלק אַן אַנגעווייטיקטס, וואָס איז איבערפולט פון צער און צאָרן, וואָס האָט גאָר אַ סך צו זאָגן, אַ סך אויסצוזעצן קעגן דער שלעכ־

טער מענטשהייט, נאָר האָט פאַרביסן זיינע ליפּן ביז בלוט, דעם צער און צאָרן איינגעשטומט אין זיך... נאָר דערט אַרוים מיט פאַרביסנ־קייט און ווייטיק... גאָט! קוק אַראָפּ פון הימל און זע! מיר זיינען ביי די פעלקער ווי שאָף וואָס מען פירט צום שעכט־הויז, מען רעכנט זיך ניט מיט אונדז ווי מיט קיין מענטשן, מיר קאָנען פיזיש זיך ניט פאַר־טיידיקן קעגן די גוים, פונקט ווי די שאָף וואָס ווערן געפירט צום שעכט־הויז, דער איינציקער וואָס קען אונדז העלפן ביזטו אונדזער גאָט, דו ביזט אונדזער אב הרחמים, העלף אונדז און פאַרטיידיק אונדז...

חוסה א״ד עלינו ברחמיך. ואל תתננו בדי אכזרים, גאָט האָט מיט־לייד אויף אונדז מיט דיין רחמנות, גיב אונדז ניט איבער אין די הענט פון די אכזרים, פאַרדאַרבענע, למה יאמרו הגוים, איה נא אליהיהם, פאַרוואָס זאָלן די גוים נאָך פון אונדז אָפּלאַכן און שטעכן אונדז מיט די ווערטער וואָס זיינען פאַר אונדז ווי אָנגעברענטע שפּיזן: „וואו איז אייער גאָט, אין וועמען איר גלויבט אַזוי און צו וועמען איר זייט אַזוי צוגעבונדן מיט לייב און לעבן. פאַרוואָס העלפט ער אייך ניט פון אונדזערע הענט״!...

קולנו תשמע ותחון. זאָלסט הערן אונדזער קול און זאָלסט זיך דער־באַרעמען. און זאָלסט אונדז ניט איבערגעבן אין די הענט פון אונדזערע פיינד זיי זאָלן אָפּמעקן אונדזער נאָמען פון דער וועלט... געדענק וואָס דו האָסט צוגעשוואוירן צו אונדזערע עלטערן: ווי די שטערן אין הימל וועל איך מערן אייערע קינדער. און איצט זיינען מיר געבליבן ווייניק פון א סך... ובכל זאת שמך לא שכחנו, נא אל תשכחנו. פונדעסטוועגן, כאָטש דו האָסט פאַרגעסן דיין שבועה, האָבן מיר דיר ניט פאַרגעסן, בעטן מיר דיר, פאַרגעס אונדז ניט און העלף אונדז...

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן ווי די אומגעהויערע מאָראַלישע ליידן און פיזישע ווייטיקן זיינען געווען שמערצלעך, אז דער ייד האָט אוים פאַרצווייפלונג זיך דערלויבט פאַרצוהאַלטן זיין גאָט און צו דער־מאָנען אים ער זאָל געדענקען זיין שבועה וואָס ער האָט געגעבן צו די אבות...

עס שוועבט פאַר די אויגן, די גזרת השמד, דער צוואַנג אַז יידן זאָלן איבער געוואַלד אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, וואָס איז דורכ־געפירט געוואָרן אין פראַנקרייך אין יאָר 576 נאָך דער נייער צייט־רעכע־נונג, וואָס האָט דערגרייכט צו אַזאַ גרויל, אַז דער פּויפּסט גרעגאָריוס דער ערשטער האָט געשריבן צו די בישאָפן פון פראַנקרייך (שפּעטער, מיט 15 יאָר נאָך דער גזרה) אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג צו באַקערן די יידן צום קריסטנטום... זיי, די בישאָפן, זאָלן צו דעם צוועק גע־ברויכן לאָגישע איבערצייגונגען און ניט אַזעלכע דראַסטישע...

לייענענדיק די כראָניק פון יענער צייט, ווערט מען פּשוט שטום פון ווייטיק און פאַרדראָס.

א צווייט בילד וואָס מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן איז, דער צוזאַמענפאַר פון די הויכע גייסטלעכע פון דער קירכע אין פראַנקרייך אין דעם יאָר 845, צו באַשרענקען די רעכטן פון די יידן, ווייל די יידן האָבן געקרייציקט זייער דערלייזער...

די רעדעס וואָס זיינען דאָרט געהאַלטן געוואָרן פון אַלע גייסטלעכע, האָבן געמאַכט אויפגעזידן די בלוטן פול מיט רציחה פון די קריסטן און האָבן אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף אַלע יידן. איבערהויפּט האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט דער בישאָף פון מילאַן. ער האָט פשוט און ברו־טאַל, עפנטלעך אויפגעפאָדערט די קריסטן צו פּאָגראָמירן די יידן, זיינע פאָדערונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן פון די פרומע קריסטן מיט דער גרעסטער אכזריות קעגן די שוצלאָזע יידן, טויזנטער יידישע לעבנס זיי־נען דאַן ברוטאַל פאַרשניטן געוואָרן. אַ סך בליענדע יידישע קהלות האָט מען חרוב געמאַכט. יידישע האָב און גוטס זיינען פון די זעלבע פרומע קריסטן צערויבט געוואָרן.

***

לייענענדיק די כראָניק פון יענעם צוזאַמענפאַר און זיינע אומגליק־לעכע רעזולטאַטן פאַר די יידן, ווערט מען פאַרשטיינערט פון אויפרע־גונג, און עס פרעגט זיך: וואו האָט זיך עס גענומען צו די גוים אַזוי פיל שנאה און אַזוי פיל רציחה קעגן די יידן, אַז ס'איז געווען גענוג אַן עקזאַל־טירטע רעדע פון זייערן אַ גייסטלעכן, אַז די יידן האָבן אַמאָל געקריי־ציקט זייער דערלייזער, כדי צו אויסלאָדן קעגן די שוצלאָזע יידן זייערע באַרבאַרישע מערדערייען און ווילדע אכזריותן.

דאָס באַרבאַרישע בילד ווי דער טולוזער גראַף פּאַטשט עפנטלעך דעם רב פון שטאָט יעדן לעצטן פרייטיק פאַר זייער פסח, מיטן אויסרייד, אַז ער טוט עס, כדי נקמה צו נעמען פון די יידן, פאַר די ליידן וואָס זיי זאָלן האָבן פאַרשאַפט קריסטוסן.

די צייטן פון די קרייציקע, אין יאָר 1096, 1146 און 1190, וואָס האָבן חרוב געמאַכט און פאַרוויסט בליענדע יידישע קהלות און אומגע־בראַכט אומשולדיקע שוצלאָזע טויזנטער און טויזנטער יידן מיט זייערע פרויען און קינדער און צערויבט זייערע פאַרמעגנס, דער שרעקלעכער פריי־טיק צונאַכט פון שבת הגדול אין דעם אומגליקלעכסטן יאָר פאַר די יידן פון אייראָפּע, ווען אַ גאַנצע בליענדע יידישע קהלה וואָס האָט זיך גע־פונען אונטערן דרוק פון די באַרבאַרישע קרייציקע ניט האָבנדיק קיין אויסוועג זיך צו ראַטעווען, האָבן זיי זיך אליין אומגעבראַכט קוילענדיק איינער דעם צווייטן, על קדוש השם...

די גאַנצע טייכן אידיש בלוט און טרערן שטייען נאָך ביז היינט צו טאָג און זידן אָן אויפהער, פאָדערנדיק ביי דער וועלט גערעכטיקייט.

די קאַשמאַרע בילד פון ערשטע בלוט־בלבול (יאָר 1171) אין פראַנקרייך,

וואו מען האָט פאַרברענט לעבעדיקערהייט הונדערטער אומשולדיקע יידן (מאַי 26־טן פון 1171).

די אומגליקלעכע איבערלעבונגען פון די יידן אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד אין יאָר 1298, די איינפירונג צווינגענדיק די יידן צו טראָגן אויף זייערע קליידער אַ געלע לאַטע, כדי זיי דערמיט צו דערנידעריקן און צו באַליידיקן, מאַכן זיי צו שאַנד און צו שפּאָט ללעג ולקלס בגוים...

דאָס פאַרברענען עפנטלעך דעם תלמוד אין פאַריז, אין יאָר 1245, דער גירוש פראַנקרייך דורך פיליפּ „דער שיינער", וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון די קריסטן מיט דער גרעסטער חיות'דיקער אַכזריות.

די גזרת המצרעים, די גזרה פון די קרעציקע אין פראַנקרייך פון יאָר 1321 (קרעציקע קריסטן, וועלכע האָבן זיך געפונען איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט, האָבן אויס נקמה צו דער געזעלשאַפט, פאַרסאַמט און פאַר־גיפטעט די ברונעמער מיט וואַסער און אַזוי אַרום זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט דער געזעלשאַפט וואָס האָט אָן זיי פאַרגעסן). האָט מען דאַן די שולד פון די פאַרסאַמטע ברונעמער וואַסער אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן, מיטן אויסרייד אַז די יידן האָבן עס געטון, אַלס נקמה צו די קריסטן וואָס פאַרפאָלגן זיי. דורך אָט דער פאַלשע באַשולדיקונג האָט מען דאַן אין פראַנקרייך אומגעבראַכט אַ סך הונדערט אומשולדיקע יידן דורך אַכזריותדיקע מתות משונות.

דאָס בילד ווי מען פאַרברענט עפנטלעך 160 יידישע פרויען אין דער שטאָט שיניאָן (פראַנקרייך) איבער אַ פאַלשן בלבול... דאָס טראַגיש פאַרביטערטע לעבן פון די יידן אין ענגלאַנד, ביז מען האָט זיי אינגאַנצן אַרויסגעטריבן פון ענגלאַנד אין יאָר 1290, וואָס מאַכט גרוילן פאַר ווייטיק און פאַרדראָס...

די מכת־המגפה אין דער עפּידעמיע פון שוואַרצן טויט וואָס האָט אומגעבראַכט אַ סך בירגער פון בייערן, האָט מען באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן געבראַכט די מגפה פאַר די קריסטן אַלס נקמה. און דער־פאַר האָט מען די יידן פאַרפאָלגט, ערגער ווי די ווילדסטע חיות...

עס האָט זיך דאַן געשאַפן אין בייערן אַ באַנדע ווילדע יידן־שלעגער און אַרעם־לעדערער, וועלכע האָבן דורכגעפירט די שרעקלעכסטע שחיטות אויף די יידן און צערויבט זייערע פאַרמעגנס.

דער ווילדער נידערטרעכטיקער בלבול פון דער האָסטיע אין בייערן, אַז יידן האָבן געשטאָכן „די האָסטיע" און פון „דער האָסטיע" איז אַרויס אַ טראָפּן בלוט, האָט אַרויסגערופן שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף די יידן, זיי זיינען געוואָרן ווי שאָף אין שעכט־הויז... די אויסראָטונג און פאַר־ניכטונג פון די יידן אין דער שווייץ, אין יאָר 1348.

די אויסראָטונג און פאַרניכטונג פון די יידן אין דייטשלאַנד אין יאָר, 1349, ווען מען האָט געברענט יידן עפנטלעך ווי קוליעס שטרוי און ווי שטיקער האָלץ זיי געוואָרפן אין טייכן.

דער גרוש פון די יידן פון עסטרייך, די שפּאַנישע אינקוויזיציע און דער גרוש־שפּאַניע 1492, גרוש פּאָרטוגאַל. אַלע פּאָגראָמען אויף די יידן פון רוסלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט ביז היטלער ימח שמו, זעט מען קלאָר און דייטלעך אויף דער קאָשמאַרער קאַנווע פון די סליחות, עס טריפט נאָך היים יידיש בלוט פון די מעסערס פון די מערדער. די וואונדן אין יידישן פאָלקס־קערפּער זיינען אָפן... דער גרויסער ווייטיק און די באַליידיקונג רייסן דאָס האַרץ... דאָס אַלעס ווערט איינגעקריצט אין מח, אין האַרץ און אין זכרון קיינמאָל דאָס ניט צו פאַרגעסן.

***

ווי געזאָגט, זאָגט דער ייד די סליחות אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק (אויסער אויסנאַמען), קוקט גלייך אין טריפה׳נעם פּרצוף פון די שלעכטע מענטשן און פעלקער און פילט זיך גרויס און שטאָלץ מיט דעם וואָס ער איז אַ ייד, וואָס ער איז ניט קיין אכזר, איז ניט קיין מערדער, קיין באַדריקער ווי יענע אַלע פעלקער ער איז אַ ייד און דאָס איז זיין שטאָלץ.

אויסער די דערמאָנטע „נייע תפלות" און סליחות איז אַ ייד מחויב צו זאָגן אַלע טאָג אין דאַוונען פסוקי דזמרא. פסוקי דזמרא, איז אַ זאַמלונג פון פסוקים פון תנ"ך צו זאָגן אין דאַוונען אָדער אין סליחות. דער מנהג צוזאַמענשטעלן פסוקים פון תנ"ך אין די תפלות איז גאָר אַן אַלטער. די חז"ל רופן עס פסוקי דזימרא (שבת קי"ח), די גאונים האָבן שפּעטער מתקן געווען צו מאַכן די ברכה הבוחר בשירי זמרה נאָך די פסוקי דזמרא.

דער עיקר מיינט מען פסוקי דזמרא די קאַפּיטלען תהלים, די הללויה׳ס ביז נאָך ישתבח.

צו זאָגן פסוקי דזמרא אין דאַוונען, האָט מען גענומען פון אַ מאמר חז"ל. רבי יוסי זאָגט, יהא חלקי מגומרי הלל בכל יום, זאָל זיין מיין חלק אויף יענער וועלט מיט די וואָס זאָגן גאַנץ הלל אַלע טאָג, מאַכט דאָרט רש"י: פסוקי דזמרא המה המזמורים. הללו אל בקדשו, די מזמורים פון תהלים.

די מקובלים פון צפת האָבן אָנגענומען אַז די פסוקים פון תנ"ך, וואָס מען זאָגט אין דאַוונען, זיינען אַ מיטל אַז די תפלות וואָס אַ ייד איז מתפלל זאָלן אָנגענומען ווערן, איבערהויפּט ווען מען זאָגט די פסוקים פון תהלים „שמוש תהלים".

אָט דאָס זיינען יידישע תפלות, אַ זאַמלונג פון אַ סך עטישע, מאָראַלישע און דערציערישע עלעמענטן וואָס האָבן אין דער צייט פון דור דורות דערצויגן יידן אין גוטער יידישקייט.

אַנטהאַלט אויך קאָנצענטרירטע וויכטיקע נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע

געשעעענישן פון דאָס יידישע פאָלק, וואָס פאַרייניקט יעדער יידן באַזונדער מיטן כלל ישראל.

דורך די תפלות איז יעדער ייד געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זיין גאָט און האָט געהאַט אַן אינהאַלט, אַ זין אין זיין לעבן אַלס ייד. האָט געגומען פון די תפלות מיט די פולע הענט גייסטיקן כח, מוט און האָפנונג איבערצוטראָגן די יסורים פון גלות און צו דערלעבן די גאולה שלמה פון היינטיקן טאָג.

קאפיטל זיבן און צוואנציק

די השפעה פון דער יידישער נגינה און קיום היהדות

מוזיק אין אַלגעמיין. מוזיק אַלס שפּראַך. זינגער, שפּילער און דעקלאַמאַטאָרן פון ליטעראַרישע ווערק. מוזיק און ליטעראַטור. די אָפּשטאַמונג פון וואָרט מוזיק. די דריי אַנערקענטע וועלט־מעלאָדיעס. רעליגיעזע געזאַנגען. מוזיק אַ געהילף צו דער שפּראַך. וואָס איז יהדות, גלות נגינה ביז עבודת אלהים אין דער מדבר. חצוצרות. דער ריטם אין דער נגינה. געטלעכער כח אין דער נגינה. דער אינהאַלט פון יידישער שירה. די יידישע אמונה. כלל און יחיד. נגינה ביז צו דער מדרגה פון תורה. תקנות צו לייענען תורה און נביאים אין די שולן און ביחידית. תפילה און נגינה. די נסחאות פון שלש רגלים און פון ימים נוראים. די יידישע פאָרעם פון איבערגעבן נגינה בירושה. אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען: ווי מען האָט געלערנט און גענוצט מוזיק אין כינע, זייערע נעמען און פאָרשטעלונגען. ביי יידן איז דער מענטש וואָס טראָגט די גייסטיקע ירושה, ניט דער אינסטרומענט, נאָר די מוזיק גופא. מוזיק איז ביי די יידן אַ סטימול צו אַ גרויסן ציל. אין גלות האָבן די תפלות פון זיך זעלבסט אַרויסגעגעבן זייער נגינה. נגינות פון קבלת שבת, פון שבת פרי און מנחה. נגינות אין יידישן קאָלעקטיוון און פּריוואַטן לעבן. די השפעה פון דער נגינה אויף דער יידישער גייסטיקער ענערגיע.

מוזיק אין אַלגעמיין איז דער העכסטער פּאָעטישער אויסדרוק פון דער נשמה, איז צוזאַמענגעשטעלט און צוזאַמענגעשמאָלצן פון אוראַלטער, מיטלאַלטער און נייער צייט, וואָס האָט אַ אייביקע ווערט.

מוזיק איז אַ שטענדיקער קוואַל פון גייסטיקער דערקוויקונג און דערפרישונג. וואָס בעסער די טענער זיינען קאָמבינירט, וואָס מער

סיסטעם עס איז דאָ אין זייער צוזאַמענהאַנג, אַלץ בעסער און שטאַרקער אַפּעלירן זיי צו דער מענטשלעכער נשמה.

דער ריטם און האַרמאָניע פון דער מוזיק, זאָגט פּלאַטאָן, דערגרייכט ביז די טיפעניש פון אונדזער נשמה, און לערנט אונדז מיר זאָלן קאָנען אונטערשיידן פון גוטס ביז שלעכטס, פון שיינקייט ביז מאוסקייט אין אַלע זאַכן וואָס רינגלען אַרום דעם מענטשן. מוזיק ברענגט אַרויס דעם געמיטצושטאַנד פון דעם מענטשן. אַזוי, אַז די מוזיק קאָן זיין אַ פריילעכע, אַ ערנסטע, אַ עקזאָטישע און אַ פאַרוויילונג. דאָס העכסטע אין דעם מענטשן און זיין נישטיקייט, זיין גרויסקייט און זיין קליינלעכקייט קען אַמבעסטן אויסגעדריקט ווערן אין דער מוזיק.

די מוזיק וואָס ווערט געשאַפן פון יענער געהיימניספולער קאָמפּליצירטער טיפעניש פון אונדזער נשמה און דריקט עס אויס אין טענער, ריטם און האַרמאָניע, באַצוועקט דאָס זעלבע וואָס די ליטעראַטור, וועלכע שאַפט אירע ווערק דורך ווערטער וועלכע קומען אַרויס פון שכל, וויסן און דענקען.

מוזיק באַגלייך מיט ליטעראַטור, זוכן צו באַרייכערן דעם מענטשלעכן גייסט, באַפרידיקן זיינע גייסטיקע באַדערפנישן און אַספּיראַציעס, וועקן אין דעם מענטשן אינטערעס פאַר העכערע ענינים און אַנטוויקלען אין אים די געפילן פאַר שיינקייט און דערהויבנקייט.

מוזיק פאַרמאָגט אין זיך פיל מער מיטלען פון אויסדרוקן ווי ליטעראַטור, ווייל דורך מוזיק קאָן מען אויסדריקן די אינטימע מענטשלעכע איבערלעבונגען אין זיינע אינטימסטע געפילן, צו וועלכע דאָס וואָרט און דער שכל האָט ניט קיין צוטריט. מוזיק קומט שטענדיק ווען דאָס וואָרט פאַרלירט ווירקונג און אויסדרוק. דאָס וואָס מען קאָן מיט ווערטער ניט אויסדריקן ווערט עס געמאַכט דורך מוזיק, ווי למשל: הויכע אידעען, פאַרבינדן זיך מיט דער געטלעכקייט, מענטשלעכע פרייד, לייד, טרויער, בענקעניש, ליבע, באַגייסטערונג, א״א.

מוזיק איז אַ שפּראַך פון טענער פונקט ווי אַלע שפּראַכן פון ווערטער, און באַגלייך מיט אַלע שפּראַכן האָט אויך מוזיק אַן אייגענעם אלף־בית, אַן אייגענע אָרטאָגראַפיע, אַן אייגענע עטימאָלאָגיע און מעטאָדן צו לערנען, צו קאָנען לייענען און שרייבן קאָרעקט. פאַרמאָגט ווי אַלע שפּראַכן פאַרשידנפאַרביקע דיאַלעקטן און אַ רייכע פאַרצווייגטע ליטעראַטור. דער קאָמפּאָזיטאָר וואָס פאַרפאַסט אַ מוזיקאַלישע ווערק, איז אין פיל הינזיכטן גלייך צום ליטעראַט וואָס שאַפט אַ ליטעראַרישע ווערק, די אַרטיסטן וואָס אינטערפּרעטירן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס דורך זינגען און שפּילן, פירן אויס דאָס זעלבע וואָס די אַרטיסטן וואָס אינטערפּרעטירן אין די טעאַטערס אַ ליטעראַריש ווערק. מוזיק פאַרמאָגט אויך אַ רייכע היסטאָריע, אַ פאַרצווייגטע וויסנשאַפט (פּסיכאָלאָגיע, פיסיאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק) און אַ טיפע פילזייטיקע פילאָזאָפיע.

מוזיק איז א וועלט־שפּראַך, פאַרשטענדלעך פאַר אַלע פעלקער און ראַסן, נויטיקט זיך ניט אין איבערזעצונגען, נעמט אַריין אין זיך אַלע סענסאַציעס פון דעם לעבן פון מענטשן, און דערציילט עס דורך טענער.

מוזיק, זאָגט לוטערא, איז די שענסטע מתנה וואָס גאָט האָט געשאָנקען דער מענשהייט.

מוזיק איז די איינציקע שפּראַך וואָס רעדט פון דעם מענטשנס אונטערבאַוואוסטזיין צו זיין באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין. און אַזוי אַרום ווירקט עס אויף דעם מענטשן צו דערהויבן אים צו העכערע וועלטן ביז צו פאַראייניקן אים צו דער געטלעכקייט. מוזיק איז אַ סוד פון דער יצירה (פון באשאַף) ווי אַלע וויכטיקע שאַפונגען צום גונסטן פון דער מעטשהייט.

דורך פאַרשידענע צוזאַמענשטעלונגען פון טענער, ריטם און האַרמאָניע, האָט דער מענטש דערגרייכט אויסצודריקן געטריי, זיינע אַלע סענסאַציעס פון לעבן, וועלכע זיינען מיט דער צייט געבליבן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזירטער מענטשהייט. די ציווילירטע וועלט האָט עס איינשטימיק אָנגענומען און באַנוצט זיך מיט דעם אין פאָלגענדע פאַלן:

א) צו אויסדריקן די נאַטירלעכע פרייד פון לעבן, די פרייד און עמאָציע פון דער פאַראייניקונג פון צוויי האַרץ־געליבטע, די פרייד פון נחת פון די עלטערן וואָס פירן זייערע קינדער צום אַלטאַר, צו דער חופה, די האַרציקע באַגריסונגען פון פריינט און גוטע פריינט, די צעשראַלטע האָפענונג אין דער צוקונפט פון די האַרץ־געליבטע, האָט די וועלט אָנגענומען צו שפּילן ביי דער געלעגנהייט מענדעלסאָנס חופּה־מאַרש, אַלס די אויטענטישע עמאָציאָנעלע אויסדריקן פון די געפילן פון חתן־כלה און פון די וואָס באַגלייטן זיי צום אַלטאַר.

הערנדיק שפּילן מענדעלסאָנס חופּה־מאַרש, דערשיינט פאַר אונדז די פרילינגס זון פון אַ ליכטיקן פרימאָרגן. אונדזערע געפילן ווערן עמאָציאָנירט פון דער פּרעכטיקער האַרמאָנישער צוזאַמענגעבונדנקייט פון די טענער מיט דעם פעסט געמאָסטענעם ריטם, וואָס מאַכט די טריט פון חתן־כלה פעסט און זיכער צו דער ווייטער גליקלעכער צוקונפט.

די הערצער ווערן ברייטער, די פולסן קלאַפּן שטאַרקער, דער גאַנצער וועזן ווערט פאַרפולט מיט שמחה; דאָס לעבן ווערט זיס און יום־טובדיק, דער גאַנצער אַרום ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַטמאָספער פון ליבע און פריינטשאַפט; גוטע וואונטשן און אויפריכטיקע האַרציקע ברכות פילן אָן דעם אַמביענט, ווי מיט דער פערפום פון פרישע בלומען. דער מענטש פאַרגעסט זיך און ווערט באַהערשט פון אויפריכטיקער פרייד און דריקט עס אויס אין ריטמישע קערפּערלעכע באַוועגונגען און טאַנצן...

ב) צו דערגרייכן אַן אויפריכטיקן חשבון־הנפש. צו דערגרייכן גייסטי־
קע אויסגעלייטערטקייט, גוטסקייט, צוגעלאָזנקייט, אויפריכטיקע ליבע,
מיטגעפיל און ברידערלעכקייט, האָט די וועלט אָנגענומען צו שפּילן ביי
אַ טויט פאַל אָדער ביי פונעראַלע דערמאָנונגען פון גרויסע פּערזענלעכ־
קייטן, שאָפּענס טרויער־מאַרש, אַלס דער אויטענטישער אויסדרוק פון
די דערמאָנטע סענטימענטן. הערנדיק שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש,
פילט מען ווי די איינפאַכע טענער זיינען אַזוי געניאַליש צוזאַמענגעבונדן
מיטן ריטם און האַרמאָניע, אַז זיי דרינגען אַריין טיף אין אונדזער נשמה
און רופן אַרויס אין אונדזער פאַנטאַזיע פאַרשידענע בילדער פון לעבן
און טויט... דאָס האַרץ ווערט שטאַרק צוזאַמענגעדריקט פון דעם אומעט
וואָס כאַפּט אַרום אין דער אָנוועזנהייט פון טויט. אַ געפיל פון מיטלייד
צו זיך און צו די נאָענטע דרינגט אַריין אין אַלע גלידער, מען פילט די
נישטיקייט און אומבאַהאָלפנקייט פון אונדזער דאָ זיין. זעענדיק פאַר
זיך דאָס אומפאַרמיידלעכע — דעם טויט, עפענען זיך די איידעלע געפילן
פון די מענטשן, ווי די בליאונג פון אַ צייטיקע בלום און מען ווערט צוגע־
לאָזענער, האַרציקער, ווייכער און בעסער...

ג) צו אויפוועקן די פּאַטריאָטישע געפילן פון דער מאַסע אין דער
צייט פון נאַציאָנאַלער עמערגענץ און אַריינברענגען זיי אין עקסטאַז, אַז
זיי זאָלן פרייוויליק לויפן צום קאַמף קעגן שונא מיטן גאַנצן ברען פון
זייער נשמה און קעמפן ביז מסירת נפש פאַר זייער לאַנד, אמונה און
אידעען, האָט די וועלט אָנערקענט און אָנגענומען די פראַנצויזישע מאַר־
סיליעזע, ווייל הערנדיק שפּילן אָדער זינגען די וועלט־באַרימטע פראַנצוי־
זישע נאַציאָנאַלע ליד, די „מאַרסיליעזע", פילט מען ווי די בלוט אין אונ־
דזער קערפּער הויבט אָן צו זידן און קאָכן. דער פּלוס קלאַפּט שטאַרקער
און שטורעמדיקער, דאָס האַרץ פאַרפולט מיט שטורעמדיק בלוט ווערט
גרעסער, די אָדערן ווערן אָנגעצויגן, די מוסקולן פאַרהאַרטעוועט, די נער־
וון ווערן פאַרוואַנדלט אין שטאָל, און מען לויפט שרעקלאָז צום קאַמף,
צו באַקעמפן די יעניקע וועלכע האָבן געוואַגט אָנצורירן די סואווערעני־
טעט פון פאָלק און לאַנד, אָדער געוואָלט צוטרעטן און פאַרשוועכן די
אמונה אָדער אידעען...

ד) צו דערנענטערן דעם מענטשן צו זיין גאָט און איינצופלאַנצן אין
אים (מענטשן) גוטע מדות, מענטשן־ליבע און אמונה און בטחון, האָט
די מענטשהייט אָנגענומען די זיסע נגינה מיטן מילדן ריטם — די רע־
ליגיעזע געזאַנגען, צו באַקליידן די תפילות און הימנען מיט וועלכע דער
מענטש ווענדעט זיך צו זיין גאָט. די נגינה איז טיפער און פילנדיקער
פון אַלע דערמאָנטע נגינות, דאָס זיינען האַרציקע טענער מיט אַ מילדן
ריטם, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ הייליק געזאַנג ווען זיי באַגלייטן
די געבעטן פון דעם מענטשן צום כסא הכבוד. אָט די הייליקע געזאַנגען

גיסן אריין קדושה אין דעם הארץ פון דעם מענטשן, לויטערן זיינע מחשבות און זיינע געפילן און דערנענטערן אים צו גאט. צו קאנען אנהאלטן אין פאלק, אין די מאסן, די אלע וויכטיקע טראדיציעס, מנהגים, גוטע מדות, סאציאלע דערגרייכונגען, סאציאלע ענדערונגען, דערציערישע ווערטן און אידעען, האט די מענטשהייט די אלע דערמאנטע קעגנשטאנדן באגלייט מיט מוזיק, ווייל מוזיק העלפט דער שפראך און צעמענטירט עס אין זכרון צו האלטן עס לאטענט אין פאלק.

***

דאס יידישע פאלק האט מקדמונים געשאפן זיינע אייגנארטיקע נגינות צו יעדער קעגנשטאנד פון זיינע גייסטיקע שאפונגען, און אזוי ארום עס צעמענטירט ווי מעגלעך שטארק און זיכער פאר די קומענדיקע דורות.

אין די נגינות זיינען ניטא קיין ריטם פון אנגריף, פון בלוטדורשטיקייט און פון אויסגעלאסנקייט ווי ביי אנדערע פעלקער. ביי יידן איז קיינמאל קיין קריגערישער גייסט ניט פארהערלעכט געווארן.

אין די ערשטע צייטן, ווען זיי האבן זיך באזעצט אויף זייער לאנד, זיינען עס געווען ד י ש ו פ ט י ם (ריכטער), וואס האבן אנגעפירט מיט דער פארטיידיקונג פון לאנד און פאלק קעגן שכנים־פעלקער אנגרייפער, האבן געמשפט און געלערנט די יידן צו לעבן זייער אייגנארטיקן לעבן, זיך צו דערווייטערן פון בלוט־פארגיסונג, עבודה־זרה און אויסגעלאסנקייט. אזוי ווערן דערמאנט אין דער יידישער געשיכטע : אהוד, ברק בן אבינעם, דבורה הנביאה, גדעון, יפתח, שמשון און אנדערע.

דוד מלך ישראל, דער פאקטישער גרינדער פון מלכות ישראל, האט ניט געקאנט בויען דעם בית־המקדש ווייל ער האט פארגאסן א סך בלוט אין די מלחמות מיט די שכנישע פעלקער. לא תבנה בית לשמי כי דמים רבים שפכת ארצה לפני. גאט האט אים געזאגט : דו וועסט ניט בויען א שטוב פאר מיר, ווייל דו האסט פארגאסן א סך בלוט (דברי הימים א׳, כ״ב). אויף צו בויען דעם מזבח איז געווען פארבאטן צו באארבעטן די שטיינער מיט אייזערנע געצייג, ווייל פון אייזן מאכט מען געווער צו מארדן.

דער נצחון פון די מכבייער איבער די גריכן, האט מען פארוואנדלט אין : נס חנוכה. יהודה המכבי ווערט ניט פארהייליקט אלס מלחמה־העלד, נאר אלס טראדיציאנעלער ייד, וואס האט געקעמפט און זיך מקריב געווען פאר זיין גאט, פאלק, פרייהייט, אייגנארטיקייט און המשך.

יידישע נגינה איז שטענדיק געגאנגען האנט ביי האנט מיט יידישער מחשבה און האט עס פארפעסטיקט לדורות. אלץ וואס עס איז פארגעקומען אין יידישן לעבן האט זיך בולט אפגעשפיגלט אין דער נגינה, און איז איבערגעגעבן געווארן צו די קומענדיקע דורות זינגענדיק.

ווען דאָס יידישע קינד איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון חדר אָדער תּלמוד־תּורה, האָט מען אָנגעהויבן צו לערנען מיט אים דעם אלף־בית, זינגענדיק. אַזוי אויך שפּעטער — דאַוונען, לערנען חומש מיט רש"י, מעביר זיין די סדרה פון דער וואָך, הפטרה, די פינף מגלות: רות, שיר השירים, אסתּר, קהלת און איכה; שבועות — אקדמות. אין די שולן און בתּי מדרשים, די ספּעציעלע נוסחאות התּפלה, פון וואָך, שבת, ימים טובים און ימים־נוראים. אין די ישיבות האָט מען געלערנט גמרא און הלכה, זינגענדיק.

אויף יידישע שמחות האָט מען געשפּילט האַרציקע נגינה מיט אַן אייגנאַרטיקן ספּעציפישן יידישן ריטם פול מיט התלהבות, מיט עקסטאַז און געזונגען בצבור (אוניסאָנאָ), חסידישע נגונים אָדער נגונים מיט ווערטער פון תּפלות, ווי: שבענו מטובך, ושמח נפשנו בישועתך, וטהר לבנו ועבדך באמת, א"א.

אין קיין איינער פון די דערמאָנטע נגינות איז ניטאָ קיין ריטם פון אָנגריף און פון קאַמף, נאָר ריטם וואָס פאַרשאַפט מנוחת הנפש, באַרואיקט די נערוון און רופט אַרויס אין אייניקע פאַלן התלהבות און עקסטאַז. ווען מען נעמט צוזאַמען די אַלע יידישע נגינות פון די אַלע קעגנשטאַנדן און מען זינגט אָדער מען שפּילט זיי, באַקומט מען דעם איינדרוק, ווי מען האָט פאַר זיך אַ בוקעט בלומען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע קאָלירן און אַראָמאַטן, וואָס האַלטן צוגעשמידט אונדזערע חושים צו געניסן און צו באַוואונדערן.

די געשאַפענע יידישע נגינה האָט אַ גרויסע השפּעה אין קיום היהדות אין דער עקזיסטענץ פון יידישקייט.

צו ערשט, אַ דערקלערונג וואָס איז אייגנטלעך יידישקייט (יהדות) צו קענען דעפינירן די השפּעה פון דער נגינה אין אָנהאַלטן לאַטענט און פּערמאַנענט דאָס יידישקייט.

יידישקייט, איז די גייסטיקע ענערגיע פון יידישן פאָלק, אָנהויבנדיק פון טאָגטעגלעכער באַשעפטיקונג ביז רעליגיעזע פליכטן, און נעמט אין זיך אַריין אַלע יידישע שאַפונגען פון די אַלע יאָרהונדערטער פון איר עקזיסטענץ, איז אויך די איבערגעגעבנקייט און צוגעבונדנקייט צו גאָט אָן אַ פאַרוואָס. די נשמה פון יידישקייט איז די ציכטיקע אמונה אין גאָט. די אַלע געשאַפענע דינים און אָנגענומענע מנהגים זיינען ניט מער ווי די קליידונג פון דער נשמה.. יידישקייט איז דער אומבויגזאַמער גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַ הערגלויבן באַחרית הימים פאַר אַלע פעלקער, איז אויך דער אומצושיידבאַלעכער הייליקער בונד צווישן ייד און זיין גאָט, צווישן ייד און זיין לאַנד, צווישן ייד און זיין תּורה, וואָס קומט צום אויסדרוק אין תּורת משה, נביאים, תּלמוד, הלכה הגדה, מדרשים, ספרות הרבנים והגאונים, קבלה און חסידות, וואָס האָבן אָפּגעהיט די אינערלעכע גאַנצקייט פון דעם

יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישער עקזיסטענץ זייט טויזנטער יאָרן.

מען מוז זיך אויך באַקאַנען מיט דער יידישער גלות נגינה אין אַלע אירע עטאַפּן, כדי צו דעפינירן די ראָל וואָס די נגינה האָט געשפּילט אין קיום היהדות (אויף אויפהאַלטן די יידישקייט). מען מוז צו דעם צוועק פאַראייניקן די קלאַנגען פון דער לעצטער יידישער גלות נגינה, מיט די ערשטע יידישע פּרימיטיווע טענער געשאַפענע אין מדבר, נאָך יציאת מצרים.

מען דאַרף צו־וויקלען דעם קנויל פון דער יידישער נגינה פון אַלע גלותן, אָנפאַנגענדיק פון רוסלאַנד און ציען דעם פאָדים דורך פּוילן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניע, פּערסיע, בבל, תימן, ארץ־ישראל, און פון דאַנען נאָכגיין דעם קלאַנג פון דער יידישער נגינה, ביז — די ערשטע עבודת אלהים אין דער מדבר. דאָרט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, געפינען מיר דעם ערשטן יידישן מוזיקאַלישן אינסטרומענט, וואָס איז געווען דער פאַרבינדער צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל.

והרעיתם בחצוצרות, ונזכרתם לפני א״ד אלהיכם, אז איר וועט שאַלן אין די חצוצרות, וועט איר דערמאָנט ווערן פאַר גאָט(במדבר י׳) און וביום שמחתכם ומועדיכם, ובראשי חדשיכם, ותקעתם בחצוצרות על עול־תיכם ועל זבחי שלמיכם, והיו לכם לזכרון לפני א״ד אלהיכם (במדבר י׳) אין די טעג פון אייער פרייד, ימים טובים און אָנפאַנג פון די חדשים, זאָלט איר שאַלן אין די חצוצרות, וועט עס זיין פאַר אייך אַ דערמאָנונג פאַר אייער גאָט. און אונטערגעשריבן: אני א״ד אלהיכם, איך בין גאָט אייער גאָט.

חצוצרות, איז אַ מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרומענט געמאַכט פון זיל־בער, גיט אַרויס פון זיך פאַרשידענע טענער, לויט די אָנשטרענגונגען פונעם שפּילער.

טאָן, טענער, איז אַ סענסאַציע וואָס מען פילט דורכן געהער און פון געהער ווערן די טענער איבערגעגעבן דורך אַ ספּעציעלן נערוו צום צענטער פון מח, פון וואַנען ער דערגייט צו אונדזער באַוואוסטזיין.

די לופט איז פול מיט פליסיקע און האַרטע קערפּערס, וואָס זייערע באַוועגונגען ברענגען אַרויס טענער. די באַוועגונגען פון די קערפּערס קאָנען אַרויסגערופן ווערן דורך דעם מענטשנס שטימע, זינגענדיק, אָדער דורך מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, שפּילענדיק. דער פּילבאַרער מעכאַ־ניזם פון אונדזער געהער, כאַפּט עס לייכט אויף און גיט עס איבער צו אונדזער באַוואוסטזיין.

לויט דעם ריטם, וואָס די באַוועגונגען נעמען אָן (שטאַרק און שוואַך) ישנעל און לאַנגזאַם) קאָנען מיט די טענער וואָס זיינען גוט צוזאַמענגע־בונדן ,באַרואיקן אונדזער געמיט־צושטאַנד אָדער אונדז אויפרעגן.

די ווירקונג פון די פאַרשידענע באַוועגונגען פון דעם ריטם, ווירקן דירעקט אויף אונדזער אינטעלעקט, געפילן און אויף אונדזערע נערוון, און דערפאַר קאָן מען מיט אַ מילדן ריטם אַריינגיסן אין אונדז קדושה און

דערנענטערן אונדז צו גאָט, אָדער מיט אַ שאַרפן ריטם אַריינגיסן אין אונדז טומאה און דערנענטערן אונדז צום טייוול.

ווען די יידן זיינען געווען אין דער מדבר האָבן די טענער פון די חצוצרות זיי דערנענטערט צו גאָט (זע אויבן) און פון דאַן, ווען די יידן ווילן זיך דערנענטערן צו גאָט דורך תפלה, סליחה, תחינה און בקשה, טוען זיי עס דורך ווערטער קאָמבינירט מיט טענער — מיט נגינה.

*****

צוליב דער אידעע פון אחדות הבורא (מאָנאָטעאיזם) האָבן די יידן קולטיווירט נאָר די צוויי קעגנשטאַנדן, שירה און זמרה, (פּאָעזיע און מוזיק) און האָבן עם געהייליקט צו זיין די פאַרמיטלער וואָס פאַראייניקן דעם יידן מיט זיין גאָט.

אין נגינה האָט זיך פאַר די יידן פון יענער צייט אַנטפּלעקט אַ געטלעכער כח, ויהי קול השופר הילך וחזק מאד, און דער קול פון שופר האָט זיך זייער געשטאַרקט. משה האָט גערעדט, משה ידבר, והאלהים יעננו בקול, און גאָט האָט אים געענטפערט מיט אַ שטימע (מתן תורה שמות יתרו י״ט, י״ט).

אָט דער געטלעכער כח האָט געווירקט אויף די יידן צו מאַכן זיי איידעלער, אָרענטלעכער, בעסער און האָט זיי ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן צו זייער גאָט.

אין שירה, פּיוטים, סליחות און תפלות וואָס זיינען קאָנאָניזירט אין די סדורים, מחזורים, סליחות און קנות, זיינען קאָנצענטרירט די עסענצן פון יידישקייט (יהדות), רגש טוב, רחמנות, צדקה, יושר, מדות טובות, אהבת המקום, אהבת הבריאות, אמונה און בטחון, ליבע צו לערנען תורה און דער חוב צו דערציען דעם יונגן דור אין גוטער יידישקייט (זע אויבן).

די אַלע קעגנשטאַנדן ווערן אויסגעדריקט אין די טיילן פון תורה, נביאים, אגדה, הלכה און תלמוד, וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין די סדורים, כדי דער ייד זאָל עס זינגען און דאַווענען אַלע טאָג.

די שירה איז ביי די יידן באַהעפט געוואָרן מיטן געטלעכן כח פון זמרה אוןביידע כחות שטרעבן צו דערנענטערן דעם ייד צו זיין גאָט און באַהעפטן זיך צו אים. און אַזוי ווי געטלעכקייט איז אייביק און דער ייד מיט זיין יידישקייט זיינען באַהעפט מיט דער געטלעכקייט, זיינען זיי אויך אייביק.

די יידישע אמונה איז פון מתן תורה באַשטימט געוואָרן פאַרן גאַנצן פאָלק אַלס אַ גאַנצע, והיה, אם שמע תשמעו אל מצותי...ונתתי מטר ארצכם בעתו... און אז איר וועט זיך צוהערן צו מיינע פאַרזאָגן... וועל

איך געבן דעם רעגן פון אייער לאַנד אין דער צייט... (קריאת שמע) פאַרן יחיד האָט די תורה געזאָגט: כי עפר אתה ואל עפר תשוב, ערד ביזטו און צו ערד וועסטו זיך אומקערן (בראשית ג'), די באַלוינונג פאַר מצוות און מעשים טובים איז רעגן אין דער צייט, גוטע גערעטעניש, גראָז אין פעלד פאַר די בהמות און עסן צו זעט...

אין גלות זיינען צוגעקומען צו די באַלוינונגען פאַרן אויספאָלגן גאָטס פאַרזאָגן (מצוות) גאולת העם והארץ אין ביאת המשיח.

***

די יידישע אמונה, וואָס איז אויסגעבריייטערט געוואָרן פון, דת משה וישראל און האָט באַקומען דעם נאָמען: יהדות (יידישקייט), איז דער גייסטיקער כח, דער עמוד אש, וואָס יידן באַזיצן צו קאָנען אויסטרעטן זייער אייגענעם וועג און לעבן זייער אייגנאַרטיקן יידישן לעבן צווישן פעלקער.

די חכמים האָבן דערפאַר דערהויבן די יידישע נגינה צו דער מדרגה פון תורה, תורה מן השמים און די נוסחאות התפלה זיינען אויך מן מש־מים (נוסחאות התפלה נתנה למשה מסיני...)

כדי צו צעמענטירן אין זכרון פון דעם יידישן פאָלק דעם יהדות, עס זאָל זיין אַ אייביקייט, האָט מען מתקן געווען צו זינגען תורה (די סדרה פון דער וואָך) שנים מקרא ואחד תרגום, אַלע שבת, צוויי מאָל זינגען דעם טעקסט און איין מאָל תרגום (פאַרטייטשט אויף אַראַמעאיש) כדי צו געדענקען און אויסצופאָלגן אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין דער תורה. חוץ תורה האָט מען געזונגען די הפטרה (אַ קאַפּיטל פון נביאים) פון דער וואָך, כדי עס זאָל זיין לאַטענט ביי יידן דער געפיל פון צדק, יושר און משפט, דער געפיל פון ריינער יידישקייט, פאַר וועלכע די נבי־אים האָבן געקעמפט. דער ציל פון דער נגינה איז צו מאַכן אַריינדרינגען און צעמענטירן אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם יידן די הייליקע און נאָ־בעלע אידעען. פון יידישקייט.

דערפאַר איז יעדער תפלה, פיוט און סליחה דורכגעדרונגען מיט זייערע באַשטימטע מעלאָדיעס, נוסח, סטיל און גוסט. צו זינגען ביים דאַוונען אין די שולן און בתי מדרשים. די מעלאָדיעס זיינען ניט קיין סתם נגונים, גענומען פון גאַס, נאָר זיינען מקדמונים צוגעפאַסטע צום אינהאַלט פון די ווערטער פון די תפלות און כאַראַקטער פון יום־טוב. דער ייד זינגט ניט זיינע תפלות אין די שולן ביים דאַוונען כדי צו רופן מער עולם צום דאַוונען. דער ייד זינגט זיינע תפלות, ווייל דאָס זינגען זעלבסט איז ביי אים די עבודת הקדש, מיט וועלכער ער דערנענטערט זיך צו זיין גאָט.

דער נוסח פון דאַווענען פון די טעג פון פסח, שבועות און סוכות, טראָגט אין זיך קערנער פון דער אַלטער יידישער נגינה, וואָס די לויים האָבן אַמאָל געזונגען אין בית המקדש. מען פילט אין דער מעלאָדיע און אין דעם רואיקן מילדן ריטם, די זעלישע רואיקייט און נאַטירלעכע פרייד, מיט וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט געפייערט זיינע ימים טובים אין זיין לאַנד. אין יעדער תנועה און אין יעדער פראַזע פילט מען דעם ושמחת בחגיך, די פרייד פון די אַגריקולטור ימים־טובים, דעם ריח השדה פון ארץ ישראל.

דער נוסח פון ימים נוראים, די נגונים און ריטמען מיט וועלכע מען זינגט די תפלות פון ראש השנה און יום כפור, איז די אָפּשפּיגלונג פון דער ברייטקייט, זיכערקייט און רואיקייט, אין וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט אין זיין לאַנד, ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען אויף זיין הויך.

עס הערט זיך נאָך אין דעם אַלגעמיינעם נוסח (אויסער די תפלות און פיוטים וואָס זיינען צוגעקומען אין גלות), דער אָפּקלאַנג (עכאָ) פון די געזאַנגען פון די לויים ווען מען האָט אָפּגעריכט די עבודה אין בית המקדש, בקדושה ובטהרה, וואָס וויקלט איין אין קדושה די מתפללים און די שולן אין גלות.

צוליב דער וויכטיקייט פון נגינה ביים יידישן פאָלק, צוליב דעם הונגער פון יידישן געהער נאָך נגינה, איז ניטאָ קיין תפלה אָן נגינה, און ניט נאָר תפלות, נאָר אויך דאָס לערנען תורה און אַלעס וואָס געהערט זיך אָן מיט יידישקייט ווערט געזונגען ביי יידן.

די אַלע נגינות זיינען איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור צוזאַמען מיט יידישקייט, (יהדות) אין דער ספּעציעלער יידישער אייגנטרטי־קער פאָרם פון איבערגעבן גייסטיקע ירושות. מען האָט זיך געפירט יידיש, מען האָט אָפּגעהיט יידישקייט, קינדער האָבן זיך איינגעלעבט אין דעם אַמביענט און האָבן עס פאַרגעזעצט ווען זיי זיינען געוואָרן גרויסע און אַזוי לדור דורות.

דער סיסטעם צו לערנען תורה, נביאים, כתובים און תלמוד איז געווען זינגענדיק. מען האָט געזונגען לערנענדיק, אָדער געלערנט זינגענדיק אין די חדרים, ישיבות און בתי מדרשים. אַלץ וואָס איז יידישקייט האָט מען געזונגען: געזונגען דאָס געשריבענע און דאָס געזאָגטע, ווייל ווי געזאָגט, האָט זיך ביים באַרג סיני אין נגינה אַנטפּלעקט פאַר די יידן אַ געטלעכער כח, און דער געטלעכער כח וואָס איז אייביק, האָט מיטגעהאָלפן דעם יהדות צו אייביקייט.

ביי די אומות העולם איז דאָס איבערגעבן זייער גייסטיקע ירושה צו זייערע קומענדיקע דורות גאָר אַן אַנדערע. זיי מאָלן אויף לייוונט אָדער האָלץ זייער אַרט לעבן און טראַדיציעס, זיי גיסן עס פון בראָנדז, צינק און אייזן און האַקן עס אויס אין שטיין און גראַניט.

געפינט מען יענע ירושות אין די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען וואָס מען מאַכט צו דעם צוועק. דאָס געפונענע אין דער טיפעניש פון דער ערד, אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט די שאַפונגען און אַרט לעבן פון הונדערטער פאַרגאַנגענע דורות, זייערע קליידער, זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אַגריקולטור-געצייג, זייערע געטער, זייערע טענץ, קריגס מכשירים אא״וו. דאָס מאַטעריעלע האָט מען פאַראייביקט אין נאַטירלעכע מאַטע־ריאַלן, וועלכע די מאַמע ערד האָט צוגעדעקט און אָפּגעהיט לדורות, אָבער דאָס גייסטיקע האָט זיך אויסגעוועבט און פאַרלאָרן געגאַנגען.

פון די אויסגעגראָבונגען ווייסט מען כמעט אַלע מוזיקאַלישע אינס־טרומענטן וואָס די אַלטע פעלקער האָבן באַנוצט ביי זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס אין זייערע טעמפּלען, אָבער די מוזיק וועלכע מען האָט גע־שפּילט אויף די אינסטרומענטן ווייסט מען נים.

מען ווייסט למשל, אַז אין כינע האָט מען באַנוצט געשריבענע מוזיק מיט לערך 2500 יאָר פאַר דער נייער צייט רעכענונג, מען ווייסט אויך אַז ביי זיי איז געווען דאָס לערנען מוזיק אין די שולעס אָבליגאַטאָריש, פונקט ווי דאָס לערנען לייענען און שרייבן און אַנדערע געגנשטאַנדן. מען ווייסט אפילו די נעמען פון זייערע נאָטן: קייסער, מיניסטער, לערער, ריכטער, גענעראַל, א״א, אָבער די מוזיק זעלבסט צו קאָנען עס נאָכזינגען אָדער נאָכשפּילן, דאָס ווייסט מען ניט. מען ווייסט, אַז ביי זיי איז די מוזיק געווען די פאַרשטעלונג פון דער פאַראייניקונג פון הימל מיט דער ערד, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצע מוזיקאַלישע סיסטעם און טעאָריע... אָבער אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען פאַר די קומענדיקע דורות. מעגלעך מען וועט אַמאָל געפינען טיף אין דער ערד, זייערע מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן, אָבער קיינמאָל ניט זייער מוזיק...

פון די קלאַסישע גריכן איז געבליבן זייערע סטאַטועס, געטער פון מוזיק, זייער רייכע טעאָריע פון מוזיק, אָבער ניט די מוזיק זעלבסט.

ביי ייִדן איז דאָ אַ אימפּעראַטיוו פון באַרג סיני, לא תעשה לך פסל וכל תמונה (שמות כ״ד), זאָלסט זיך ניט מאַכן קיין סטאַטועס און קיין בילד, האָט מען געזוכט דעם מענטשן וועלכער זאָל טראָגן די גייסטי־קע ירושה פון דור צו דור. דערפאַר געפינט מען ניט אין די אויסגראָבונ־גען די בילדער פון פילע ייִדישע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ״ך. מען האָט פאַר זיך די ייִדישע מוזיק זעלבסט צעשפּרייט אויפן גאַנצן ערד־קיילעך, בכל תפוצות ישראל. ווייל מוזיק מיט איר געט־לעכן כח איז געווען און איז נאָך היינט צו טאָג, אַ מיטל צו אַ גרויסן היי־ליקן צוועק. און דאָס איז: אָפּצוהיטן דאָס גאַנצקייט פון דעם ייִדישן פאָלק, און אָפּצוהיטן דאָס ייִדישקייט, און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַלע צייטן ביז היינטיקן טאָג.

פאַר דער גאַנצער צייט פון לעצטן גלות, זיינען צוגעקומען אין דער ייִדישער ליטורגיע אַ סך תפלות, סליחות און פיוטים, וועלכע פאַראיי־

ביקן דעם יידישן צער און צאָרן פון דורות מאַרטירערטום, און מען זינגט עס אין די שולן אין באַשטימטע טעג. די מעלאָדיעס צו די תפלות האָבן די ווערטער זעלבסט געשאַפן: יעדער אינהאַלט פון די תפלות האָט זיין נגון געשאַפן. יידן האָבן דעם נגון אויפגענומען, ווייל עס איז ריין יידיש, ווייל נגינה איז די הערלעכע מתנה וואָס גאָט האָט זיי געשאָנקען, און די מתנה אַ צעוויקלטע, אַ צעבליטע צוזאַמען מיט די תפלות ברענגען זיי פאַר גאָט.

נגינה האָט משפיע געווען אויף דער יידישער גייסטיקער ענערגיע, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה פון פערפעקציע, צו קאָנען ברענגען צום אויסדרוק אַלע יידישע שאַפונגען פון דורות פאַר דורות, און דאָס איז די דירעקטע השפעה פון דער נגינה אין קיום היהדות.

צווייטער טייל

קאפיטל איינס

תהלים

ספר תהלים. תהלים דער בעסטער יידישער פריינד. וואָס די מענטשהייט וואָלט זיך דערוואוסט ווען דער תהלים וואָלט געקאָנט רעדן. חנוכת הבית פון ערשטן בית המקדש. די יידישע דראַמע: גלות'ן. תהלים אַלס טרייסט און האָפע־נונג פאַר די יידן אין גלות. תהלים ווי אַ פאַרמיטלער צווי־שן גאָט און די יידן. תהלים אין דאַוונען. תהלים זאָגן ביי יידן ווי תורה לערנען. חברות תהלים צו זאָגן אַלע טאָג אַ יום תהלים.

דער ספר תהלים איז צוזאַמענגעשטעלט פון מזמורים, הימנען, תפלות און שירים וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל אין פאַר־שידענע צייטן און פון פאַרשידענע מחברים, ווען דאָס יידישע פאָלק איז געזעסן סטאַביל אויף זיין לאַנד. דער מסדר פון תהלים זאָל האָבן געווען עזרא הסופר, 420 יאָר לערך, פאַר דער נייער צייט־רעכענונג. ער זאָל עס זיין דער וואָס האָט צוזאַמענגעקליבן אין איין באַנד די אַלע מזמורים, הימנען, תפלות און שירים וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט אין פאָלק.

לויט דער מסורה איז דער תהלים צוזאַמענגעשטעלט פון די מזמורים און הימנען וואָס דוד המלך מיט זיינע משוררים האָבן געשאַפן.

דער ספר תהלים איז איינגעטיילט אין פינף טיילן, אַ נאָכמאַכונג צו די חמשה חומשי תורה. אַנטהאַלט 150 קאַפּיטלען און איז אַ טייל פון כתובים. איז געזאָגט געוואָרן מיט צען זאָג פון שבח: נצוח, נגון, מזמור, שיר, אשרי, תהלה, תפלה, הודאה און הללויה (פסחים קי״ז).

דער ספר תהלים ווי מיר האָבן עס פאַר זיך, איז דער אייציקער האַרציקער און קלוגער פריינד, וואָס האָט באַגלייט די יידן אין זייער לעבנס־וועג, אָנפאַנגענדיק פון די צייטן ווען די יידן זיינען געזעסן רואיק

אויף זייער לאַנד, ווען מען האָט געזונגען די מזמורים אין דעם פּראַכטפולן טעמפּל, און אויך פאַר דער גאַנצער צייט פון די שווערע איבערלעבונגען אין ארץ־ישׂראל ביז נאָכן צווייטן חורבן און דורך די לעצטע צייטן פון דעם ביטערן און פינצטערן גלות מחוץ פון ארץ־ישׂראל.

ווען דאָס קליין ספרל וואָס אַנטהאַלט, ווי געזאָגט, אין גאַנצן 150 קאַפּיטלעך, וואָלט געקאָנט רעדן און דערציילן פון אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין דערשיינונג ביז היינטיקן טאָג, וואָלט די גאַנצע מענטשהייט איבעראַשט און פאַרוואונדערט געוואָרן פון דעם אומגעהויערן גייסטיקן כח פון אויסדויער, אמונה און בטחון וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט, ווייל אין אַלע פאַלן וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיטן יידישן פאָלק אַלס גאַנצע אָדער מיט קהלות און יחידים, האָט מען זיך געווענדעט צום תהלים, און ווי פאַר אַ געטרייען חבר אויסדערציילט אַלע זייערע שווערע איבערלעבונגען. דורך די מזמורים פון תהלים, האָט אויך דער ייד פּערזענלעך איבערגעגעבן צו גאָט זיינע תפלות, בקשות, האָט אויסדערציילט פאַר אים זיינע יסורים און פּיין און האָט זיך אָנגעפילט מיט דער איבערצייגונג אַז ג׳ הערט אים און וועט אים העלפן.

עס וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער מענטשהייט יענע וואונדערבאַרע בילדער פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ יונג רואיק געזיטעט פאָלק וואָס האָט זיך ערשט באַזעצט אויף זיין לאַנד, האָט געפייערט מיט אַזוי פיל פּראַכט און גלאַנץ, מיט אַזוי פיל עקסטאַז און פרייד די דערעפענונג פון זיין ערשטן טעמפּל, זינגענדיק די מזמורים און הימנען פון תהלים.

דער חנוכת הבית פון 1־טן טעמפּל

ביי דער אָנוועזנהייט פון זייער קלוגן קעניג שלמה, דער קלוגסטער פון אַלע מענטשן, מיט זיינע אַלע הויכע רעגירונגס־באַאמטע, צוזאַמען מיט די עלטסטע פון די צוועלף שבטים און דאָס פאָלק, ווערט דער ארון האלהים אריינגעטראָגן אין טעמפּל, דורך די כהנים און לוים. דער מאָמענט איז העכסט עמאָציאָנירנד: כאָרן זינגען און אָרקעסטערס שפּילן די מזמורים און הימנען פון דעם ערשט פאַרשטאָרבענעם געליבטן קעניג דוד, פון דעם נעים זמירות ישׂראל, דער וואָס האָט פאַרזיסט די יידישע געזאַנגען. דאָס פאָלק יובלט, דער גאַנצער אַרום איז אָנגעפולט מיט עמאָציע און הייליקע פרייד.

עס דערהערט זיך דער קול פון שופר, וואָס מאַכט וויסן אַז דער קעניג גייט האַלטן די דערעפענונגס־רעדע פון דער גרויסער פייערונג.

אַלץ אַרום ווערט שטיל, אַלע שטייען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געווענדעט צום קעניג. און דער קעניג, אָנגעטון אין זיינע גאַלאַ־קליי־

דער, אַ באַגייסטערטער, פול מיט עקסטאַז, שטייט אויף די קני לעבן מזבח אַנטקעגן זיין פאָלק, די הענט צעשפּרייט, די אויגן געווענדעט צום הימל און רעדט צו גאָט, און בעט: „זאָלסט הערן דעם געזאַנג און די תפלה וואָס איך בין היינט מתפלל פאַר דיר, זאָלסט הערן מיין געבעט און דאָס געבעט פון דיין פאָלק ישראל וואָס וועלן מתפלל זיין פאַר דיר אין דעם טעמפּל. אַלץ וואָס וועט טרעפן דעם כלל ווי דעם יחיד, אויב זיי וועלן זינדיקן איינער קעגן צווייטן אָדער קעגן דיר, און זיי וועלן קומען אין דעם טעמפּל דיר צו בעטן. זאָלסט הערן פון הימל, זאָלסט זיי משפּטן, זאָלסט זיי העלפן און זאָלסט זיי מוחל זיין. און אויך ווען אַ פרעמדער וואָס איז ניט פון דיין פאָלק, וועט קומען פון אַ ווייטן לאַנד בעטן צו דיר, זאָלסטו הערן פון הימל זיין געבעט און זאָלסט טון אַלץ וואָס דער פרעמדער וועט דיר בעטן, צוליב דעם אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָלן וויסן דיין נאָמען און זאָלן מורא האָבן פאַר דיר ווי דיין פאָלק ישראל, און זאָלן וויסן אַז דיין נאָמען רוט אין דער שטוב וואָס איך האָב געבויט"... (מלכים א"ח).

דאָס פאָלק איז ווי עלעקטריזירט פון דער האַרציקער גייסטרייכער רעדע פון זייער קעניג. און ווען דער קעניג ענדיקט זיין רעדע שטעלט ער זיך אויף זיינע פיס אַ צעשטראַלטער פון צו האָבן דעם גרויסן גליק און זכות, צו זיין דער בויער און באַנייער פון דעם פּראַכטפולן טעמפּל, און מיט צעשפּרייטע הענט געווענדעט צום הימל, בענטשט ער דאָס פאָלק און ווינטשט, אַז גאָט זאָל זיין מיט אונדז ווי ער איז געווען מיט אונ־דזערע עלטערן, דאַנקט גאָט פאַר געבן רו צו זיין פאָלק ווי ער האָט צוגעזאָגט (דאָרט).

דער חנוכת הבית פון הערלעכן טעמפּל איז געפייערט געוואָרן מיט נאַטירלעכער פרייד, מיט האַרציקע ברכות פון קעניג, מיט געזאַנג פון מזמורים און הימנען פון תהלים, אָן מיליטערישע פּאַראַדעס און קאַ־נאָנען־שאָסן, נאָר אַ פרייע האַרציקע פרייד פול מיט ענטוזיאַזם און התלהבות וואָס האָט באַהערשט דאָס גאַנצע פאָלק.

ווי יידן פייערן זייערע ימים־טובים אין ירושלים

די מענטשהייט וואָלט דערזען דאָס יידישע פאָלק, ווי עס גייט פייע־רן זיינע ימים טובים אין זיין הייליקער שטאָט ירושלים. ווי פון גאַנצן לאַנד ציען זיך גרופּעס יידן אָנגעלאָדן מיט אַלעם גוטן קיין ירושלים צום בית המקדש, פאַר יעדער גרופּע גייען זינגער און שפּילער, וואָס זינ־גען און שפּילן די מזמורים פון תהלים: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד", ווי גוט און ווי זיס אַז ברידער זיינען צוזאַמען. אַ צווייטע גרופּע זינגט צוזאַמען מיט די זינגער און שפּילער: „שמחתי באמרים לי בית א"ד נלך", איך האָב זיך געפרייט אַז מען האָט מיר געזאָגט אַז איך וועל גיין צום בית המקדש. אַ דריטע גרופּע זינגט מיט התלהבות „הנה

לא ינום ולא ישן שומר ישראל", עס וועט ניט דרעמלען און ניט שלאָפן דער היטער פון די יידן... פון גאַנצן לאַנד קומען אָן גרופּעס יידן יום־טוב'דיקע און פרייליכע, קיין ירושלים צום בית המקדש, וואו די באַ־ערדן פון ירושלים האָבן געגעבן די געקומענע אַ פייערלעכן קבלת־פּנים. אין בית המקדש זינגען די לוים און שפּילן לכבוד זיי מזמורים און הימ־נען פון תהלים.

די דראָמען פון גלותן

די מענטשהייט וואָלט אויך דערזען די גרויסע יידישע דראַמען פון טויזנטער יאָר איבערמענטשלעכע ליידן און פּיין. זינט דער פּראַכט־פולער טעמפּל איז חרוב געוואָרן און דאָס יידישע פאָלק איז אונטערגע־וואָרפן געוואָרן אונטער די טיראַנישע הערשאַפטן פון פאַרשידענע פעל־קער... זיי וואָלטן פאַר זיך אויך דערזען דעם פּראָדוקט פון זייערע אכזריותן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר פון פּייניקן יידן. זיי וואָלטן דערזען גאַנצע טייכן און טיפע ימים, פול מיט יידיש בלוט און טרערן, וואָס זיינען דורך זיי פאַרגאָסן געוואָרן. זיי וואָלטן דערזען ווי ברוטאַל און אכזריותדיק זיי האָבן געיאָגט, געפּלאָגט און צעטראָטן די יידן פאַר דער גאַנצער צייט פון גלות, אָן אַ פאַרוואָס. זיי וואָלטן געזען ווי עס זיינען נאָך די טייכן טרערן, וואָס זיינען פאַרגאָסן געוואָרן פון די יידן, זאָגנדיק דעם תהלים, און די טרערן פון טויזנטער מאַרטירער וואָס זיינען אומ־שולדיקערהייט פון זיי פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט...

זיי וואָלטן דערזען די טויזנטער בליענדע יידישע קהלות וואָס זיי האָבן חרוב געמאַכט אָן אַ פאַר וואָס און די צענדליקער טויזנטער אומ־שולדיקע עופהלעך און צערטלעכע מוטערס, וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט מיט די שוידערלעכסטע אכזריותן, באַליידיקנדיק זיי אפילו נאָך זייער הערלעכן שטאַרבן על קדוש השם.

זיי וואָלטן דערזען זייער קליינלעכקייט און נידעריקייט קעגן די גייסטיקע ריזן, וואָס זיינען געשטאָרבן אַזוי הערלעך, על קדוש השם, און אַזוי אָרום דערפילט דאָס גרויסע אומרעכט וואָס זיי זיי־נען באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק פאַר דער צייט פון צוויי טויזנט יאָר. זייער געוויסן וואָלט אפשר אויפגעוואַכט, און מעגלעך פאַר בושה זייער פּנים פאַרשטעלט און מיט די פויסטן זיך אין האַרצן געקלאַפּט על חטא...

דער תהלים וואָס איז געווען פאַר די יידן דער איינציקער אינטימער פריינד מיט וועמען זיי האָבן געפּייערט זייערע ימים טובים און די וויכ־טיקע נאַציאָנאַלע און קאָלעקטיווע פייערונגען, איז אויך דער, פאַר ווע־מען די יידן האָבן אין די שלעכטע צייטן אויסדערציילט זייערע צרות און יסורים און ביי וועמען זיי האָבן אַ טרייסט געפונען צו פאַרגרינגערן זייערע גייסטיקע און פיזישע יסורים.

תהלים זאָגנדיק האָט יעדער ייד אויסגעגאָסן פאַר גאָט זיין שווער, ביטער האַרץ, זיין שווער געמיט צושטאַנד, האָט זיך גוט אויסגעוויינט, און אַ טרייסט צו זיינע צרות געפונען. איז אויך באַשטראַלט געוואָרן מיט דער זון פון האָפענונג, אַז גאָט וועט זיי העלפן, אַז די שלעכטקייט וועט שנעל אַריבער און די גאולה פון יידישן פאָלק און פון זיין לאַנד וועט אינגיכן קומען. אָן אַ שיעור מוט און האָפענונג, אויסדויער און שטאַרקן גלויבן האָבן אונדזערע גרויסע מאַרטירער פון אַלע צייטן געשעפּט פון תהלים. דער תהלים האָט זיי געגעבן דעם אויסערגעוויינלעכן כח צו קאָנען ביישטיין קעגן די פייער־פּראָבעס פון גלות.

דער תהלים איז געווען ביי די יידן אין גלות דער וואונדערבאַרער גייסטיקער טאַניק וואָס האָט געשטאַרקט, געמוטיקט און געהאָלפן יעדן וואָס האָט זיך געווענדט צו אים: דעם רב, דעם למדן, ווי דעם ווייניק געלערנטן, דעם גביר ווי דעם אָרעמאַן, דעם סוחר ווי דעם בעל־מלאכה, דעם בעל עגלה ווי דעם וואַסער־פירער, פרויען ווי קינדער, אַלטע לייט ווי יונגע מענטשן. אין יעדער יידישער שטוב האָט זיך געפונען דער תהלים און איז געווען דער גייסטיקער שטוב־אַפּטייק וואו יעדערער האָט געפונען זיין נויטיקע רפואה, און די רפואה איז געקומען, זאָגנדיק תהלים.

מיטן תהלים־זאָגן האָט זיך אַ ייד געגרייט צו מקדש השם זיין, און מיט די מזמורים פון תהלים איז אַ ייד געגאַנגען שטאָלץ און מוטיק אויף דעם אויטאָ־דע־פע, וואָס זיינע שונאים האָבן פאַר אים אויפגעשטעלט און האָט מיט זיין שטאַרבן, אין קעגנוואַרט פון דער גאַנצער מענטשהייט מקדש השם געווען.

דער תהלים האָט אַלע מאָל, ווי אַ געטרייער חבר באַגלייט דעם יידן אין זיין לעבנס־וועג, פון וויגעלע ביזן קבר. האָט ערגעץ־וואו אויסגע־בראָכן אַן עפּידעמיע, אַ מגפה ר״ל, איז מען געלאָפן אין די שולן צו זאָגן תהלים בצבור, גאָט צו בעטן ער זאָל רחמנות האָבן און אָפּטאָן דאָס שלעכטע.

האָבן שלעכטע מענטשן אויסגעטראַכט פאַלשע בלבולים אויף די יידן כדי זיי צו דערנידעריקן און צו פּייניקן, האָט אַ רעגירונג אַרויסגעגעבן גזרות רעות אויף די יידן, איז געווען אַ שטאַרקע טרוקעניש, ניט געווען קיין רעגן אויף די פעלדער, אָדער עס איז געווען אַ פאַרטרינקעניש פון צו־פיל רעגן, איז אַ ייד שטאַרק קראַנק געוואָרן, דאָקטוירים קאָנען ניט העלפן, איז מען געלאָפן אין די שולן תהלים זאָגן. ווייל דורכן תהלים האָט זיך דער ייד באַהעפט מיט זיין גאָט, און „אַז גאָט איז מיט יידן, פאַר וועמען האָבן זיי מורא?... מיטן תהלים־זאָגן האָט מען אויך באַגלייט דעם יידן צו זיין אייביקער רו.

מזמורים פון תהלים אין דאַוונען

אונדזערע גייסטיקע מנהיגים פון אַלע צייטן האָבן געוואוסט און ריכטיק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון תהלים און זיין באַדייט ביים יידישן פאָלק. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער תהלים, צוליב זיין וואונדערבאַרער פּאָעטישער שפּראַך און טיף־פילאָזאָפישן אינהאַלט, זיינע זיסע מעלאָדיעס און מילדן ריטם איז געוואָרן דער פאַרמיטלער צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל. האָבן זיי מתקן געווען אַריינצונעמען אין דאַוונען אַ טייל פון די מזמורים פון תהלים, כדי דער ייד זאָל עס זאָגן אַלע טאָג און אַזוי אַרום זיין שטענדיק באַהעפט צו גאָט.

זאָגט מען אין דאַוונען די פסוקי דזמרה, מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, למנצח בנגינות, מזמור שיר, מזמור לתודה, תהלה לדוד, אַלע הללויה׳ס, יענך א״ד ביום צרה, תפלה לדוד און דעם טעגלעכן שיר (שיר של יום) וואָס די לוים האָבן געזינגען אין בית המקדש. און געזונגען האָבן זיי אַלע טאָג דעם באַשטימטן שיר באַגלייט מיט באַשטימטע פאַר דעם מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. זונטיק, דעם קאַפּיטל מ״ח, ל״ד הארץ ומלואה; מאָנטיק, קאַפּיטל פ״ח, שיר מזמור לבני קרח; דינסטיק, קאַפּיטל צ״ד, מזמור לאסף; מיטוואָך, אל נקמות א״ד; דאָנערשטיק, קאַפּיטל פ״א, למנצח על הגיתית לאסף; פרייטיק, קאַפּיטל צ״ג, א״ד מלך גאות לבש, און שבת, קאַפּיטל צ״ב, מזמור שיר של יום השבת.

חוץ די קאַפּיטלעך תהלים וואָס אַ ייד זאָגט אין דאַוונען, זאָגט מען דעם גאַנצן חדש אלול ביים דאַוונען, לדוד א״ד אורי, צו קבלת שבת דעם גאַנצן לכו נרננה ביז די לכה דודי׳ס, שיר ליום השבת, ראש חודש, חנוכה, שלש רגלים, גאַנץ און האַלב הלל. שבת און יום טוב אין דער פרי, אויסער די טעגלעכע דערמאָנטע פסוקי דזמרה, זאָגט מען פון תהלים, מזמור לדוד השמים מספרים כבוד אל, רננו צדיקים, לדוד בשנתו את טעמו, תפלה למשה, יושב בסתר עליון, שירו לד״ שיר חדש, שיר המעלות׳ן און אַנדערע.

שבת פאַר מנחה אין די חדשים פון סוכות ביז פסח, זאָגט מען ברכי נפשי, פון פסח ביז סוכות זאָגט מען אַלע שבת פאַר מנחה אשרי תמימו דרך, דריי מאָל אין טאָג זאָגט מען תהלה לדוד. און די חכמים האָבן צוגעגעבן, אַז דער ייד וואָס זאָגט דריי מאָל אין טאָג תהלה לדוד איז זיכער אַז ער וועט האָבן עולם הבא.

תהלים זאָגן איז ביי די יידן געוואָרן אַזוי וויכטיק ווי תורה לערנען. דער וואָס האָט ניט געקאָנט לערנען, האָט תהלים געזאָגט און האָט זיך דערהויבן דורך דעם זאָגן, פונקט ווי דער לערנער מיט זיין לערנען.

עס האָבן זיך געגרינדעט חברות תהלים בכל תפוצות ישראל, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען: צו זאָגן אַ יום תהלים אַלע טאָג בצבור, שבת פאַר מנחה, אשרי תמימי דרך פסוקים־וויַיז, דער פאָרזאָגער אַ פסוק

און דער עולם דעם צווייטן פסוק, אין דער פאָרם ווי די לוים האָבן גע־זונגען די מזמורים אין בית־המקדש, דאָס איז אַ אַנטיפאָנישער געזאַנג. (אַנטיפאָניש — קעגנקלאַנג, פון גריכיש, אַנטי — קעגן, פאָן — קלאַנג).

יידן זיינען אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי צו זאָגן תהלים בצבור און ביחידות און כאָטש עס זיינען געווען צווישן די זאָגער אַ סך וואָס האָבן ניט געוואוסט דעם פירוש המלות פון דעם וואָס זיי האָבן געזאָגט, האָבן זיי דאָך געקאָנט דעם גאַנצן תהלים אויף אויסנווייניק.

קאַפּיטל צוויי

די אָרדענונג פון די קאַפּיטלען פון ספר תהלים

די נעמען פון די קאַפּיטלען, די נעמען פון די טראָפּ. די אַמאָליקע מוזיקאַלישע טערמינאָלאָגיע. ווי מען האָט אַמאָל געזונגען תהלים אין בית המקדש. די נעמען פון די מוזי־קאַלישע אינסטרומענטן. די נעמען פון די מעלאָדיעס. די איינטיילונג פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

ווי געזאָגט, איז דער ספר תהלים איינגעטיילט אויף פינף טיילן (חלקים) אַנטקעגן די חמשה חומשי תורה, איז אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע הימנען און מזמורים פון אַ פאַרשידענעם אינהאַלט. זעלבסטפאַרשטענדלעך זיינען די מעלאָדיעס מיט וועלכע מען האָט געזונגען יעדן מזמור אָדער הימן אויך געווען פאַרשידן. מען האָט דאָך ניט געזונגען אַזאַ פאַרשידענעם מאַטעריאַל, מיט אַזאַ רייכן אינהאַלט, מיט איין ניגון. האָבן די מסדרים אָדער מסדר פון תהלים, אָנגעצייכנט אויף יעדן קאַפּיטל, אויף וואָס פאַר אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט מען האָט עס געשפּילט, (אָדער ווי די נייע פאָרשער דענקען), מיט וואָס פאַר אַ ניגון מען האָט עס געזונגען: על הגיתית, על השמינית, על עלמות, על שושנים און אַנדערע.

אויף די ווערטער און אונטער די ווערטער זיינען געצייכנט די טראָפּ־פיגורן, וואָס יעדע איינע פון זיי אַנטהאַלט אַ גרופּע טענער פון מערערע און ווייניקערע טענער. אין יעדן פּסוק זיינען די גרופּן פאַרבונדן צווישן זיך און שטעלן צוזאַמען אַ גאַנצע מוזיקאַלישע פראַזע. עטלעכע פּסוקים שטעלן צוזאַמען אַ גאַנצע מעלאָדיע.

צוליב דעם וואָס די מערסטע פּסוקים פון תהלים זיינען קליינע און דער אינהאַלט איז איבעראַל אַ לירישער, האָט מען אין תהלים גענוצט

גאָר ווייניק טראָפּ, איבערהויפּט האָט מען אויסגעמיטן אייניקע דינאַמישע טראָפּ.

אין תהלים זיינען דאָ אַ סך אַנדערע נעמען פון טראָפּ ווי די תורה נביאים און מגילות און אויך נעמען פון נייע טראָפּ.

די נעמען פון די טראָפּ זיינען פאָלגנדע: סלוק, יתיב, אתנח, רביעי, גדול, פּזר דחי, שלשלת גדולה, צנור, רביעי קטן, רביעי מגרש, אזלא לגרמיה, מהפך לגרמיה, מרחא, מונח, אזלא מעולה, גלגל, טרחא, שלשלת קטנה, צנורית.

אויף יעדן מזמור פון די ערשטע חלקים (אויסער קליינע אויסנאַמען) זיינען געצייכנט דער נאָמען פון מחבר: דוד, לשלמה, לבני קרח, לאסף, לאיתן האזרחי... אויך זיינען געצייכנט כמעט אויף יעדן מזמור, מיט וואָס פאַר אַ מעלאָדיע אָדער מוזיקאַלישן אינסטרומענטן דער מנצח (ווירטואָז אָדער דיריגענט) האָט געשפּילט, בשעת מען האָט געזונגען דעם מזמור, על עלמות, אל תשחת, על השמינית, על שושנים, א. א. וו.

די טערמינאָלאָגיע פון תהלים

מזמור: אַ מוזיקאַלישער טערמין פון יענער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אין די מאָדערנע צייטן, וואָלט עס געהייסן: אָראַטאָריע אָדער הימן, מיסאַ, מאַטעטא, קאַנטאַטאַ א. א.

שיר: אַ רעליגיעזע פּאָעזיע וואָס ווערט געזונגען פון יחיד, אַקאָמפּאַנירט פון אַן איינצלנעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט, אָדער פון כאָר און אָרקעסטער.

מנצח: אַ פאַכמאַן אַ מוזיקער, אַ ווירטואָז פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט אָדער אַן אָנפירער פון כאָר און אָרקעסטער — אַ דיריגענט.

סלה: פּויזע, אָפּשטעלן דאָס זינגען אָדער שפּילן.

משכיל — אַ נאָמען פון אַ וויכטיק מוזיקאַליש ווערק, ווי הייַנטיקע צייטן: סימפאָניע, קאַפּריטשאָ, קאָנסיערטאָ א. א. וו.

מכתם — אַ נאָמען פון אַ פּאָפּולער מוזיקאַליש ווערק — אַ גאָלדן געזאַנג, שטאַרק באַליבט צווישן פאָלק.

שגיון — אַ נאָמען פון אַ מוזיקאַליש ווערק, אַמין „פאַנטאַזיע", וואָס ברענגט צו השתפכות הנפש.

תפלה — אַ געבעט צו גאָט.

תהלה — אַ לויב־געזאַנג. אַ מוזיקאַליש ווערק, זייער פּאָפּולער, געזונגען פון כאָר און קהל, מיט דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער.

דער אינהאַלט פון די מזמורים טיילט זיך אויף: לויב־געזאַנגען און הימנען, קלאָג לידער (עלעגיעס) און דערציאונג, וואָס לערנען מאָראַל און עצהנען ווי צו לעבן אַ ריינעם, ציכטיקן לעבן.

אינסטרומענטן מיט סטרונעס (נגינות)



די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס ווערן דערמאָנט אין תהלים

נגינה — אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט פון האָלץ, מיט 3 און מער סטרונעס.

נגינות על השמינית — דער זעלבער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, נאָר מיט 8 סטרונעס.

נחילות — פון וואָרט חליל, אַ פייפל, אַ הילצערנער בלאָז־אינסטרומענט, געמאַכט פון אַ רער, אַ פרימיטיווע פאָרם פון אַ פלייט.

גתית — גאָר אַן אַלטער מוזיקאַלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, באַקאַנט אין אַראַביע, פון דאָרט איז דער אינסטרומענט אָנגעקומען קיין טערקיי, פערסיע, מאַראָקאָ און צו־לעצט אין שפּאַניע, וואו ער האָט באַקומען דעם נאָמען גיטאַראַ. די פרימיטיווע פאָרם פון דעם דערמאָנטן אינסטרומענט איז ווי די פאָרם פון אַ מענטש, אַ קאָפּ, אַ האַלדז און אַ בויך. אין בית המקדש האָט מען מיט דעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט געשפּילט ווען מען האָט געזונגען די מזמורים וואָס זיינען פול מיט רעליגיעזן עקסטאַז און בענקעניש צו קומען אין בית המקדש. נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות א״ה (ק״א ג), עס גלוסט און עס בענקט מיין נשמה צו די הויפן פון גאָט. אייניקע מפרשים זיינען מיט דער מיינונג אַז גתית שטאַמט פון גת, פלשת (בערענפעלד, תהלים).

עלמות — אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט פון האָלץ מיט סטרונעס וואָס האָט אַרויסגעגעבן הויכע טענער (עלמות: מיידלעך, סאָפּראַנאָס), בנבלים על עלמות, מיט האַרפעס אויף הויכע טענער. למנצח לבני קרח על עלמות שיר, צום ווירטואָז פון די בני קרח אויף עלמות, האָט מען געזונגען דעם שיר (מ״ו).

על מות לבן (ט׳) דאַרף זיין עלמות לבן. — אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט פון האָלץ מיט סטרונעס, אַ ווייסער, צו שפּילן ווען מען זינגט דעם קאַפּיטל (זע רש״י, תהלים ט׳) פון דער זעלבער פאַמיליע פון עלמות, נאָר מיט אַן אַנדער קלאַנג פון טענער.

אייניקע מאָדערנע פאָרשער ווילן אויסטייטשן על מות לבן, אַז דאָס איז געווען זייער אַ באַקאַנטער ניגון אין ישראל, און געהייסן האָט דער ניגון אין דער יידישער איבערזעצונג „דער טויט וואָס מאַכט ווייס״, פון וואָרט „הלבן חטאינו״, און מיט דעם ניגון זאָל מען האָבן געזונגען דעם מזמור. לייגט זיך עס ניט אויפן שכל, ווייל דער אינהאַלט פון מזמור איז פול מיט אָפּטימיזם. אשמחה ואעלצה בך, אזמרה שמך עליון. איך וועל זיך פרייען און באַזינגען דיין נאָמען מער פון אַלע לויב־געזאַנגען, א. א. וו. און על־מות לבן איז אַ טעות פון דעם זעצער, וואָס האָט צעטיילט עלמות אויף על־מות.

שושנים — א מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרומענט, געמאַכט אין דער פאָרם פון בלומען אָדער געווען באַמאָלן מיט בלומען און דערפאַר האָט מען עס גערופן שושנים.

שושן עדות: אין לאַטיין „עדיט", א מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרו־מענט (אייניקע פאַרשער זיינען מיט דער מיינונג אַז עס שטאַמט פון שושן, פּערסיע), וואָס מען האָט באַנוצט צו באַגלייטן קלאָג־לידער, עלע־גיעס, ווי די קאַפּיטלען פ' און ס' פּסוק ג'.

מחלת: א מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרומענט, דער פאָרגייער פון דער מאָדערנער „גאָיטאַ", א לעדערנער דעפּאָזיט פאַר לופט און ביים ברעג א פייפל מיט לעכלעך.

מחלת־לענות, צו שרייען. א מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרומענט מיט הויכע טענער, א מין „פּיקאָלאָ".

על השמינית: א הילצערנער אינסטרומענט מיט אַכט סטרונעס.

יונת אלם רחקים: א מוזיקאַלישער אינסטרומענט פון האַלץ (לאַ־טיין: „מאַנימאַ"), וואָס איז באַשטאַנען פון א פּירקאַנטיקע האַרמאָנישע קעסטעלע, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען ספּעציעל גאָרדנטע זיל־בערנע גלעקלעך, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ספּעציעלע קלאַנגען, ווען מען האָט זיי געבראַכט אין באַוועגונג, ווי דאָס מורקען פון א שטילע טויב, וואָס איז ווייט פון איר נעסט... דער מוזיקאַלישער אינסטרומענט איז געווען ביי די יידן פאַררעכנט אַלס א נאַציאָנאַלער, ווייל די יידן זיינען געגליכן צו א טויב, יונתי בחגבי הסלה (שיר השירים). תרגום, קאַפּיטל נ"ו.

אל־תשחת: א הילצערנער בלאָז־אינסטרומענט ווי מחלת, נאָר מיט א דאָפּלטן פייפל. זיין אויסזען איז ווי די דאָפּלטע פלייטן פון די גריכן. אייניקע מפרשים זיינען מיט דער מיינונג אַז אל תשחת מיינט צו בעטן גאָט ער זאָל זיי ניט פאַרדאַרבן אין גלות. די מאָדערנע פאַרשער זיינען מיט דער מיינונג אַז אל־תשחת, איז דער נאָמען פון א באַקאַנטער מע־לאָדיע אין ארץ־ישראל, וואָס מען פלעגט זינגען ביים טרעטן די וויינ־טרויבן, מען זאָל עס ניט פאַרדאַרבן. און מיט דעם ניגון זאָל מען האָבן געזונגען די מזמורים: נ"ח, נ"ט און ע"ה. לייגט זיך עס ניט אויפן שכל, אַז אל־תשחת מיינט א באַקאַנטן נגון. ערשטנס, איז שווער צו גלויבן אַז מיט איין נגון זאָל מען האָבן געזונגען די מזמורים וואָס האָבן א פאַרשידענעם אינהאַלט; און צווייטנס, דער אויסדרוק, למנצח אל תשחת, וויל זאָגן אַז דער ווירטואָז פון אל תשחת האָט געשפּילט דוד'ס מכתם. מיט א מוזיקאַלישן אינסטרומענט קאָן מען שפּילן א סך מזמורים פון פאַרשידענעם אינהאַלט. אַזוי אַז מען מוז אָננעמען אַז אל תשחת איז א מוזיקאַלישער אינסטרומענט.

על ידותון: געשפּילט אויף א מוזיקאַלישן אינסטרומענט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין דערפינדער ידותון, וואָס איז געווען איינער פון די באַגאַבטסטע מוזיקער ביי דוד המלך.

למנצח לידותון, דער מנצח (ווירטואָז) פון דער שולע פון ידותון, האָט אָנגעפירט מיטן כאָר און אָרקעסטער וואָס האָבן געשפּילט און גע־זונגען דעם מזמור פון דוד.

אילת השחר: אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט (רש״י דאָרט). זייער באַקאַנט אין יענע צייטן.

די איינטיילונג פון די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן

די דערמאָנטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס שטאַמען פון די צייטן פון דוד המלך און שפּעטער פון די צייטן פון ערשטן און צווייטן בית המקדש, זיינען דאָ פּונקט ווי היינט אין די מאָדערנע צייטן געווען איינגעטיילט: אין בלאָז־אינסטרומענטן פון האָלץ און מעטאַל, האָלץ־אינסטרומענטן מיט סטרונעס און קלאַפּ־אינסטרומענטן.

אין דער תורה, נביאים, כתובים און תלמוד ווערן דערמאָנט פאָל־גנדע מוזיקאַלישע הילצערנע אינסטרומענטן מיט סטרונעס: כנור, נבל, נבל־עשור אָדער נבל־אשור, נגינה, נגינות, על השמינית, גתית, קתרוס און סברא.

בלאָז־אינסטרומענטן: שופר חצוצרה, חליל, עוגב, נחילות, קרן, עלמות, עלמות לבן, שושנים, שושן עדות, מחלת, מחלת־לענות, אל תשחת, משריקות, סימפאניה, אילת השחר.

קלאַפּ־אינסטרומענטן: תוף, מצלתים, צלצלים, נענעים, שלישים, יונת אלם רחקים, נקבים.

מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט העמערלעך: פּסנתרין. מיט לופט — מגרפה. די מגרפה האָט געהאַט צען לעכלעך און פון יעדן לעכל האָט מען געקאָנט אַרויסברענגען צען טענער, צוזאַמען הונדערט טענער (ערכין י״א). מעגלעך אַז די מגרפה זאָל זיין דער פאָרגייער פון היינטיקן אָרגאַן.

עס רופט די אויפמערקזאַמקייט וואָס אין גאַנץ תהלים, אויסער אין לעצטן קאַפּיטל, ווערט ניט דערמאָנט למנצח על הכנור און למנצח על הנבל, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס ווערן דערמאָנט אַ סך מאָל אין תנ״ך, און דערפאַר ווילן אַרויסדרינגען אייניקע קאָמענטאַטאָרס, אַז די נעמען וואָס ווערן דערמאָנט ביים אָנהויב פון יעדער קאַפּיטל, איז ניט קיין מוזיקאַלישער אינסטרומענט, נאָר אַ באַקאַנטע מעלאָדיע. איך גלויב אַז דאָס פעלן אין תהלים פון די נעמען פון די אויבנדערמאָנטע מוזיקאַלי־שע אינסטרומענטן איז דערפאַר, ווייל אַזוי ווי זיי זיינען אינסטרומענטן מיט סטרונעס, זיינען זיי פאַרביטן געוואָרן פון דעם מסדר אויף נגינות, (נגינות מיינט מען מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט סטרונעס) למנצח למנצח על נגינות, האָט דער מסדר געמיינט: למנצח על כנור אָדער למנצח על נבל.

בלאז - אינסטרומענטן



ווי מען האָט געזונגען די מזמורים אין ערשטן און צווייטן בית המקדש

די קאַפּיטלען ד׳, מ׳, נ״ה, י״ד, אא״וו, האָבן געזונגען כאָרן באַגלייט פון אָרקעסטערס פון סטרונעס אָנגעפירט פון מנצח, דיריגענט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט סטרונעס, למנצח בנגינות, צו דיריגענטן וואָס פירן אָן מיט די אינסטרומענטן, נגינות.

דעם מזמור ה׳ למנצח על נחילות. דער ווירטואָז פון נחילות האָט אַליין געשפּילט און צו דער זעלבער צייט אָנגעפירט מיטן כאָר און אָרקעסטער.

די קאַפּיטלען ח׳, פּ״א און פּ״ד, האָט אָנגעפירט מיטן כאָר און אָרקעסטער דער ווירטואָז פון גתית, למצנח על הגתית.

קאַפּיטל ט׳, דער ווירטואָז פון עלמות־לבן האָט געשפּילט אויף דעם אינסטרומענט, און אָנגעפירט מיטן כאָר און אָרקעסטער. די אַלע קאַפּיטלען וואָס עס זאָגט זיך „על״: על השמינית, על אילת השחר, על שושנים, על מחלת, על יונת אלם רחקים, אל תשחת, על שושן עדות, על נגינות, על ידותון זיינען די דיריגענטן געווען די ווירטואָזן שפּילער פון די דערמאָנטע אינסטרומענטן און צו דער זעלבער צייט האָבן זיי אָנגעפירט מיט די כאָרן און אָרקעסטערס.

26 מזמורים זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון מנצח׳ס דיריגענטן, וועלכע האָבן פּערזענלעך ניט געשפּילט אויף אַן אינסטרומענט. די מזמורים זיינען: י״א, י״ג, י״ד, י״ח, י״ט, כ׳, כ״א, ל״א, מ׳, מ״א, מ״ב, מ״ד, מ״ו, מ״ז, מ״ט, נ״א, נ״ב, ס״ד, ס״ה, ס״ו, ס״ח, ע׳, ק״ט, קל״ט, ק״מ.

למנצח שיר מזמור: שיר, האָט געזונגען אַ סאָליסט, אַ קינסטלער וואָס איז געווען באַגלייט פון איינצלנע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אָדער פון כאָר, און ער איז אויך געווען דער מנצח. אַזעלכע זיינען באַצייכנט 30 קאַפּיטלען. 2 קאַפּיטלען — ס״ה און ס״ח ווערן באַצייכנט: למנצח מזמור לדוד שיר. דאָ איז דער מנצח־דיריגענט, געווען דער וואָס האָט אָנגעפירט מיטן כאָר און אָרקעסטער, דער סאָליסט איז געווען דער זינגער.

משכיל — האָט געזונגען כאָר מיט דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער. ביי יעדער משכיל, ווערט אָנגעגעבן דער נאָמען פון דעם מחבר, לדוד משכיל, למנצח משכיל לבני קרח, לבני קרח משכיל, משכיל לאסף, משכיל לאיתן האזרחי.

מכתם —— האָט געזונגען אַ כאָר און קהל אָן באַגלייטונג.

שגיון — געשפּילט פון אַ גרויסן אָרקעסטער מיטן אָנטייל פון כאָר.

תפלה — געזונגען פון אַ סאָליסט, באַגלייט פון איינעם אָדער אייניקע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

תהלה — א לויב־געזאנג, געזונגען אין קאָלעקטיוו פון כאָר און פון עולם וואָס עס האָבן זיך געפונען אין בית המקדש.

הללויהם — געזונגען פון כאָר, צוזאַמען מיט אַלע ביוועזנדע, באַגלייט פון אָרקעסטער.

דער קאַפּיטל 150 איז געווען דער טעגלעכער לעצטער פייערלעכער „פינאַל" פון דער גרויסער סימפאָניע ביים ענדיקן די געזאַנגען אין בית־המקדש, און האָט זיך געזונגען מיט גרויס התלהבות. הללויה! לויבט גאָט וואָס דער הימל זאָגט עדות אויף זיין שטאַרקייט. הללויה! לויבט גאָט מיט דערציילן זיינע גבורות. הללויה! לויבט גאָט מיט דער באַגלייטונג פון שופר בלאָזן. הללויה! לויבט גאָט מיט נבל וכנור. הללויה! לויבט גאָט מיט פויק און טענץ. הללויה! לויבט גאָט מיט אַלע מוזיקאַלישע בלאָז־אינסטרומענטן און פון סטרונעס. לויבט גאָט מיט גרויסע און קליינע צימבאַלעס. אַלע לעבעדיקע: זינגט און לויבט גאָט, הללויה!

קלאפ - אינסטרומענטן



תוף - א פייקל



א פייקל מיט גלעקלעך

נענעים - שאקלדיקער אינסטרומענט
מיט גלעקלעך



צלצלי - תרועה
גלעקלעך אויף א רעסאנאנץ־קעסטל

האנט - קלאפערס
(„קאסטאניועלאס")



צלצלים - מעשענע טאשן
צלצלי שמע



שלישים - א דרייעק מיט גלעקלעך

קאפיטל דריי

תהלים ווי א דאָקומענטאַציע פון יידישן גייסטיקן לעבן, היסטאָרישע געשעענישן און דערציאונג

אַנאַליז פון די מזמורים פון תהלים. די מזמורים וואָס מען האָט געזונגען אין ערשטן און צווייטן בית המקדש אין די באַשטימטע פייערטעג, פון ראש־חדש, ימים טובים און נאַציאָנאַלע פייערטעג. די פאַרערונג פון יידישן פאָלק צו זיין קעניג. די ניי־יאָר פייערונג (ראש השנה) אין ארץ־ישראל. די חתונה פון אַ יידישן פרינץ אין ארץ־ישראל.

ווען מען אַנאַליזירט אויפמערקזאַם יעדן מזמור פון ספר תהלים, איבערהויפּט די מזמורים וואָס טראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אַנט־פּלעקן זיך פאַר אונדז אַ סך הערלעכע וואונדערבאַרע בילדער פון דעם ריין עטישן און הויך גייסטיקן לעבן פון אונדזער פאָלק, ווען מיר האָבן געלעבט אין אונדזער הייליק לאַנד — ארץ־ישראל.

דורך דעם אַנאַליז קאָן מען זען און פילן דאָס רואיקע עטישע לעבן פון די יידן אויף זייער לאַנד; מען קאָן אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון דער פאָלקס־נשמה און זיך באַגייסטערן פון זייער אומבויגזאַמער אמונה און בטחון אין זייער גאָט, וואָס האָט זיי געמאַכט דאָס לעבן אַזוי זיס און אָנגעפולט מיט גייסטיקער רואיקייט. מען קאָן זיך איינ־לעבן מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זייער טראַדיציאָנעלן פאָלקס־לעבן, און דורכמאַכן עס אין אונדזער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס־קראַפט, רעאַל און נאַטירלעך.

אַ סך מזמורים פון תהלים זיינען פול מיט ריינער עטיק און הויכער מאָראַל, מיט גוטסקייט און פּראַקטישקייט, גוטע עצות און באַלערנטקייט, אמונה און בטחון וואָס האָט דעם יידן געלערנט צו לעבן אַ ריין ציכטיק, גייסטיק לעבן.

דורך די מזמורים פון תהלים קאָן מען נאָך היינט צו טאָג הערן דייטלעך די וואונדערבאַר שיינע ליוב־געזאַנגען, וואָס די יידן האָבן געזונגען צו זייער גאָט אין בית־המקדש דורך די לוויים.

מען קאָן הערן די גרויסע כאָרן באַגלייט פון אָרגאַניזירטע אָרקעסטערס, ווי זיי זינגען די ליוב־געזאַנגען צו גאָט, פאַר די ניסים ונפלאות וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיין פאָלק ישראל.

מען קאָן הערן די פריילעכע פאָלקס־געזאַנגען און ריטם פון די טריט פון די עולי רגל, וואָס זיינען געגאַנגען קיין ירושלים אויף די ימים טובים, איבערגעפולטע מיט נאַטירלעכער פרייד און הייליקער עמאָציע.

לכו נרננה ל״ד, נריעה לצור ישענו: גייט! שרייען זיי אויס מיט פאַטאָס און התלהבות, גייט! „לאָמיר זינגען צו גאָט, שאַלן צום שטאַרקן פון אונדזער הילף. לאָמיר קומען אין בית המקדש מיט געזאַנג און פרייד, ווייל גאָט איז גרויס און אַ גרויסער קעניג איבער אַלע געטער״.

מען קאָן הערן די פריילעכע זאַרגלאָזע ענטוזיאַסטישע געזאַנגען, וואָס האָבן אונטער אַ יום־טוב אָנגעפולט גאַנץ ארץ־ישראל.

מען קאָן הערן אויך דעם ריטם פון די התלהבותדיקע טענץ, וואָס האָבן פאַרהילכט די ארץ־ישראל לופט און אָנגעפולט דאָס פאָלק מיט אומבאַשרייבלעכער פרייד.

דורך די מזמורים פון תהלים לייכטן זיך דורך ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, די אַלע פערזענלעכע פאַסירונגען פון דוד המלך און די היסטאָרישע געשעענישן פון דעם יידישן פאָלק פון זיין צייט.

קאַפּיטל י״ח: אַ וואונדערבאַרע פּאָעמע פון דוד המלך צו גאָט, וואָס ער האָט עס געזונגען, ווען גאָט האָט אים געראַטעוועט פון אַלע זיינע פיינד און פון די הענט פון שאול. אשר דבר את השירה הזאת, ביום הציל א״ד אותו מכף כל אויביו ומיד שאול.

קאַפּיטל ל״ד: אַ ליוב־געזאַנג פון דוד צו גאָט, בשנותי את טעמו, ווען ער האָט זיך געמוזט פאַרשטעלן פאַר אַ שוטה, אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג פון גת ביי די פלשתים, כדי זיך צו ראַטעווען פון דער סכנה אין וועלכער ער איז געווען אויסגעשטעלט.

קאַפּיטל ג׳: אַ געזאַנג פון דוד, ווען ער איז אַרויס דער זיגער פון דער רעוואָלוציע, וואָס זיין זון אבשלום האָט קעגן אים אַרויסגערופן. מזמור לדוד, בברחו מפני אבשלום בנו.

קאַפּיטל ס׳: מכתם לדוד ללמוד, אַ גאָלדן געזאַנג צו דוד, צו לערנען זיין פאָלק, אַז אַלע געשעענישן קומען פון דער השגחה, פון גאָט. בהצותו את ארם נהרים ואת ארם צובה, וישב יואב ויך את אדום בגיא מלח שנים עשר אלף. ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט די דערמאָנטע מלכים האָט יואב זיין פעלדמאַרשאַל זיי באַזיגט אין גיא־מלח...

קאַפּיטל מ״ו: פול מיט אָפּטימיזם, אַ גייסטיקער טאָניק צו שלעכטע צייטן. אלהים לנו מחסה ועז, עזרה בצרות נמצא מאד. גאָט איז

אונדזער באַשיצער. הילף אין צרות געפינט מען זייער, דערפאַר על־כן לא נירא בהמיר הארץ. דערפאַר וועלן מיר ניט מורא האָבן ווען די ערד וועט זיך בייטן דורך מלחמות, און ווען די בערג וועלן זיך אַריינגליטשן אין די ימים...

קאַפּיטל ס"ו: אַן אויפפאָדערונג צו דער וועלט, זי זאָל אַנערקענען און לויבן גאָט. הריעו לאלהים כל הארץ, שאַלט צו גאָט די גאַנצע לאַנד (וועלט)... זינגט צו זיין כבוד, זמרו כבוד שמו, און שימו כבוד תהלתי, זעט אַז זיין לויב זאָל זיין מיט כבוד. כל הארץ ישתחוו לך, ויזמרו לך, יזמרו שמך סלה. די גאַנצע וועלט וועט זיך בוקן צו דיר און שטענדיק זינגען צו דיר לויב־געזאַנגען.

קאַפּיטל ע"ד: אין דעם קאַפּיטל ווערט רעאַליסטיש פאָרגעשטעלט אין אַ הויך פּאָעטישער שפּראַך, און קורצע זאַצן, די שרעקלעכע דראַמע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט אונטער דער הערשאַפט פון גריכישן טיראַן און משוגענעם אַכטיוכוס הרשע. למה אלהים זנחת לנצח, יעשן אפך בצאן מרעיתך. פאַרוואָס גאָט האָסטו פאַרלאָזט אויף אייביק און האַלטסט אָן דיין כעס אויף די יידן וואָס זיינען דיינע שאָף וואָס דו פּיטערסט. שלחו באש מקדשך, לארץ חללו משכן שמך. זיי האָבן דיין בית המקדש פאַרברענט און צו דער ערד דערנידעריקט וואו דיין נאָמען האָט גערוט...

קאַפּיטל פ"ג: וועגן די פאַרטיידיקונגס־מלחמות וואָס די יידן האָבן געפירט מיט זייערע אָנפאַלער, די שכנים־פעלקער. כי הנה אויביך יהמיון ומשנאיך נשאו ראש. די פיינד ברומען און האָבן זיך פאַרמאָסטן אונדז צו באַזיגן. על עמך יערימו סוד, ויתיעצבו על צפוניך. אויף דיין פאָלק האַלטן זיי זיך סודותדיקע עצות, כדי זיי אומצוברענגען. אמרו, לכו ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד, זיי האָבן געזאָגט, גייט, מיר וועלן זיי פאַרשניידן פון צו זיין אַ פאָלק און עס זאָל ניט דערמאָנט ווערן קיין מאָל דער נאָמען ישראל...

קאַפּיטל ע"ה: געווידמעט די מלחמות פון די חשמונאים. כי אלהים שפט, זה ישפיל וזה ירים, גאָט איז דער וואָס משפּט, די הויכע דערנידעריקט ער און די נידעריקע דערהויבט ער. כי כום ביד א"ד, ויין חמר מלא מסך, ויגר מזה אך שמריה ימצו ישתו כל רשעי ארץ. דער כום אין גאָטס האַנט איז פול מיט גוטן וויין וואָס רינט אַראָפּ, אָבער דעם אָפּזאַץ, די הייוון וועלן אויסטרינקען און אויסשמאָטשקען די שלעכטע פון דער ערד...

קאַפּיטה קל"ז: דערציילט וועגן ערשטן יידישן גלות, וועגן גלות בבל. על נהרות בבל שם ישבנו, אויף די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן און האָבן געוויינט ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ציון.

קאַפּיטל קמ"ט: דריקט אויס די אומגעהויערע פרייד נאָכן זיג פון די חשמונאים. שירו לד׳ שיר הדש, תהלתו בקהל חסידים, זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג זיין לויב ביי די קהל חסידים, ביי דער פאַרזאַמלונג פון די

פרומע. ישמח ישראל בעשיו, בני ציון יגילו במלכם, דאָס פאָלק ישראל וועט זיך פרייען מיט זיין גאָט, די בני ציון וועלן זיך פרייען מיט זייער קענג. יהללו שמו במחול, בתף וכנור יזמרו לו, זיי וועלן לויבן גאָטס נאָמען מיט טענץ און מיט מוזיק...

קאַפּיטל י"ט: אַ וואונדערבאַרער הימן וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור און וועגן גאָטס כח. אין דער טבע. השמים מספרים כבוד אל, ומעשי ידיו מגיד הרקיע, די הימלען דערציילן וועגן כבוד פון גאָט און פון זיין גרויסן באַשאַף...

קאַפּיטל כ"ט: קול א"ד בכח, קול א"ד בהדר, גאָטס שטימע איז אין כח, גאָטס שטימע איז אין שיינקייט, א. א. וו.

קאַפּיטל ק"ד: עטה אור כשלמה, נוטה שמים כיריעה, ער האָט איינגעוויקלט די וועלט מיט ליכט, ווי אַ מענטש וויקלט איין זיין גוף מיט אַ קלייד, האָט אָפּגעטיילט די הימלען ווי מיט אַ פאָרהאַנג...

פאָלגנדע טראַדיציאָנעלע מזמורים, הימנען און הללויהס האָט מען געזונגען אין ערשטן און צווייטן בית המקדש אין די באַשטימטע פייערטעג פון ראש חדש, ימים טובים און נאַציאָנאַלע פייערלעכקייטן:

קאַפּיטל פ"א: הרנינו לאלהים עוזנו, הריעו לאלהי יעקב, שאו זמרה, ותנו תף, כנור נעים עם נבל.

קאַפּיטל כ"ד: מי יעלה בהר א"ד ומי יקום במקום קדשו.

קאַפּיטל ס"ח: יקום אלהים ויפוצו אויביו וינוסו משנאיו מפניו.

קאַפּיטל צ"ה: לכו נרננה ל"ד נריעה לצור ישענו.

קאַפּיטל ק"ז: הודו לד' כי טוב, כי לעולם חסדו.

קאַפּיטל קי"א: הללויה אודה א"ד בכל לבב, בסוד ישרים ועדה.

קאַפּיטל קי"ב: הללויה אשרי איש ירא את א"ד, במצותיו חפץ מאד.

די קאַפּיטלען קי"ג, הללויה הללו עבדי א"ד און קי"ח הודו ל"ד כי טוב האָט מען געזונגען אין די אָוונטן פון פסח (משנה פסחים).

מיטן קאַפּיטל קט"ו, א"ד זכרנו יברך יברך את בית ישראל, יברך את בית אהרן... ברוכים אתם ל"ד עושי שמים וארץ, האָבן די כהנים פון דוכן (זע וויטער), געבענטשט די עולי רגל.

שיר המעלות. — די געזאַנגען פון די טרעפּ. די שירים האָבן די לויים געזונגען אויף די טרעפּ. 15 טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט פון עזרת ישראל צו עזרת נשים, אויף זיי (טרעפּ) זייַנען געשטאַנען די לוים ווען מען האָט געפייערט שמחת בית השואבה, מיט זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אָן אַ צאָל און האָבן געשפּילט און געזונגען די געזאַנגען פון די טרעפּ „שיר המעלות" (סוכה נ"א). 15 זייַנען אויך די שירים. אויף יעדער טרעפּ האָט מען געזונגען אַן אַנדער שיר. פון דאַנען די געזאַנגען פון די טרעפּ „שיר המעלות", וואָס איז געווען זייער באַקאַנט און פאַרשפּרייט אין ארץ־ישראל.

דער אינהאַלט פון די געזאַנגען פון די טרעפּ איז, טיף רעליגיעז, הייס נאַציאָנאַל און דורכגעדרונגען פון אמונה און בטחון אין גאָט.

די ערשטע שטראָפן פון די שיר המעלותן:

1. גאָט ראַטעווע מיין נשמה פון ליגן און פאַלשקייט.
2. איך הויב אויף מיינע אויגן צו די בערג צו זען פון וואַנעט וועט קומען מיין הילף...
3. איך האָב זיך געפרייט ווען מען האָט מיר געזאָגט אַז מיר וועלן גיין צו גאָטס הויז...
4. ווען גאָט וואָלט ניט געווען מיט אונדז ווען מענטשן זיינען אונדז באַפאַלן, וואָלטן זיי אונדז לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען...
5. די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף גאָט, וועלן זיין פעסט ווי דער באַרג ציון, קיין מאָל זיך ניט אויסגליטשן...
6. אַז גאָט וועט צוריקקערן די געפאַנגענע פון ציון, וועט עס זיין ווי אַ חלום...
7. אויב גאָט וועט ניט בויען אַ שטוב אומזיסט וועלן זיך מאַטערן די בויער... אויב גאָט וועט ניט היטן אַ שטאָט, אומזיסט וועט זיך פלייסן דער היטער...
8. וואויל איז דעם וואָס האָט מורא פאַר גאָט און גייט אין זיינע וועגן...
9. אַ סך פעלקער האָבן מיר פאַרשאַפט צרות פון מיין יוגנט אַזוי וועט זאָגן ישראל...
10. פון די טיפענישן פו ליידן האָבן איך דיר גערופן גאָט !...
11. גאָט! איך האָב זיך ניט געגרויסט און ניט באַרימט, אַז איך האָב געטאָן גרויסע וואונדערלעכע זאַכן...
12. געדענק גאָט צו דודן אַלע זיינע ליידן...
13. ווי גוט און ווי אַנגענעם ווען ברידער זיצן צוזאַמען...
14. בענטש גאָט אַלע קנעכט פון גאָט וואָס שטייען אין גאָטס הויז באַנאַכט...
15. צו דיר ווענדע איך מיינע אויגן דו ! וואָס זיצסט אין הימל.

קאַפּיטל קל"ד, פלעגן אויך זינגען די כהנים און לויים ביינאַכט ווען זיי פלעגן אָנהאַלטן זייערע משמורים אין בית המקדש, כדי צו פאַר־טרייבן דעם שלאָף, און צו קאָמוניקירן זיך איינער מיטן צווייטן. ברכו את א"ד כל עבדי א"ד העומדים בבית א"ד בלילות. בענטשט גאָט אַלע קנעכט פון גאָט וואָס שטייען אין גאָטס הויז ביינאַכט. שאו ידיכים קדש, וברכו את א"ד, הויבט אויף אייערע הענט מיט קדושה און בענטשט גאָט. און די אַנדערע גרופּעס פון די משמורים האָבן געענטפערט: יברכך א"ד מציון עשה שמים וארץ, זאָל דיר בענטשן דער גאָט פון ציון, דער וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד.

די קאַפּיטלען קמ״ו, קמ״ז, קמ״ח און קמ״ט, זיינען געווען די שירי הלל וואָס די לויים האָבן געזונגען פון זייער דוכן. ספּעציעלער בימה (זע ווייטער דוכן).

די קאַפּיטלען א׳, אשרי האיש און קי״ט, אשרי תמימי דרך, איז פול מיט גוטע און פּראַקטישע עצות ווי צו לעבן אַן אָרנטלעכן ריין יידישן לעבן. איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַכט־פּאַכיקן אלף־בית.

קאַפּיטל ק״נ, איז געווען דער הערלעכער הימן מיט וועלכן מען פלעגט שליסן די געזאַנגען אין בית המקדש ביי גרויסע יום־טובדיקע פייערונגען.

די פאַרערונג פון די יידן צו זייער קעניג

אין די קאַפּיטלען תהלים ווערן איבערגעגעבן די באַציאונגען און פאַרערונג וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט צו זייער קעניגלעכער דינאַסטיע.

קאַפּיטל מ״ה, יפיפית מבני אדם, הוצק חן בשפתותיך, על כן ברכך אלהים לעולם, דו ביזט דער שענסטער פון מענטשן, חן איז אויסגעגאָסן אויף דיינע לעפצן, דערפאַר האָט דיר גאָט געבענטשט אויף אייביק.

קאַפּיטל ע״ב, אלהים, משפטך למלך תן, וצדקתך לבן מלך, גאָט! די חכמה פון משפטן צום קעניג גיב און צו אויסגעפינען די גערעכטיקייט צום בן מלך.

קאַפּיטל ק״א, דער וואונטש פון אַ מלך. לב עקש יסור ממני, רע לא אדע, אַ פאַרקרימטע האַרץ זאָל אָפּקערן פון מיר, שלעכטס וויל ניט וויסן.

קאַפּיטלען פון חשבן הנפש

עס זיינען פאַראַן קאַפּיטלעך תהלים וואָס רופן און מאָנען דעם ייד צו אַן אויפריכטיקן חשבון הנפש.

קאַפּיטל מ״ט, וואָס מען זאָגט אין די שבעה טעג ביי אבלים, אָדער אין די שולן ביי אַן אזכרה־אַקט נאָך אַ גרויסער פערזענלעכקייט. שמעו זאת כל העמים, האזינו כל יושבי חלד, הערט עס אויס אַלע פעלקער, פאַרנעמט עס אַלע וואָס זיצן אין דער וועלט. הבטחים על חילם וברב עשרם יתהללו, די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף זייערע פאַרמעגנס און מיט זייער רייכטום באַרימען זיי זיך. ויחי עוד לנצח, לא יראה השחת, ווען אפילו ער זאָל לאַנג לעבן, וועט ער ניט זען דעם קבר! כי יראה חכמים ימותו, יחד כסיל ובער יאבדו ועזבו לאחרים חילם, אַז ער וועט זען אַז חכמים וועלן שטאַרבן, באַגלייך מיטן נאַר און פּוסטן, און זייער פאַרמעגן וועלן זיי איבערלאָזן צו פרעמדע... ואדם ביקר לא ילין, דער מענטש איז דאָך ניט זיכער מיט זיין פאַרמעגן, אַז עס וועט מיט אים איבערנעכטיקן... דער

וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיין פאַרמעגן איז גלייך מיט זיין שכל ווי א בהמה, נמשל כבהמות נדמו...

קאַפּיטל ס"ב: עד אנה תהותתו על איש, תרצחו כלם כקיר נטוי, גדר הדחויה, ביז וואַנען וועט איר טראַכטן שלעכטס אויף מענטש צו באַזלגען! איר זענט אַלע ווי אַן איינגעבויגענע וואַנט, ווי אַ צעבראָכענער פּלויט...

יעדער פון די דערמאָנטע מזמורים, הימנען, האָבן געהאַט זייערע באַשטימטע מעלאָדיעס, וועלכע זיינען געווען גוט באַקאַנט אין פאָלק און מען האָט זיי געזונגען, און עס האָט געווירקט אין פאָלק צו האַלטן דעם חשבון הנפש צו יעדער צייט. אין בית המקדש האָבן עס די לויים געזונגען באַגלייט מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, כדי צו ווירקן שטאַרקער אויף די צוהערער, אַריינברענגען זיי אין אַ שטימונג פון חשבון הנפש.

אין אייניקע מזמורים פון תהלים ווערן רעליעוו אויסגעמאָלט און פאַרגעשטעלט פּראַכטפולע בילדער פון דעם פאַרגאַנגענעם רואיקן זיט־לעכן יידישן לעבן אין ארץ־ישראל.

ניי־יאָר פייערונג אין ירושלים

איינע אַזאַ פּראַכטפולע בילד, ממש ווי אויפגעשטעלט אויף אַ טעאַ־טער־סצענע, וואָס מאַכט ציטערן דאָס האַרץ פון גרויס התפעלות, וואָס טראָגט אונדז אַריבער אין יענעם ליכטיקן עבר, איז די, וואָס שטעלט פאַר דער קאַפּיטל פ"א, וואָס געהערט צום מנצח על הגתית לאסף.

דער מזמור שטעלט פאַר אין אַ הויך פּאַטעטישער שפּראַך, אַ ניי יאָר פייערונג (ראש השנה) אין ירושלים, אין הויף פון בית המקדש.

דאָס פאָלק איז פאַרזאַמלט אין הויף פון בית המקדש. די כהנים גרייטן צו די קרבנות פון יום־טוב. אין הויף און אין די פרייע צימערן פון בית המקדש, זיצן אַרום די טישן גאַנצע משפחות מיט זייערע געלאַדענע געסט יום־טובדיק געקליידעט, פול מיט דערוואַרטונג און מיט התלהבות און קוקן צו ווי מען גרייט די סעודת הזבח...

מאַסן יוגנט און עלטערע איינוואוינער פון ירושלים און פון אַרום, יום־טובדיק געקליידעט און יום־טובדיק געשטימט, ציען מיט שטראַלנדיקע פריילעכע פּנימער, צו די טויערן פון בית המקדש, איילנדיק זיך צו פאַר־נעמען די בעסטע פּלעצער, צו קאָנען זען ווי די כהנים ריכטן אָפּ די עבודה און צו קאָנען בעסער הערן ווי די לויים זינגען און שפּילן.

אַלע אַנוועזנדע זיינען אָנגעשטרענגט און באַהערשט פון אַ הייליקן ציטער, הערצער קלאַפּן שטאַרקער, אָט, אָט הויבט זיך אָן די עבודה פון די כהנים. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צו דער זייט וואו די כהנים און לוים שטייען אָנגעטאָן אין די בגדי כהונה, אין די יום־טובדיקע צע־רעמאָניאַלע קליידער, גרייט אָנצופאַנגען די עבודה.

מען ווארט נאָר אַ צייכן פון דעם צערעמאָניאַל־מייסטער, פון דעם סגן הכהן גדול.

אין דעם מאָמענט פון דערוואַרטונג און עמאָציע, הערט מען ווי דער צערעמאָניאַל־מייסטער ווענדעט זיך צום פאַרזאַמלטן עולם מיט פאָלגענ־דע ווערטער: הרנינו לאלהים אזנו, הריעו לאלהי יעקב, זינגט הויך מיט התלהבות צו גאָט אונדזער באַשיצער, שאַלט מיט פרייד צו גאָט פון יעקב.

און צו די לוויים ווענדעט ער זיך אַ באַגייסטערטער און שרייט אויס מיט גרויס התלהבות: שאו זמרה! ותנו תף! כנור נעים עם נבל, הויבט אויף אַ געזאַנג אויף אייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אויפן כנור און נבל און לאָזט הערן אייערע פייקלעך צום טאַקט.

און צו די כהנים האָט ער זיך געווענדעט מיט פאַטאָס און רעליגיעזן התלהבות: תקעו בחדש שופר, בלאָזט שופר לכבוד יום טוב, ווייל דאָס איז אַ געזעץ צו די יידן, און דאָס איז דער טאָג פון משפט צום גאָט פון יעקב, כי חק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב.

אַלע, באַהערשט פון אומגעהויערער התפעלות, האָבן אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון דעם צערעמאָניאַל־מייסטער, און דער גאַנצער הויף פון בית המקדש איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַ הייליק געזאַנג. עס האָבן זיך צונויפגעגאָסן די אַלע קלאַנגען, פון כאָר, אָרקעסטערס, קול שופר און פון פאַרזאַמלטן עולם אין איין גרויס געזאַנג, אַ געזאַנג פון אַ הייליק פאָלק, וואָס זינגט אַ לויב־געזאַנג צו זיין גאָט.

לויט דער טראַדיציע האָט מען דעם מזמור געזונגען אין בית המקדש, ראש השנה.

הרנינו לאלהים עזנו — הריעו לאלהי יעקב.\
שעו זמרה ותנו תף — כנור נעים עם נבל.\
תקעו בחדש שופר — בכסה ליום חגנו.\
כי חק לישראל הוא — משפט לאלהי יעקב.

די חתונה פון אַ יידישן פרינץ אין ישראל

נאָך אַ וואונדערלעך בילד פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט ווי מען האָט געפייערט אין ירושלים אַ חתונה פון אַ יונגן מלך פון ישראל, מיט אַ כלה אַ פרינצעסין פון אַן אַנדער פאָלק, שטעלט פאָר דער מזמור מ"ה, דער מנצח על שושנים, וואָס האָט געהערט צו די מוזיקער און קאָמפּאָ־זיטאָרן בני קרח. אַ געזאַנג פון פאַרערונג און פריינדשאַפט. שיר ידידות. רחש לבי דבר טוב אמר אני מעשי למלך, לשוני עט סופר מהיר, מיין האַרץ טראַכט אַ גוטע זאַך, איך זאָג, אַז די שאַפונג פון מיין שיר איז צום קעניג. מיין צונג איז די פען פון אַ פעאיקן שרייבער.

צו די טויערן פון ירושלים קומט אָן די כלה־פרינצעסין, אָנגעטאָן אין אירע קעניגלעכע קליידער, באַצירט מיט גאָלד און טייערע איידל־שטיי־

נער, באַהאָנגען מיט שנירלעך פּערל און דימענטן, איז באַגלייט פון אירע נאָענטע פריינדינס און פון הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, מיניסטאָרן, דיפּלאָ־מאַטן און מיליטער.

צו באַגעגענען זיין כלה קומט אַרויס דער יונגער קעניג אויף זיין שטאַרק פערד וואָס איז באַפּוצט און באַצירט מיט גאָלד און זילבער און איז באַדעקט מיט די טייערסטע טעפּיכער, מאַיעסטעטיש אָנגעטאָן מיט דער גאָלד־באַפּוצטער שווערד ביי דער זייט, באַגלייט פון זיינע מיניס־טאָרן און הויכע באַאַמטע. דאָס מיליטער האַלט וואַך דעם גאַנצן וועג ביז צו די טויערן פון ירושלים. דאָס פאָלק יובלט פון פרייד און פילט אָן די גאַסן.

נאָך דער באַגעגעניש־צערעמאָניע, פאַנגט זיך אָן די אימפּאָזאַנטע פּראָצעסיע פון אַריינברייגען דער כלה מיט אירע מענטשן קיין ירושלים אין קעניגלעכן הויף. פאַר דער פּראָצעסיע גייען זינגער און שפּילער. הינ־טער דער פּראָצעסיע גייען געסט און דאָס פאָלק. די לופט ווערט פאַר־הילכט פון יובל־אויסגעשרייען און פון געזאַנג און מוזיק.

ווען דער קעניג מיט זיין כלה קומען צו צו זייער רעזידענץ, דער־שיינט פאַר זיי דער הויף־פּאָעט און מוזיקער און זינגט פאַר זיי זיין קבלת־פּנים ליד, אַקאָמפּאַנירט אויף זיין מוזיקאַלישן אינסטרומענט „ששנים".

יפיפית מבני אדם, דו ביזט דער שענסטער פון אַלע מענטשן, הוצק חן בשפתתיך, עס איז אויסגעגאָסן לייטזעליקייט אויף דיינע ליפּן און דערוועקט ליבע און צוטרוי, על כן ברכך אלהים לעולם, דערפאַר האָט דיר גאָט געבענטש אויף אייביק.

צו דיין שיינקייט ביזטו אויך געלייטזעליקט מיט גבורה, חגור חרבך על ירך גבור, גור אָן דיין שווערד אויף דיינע לענדן, גבור. דאָס וועט זיין הודך והדרך, עס וועט דיר צוגעבן שיינקייט און העלדישקייט. מר ואהלות קציעות כל בגדותיך, דיינע קעניגלעכע קליידער זיינען געוועבט ניט פון פאָדים, נאָר פון די טייערסטע בשמים. מן היכלי שן מני שמחוך, דיין פרייד און האַרץ־ברייטקייט וועט זיין ווי ביי די וואָס זיצן אין פּאַלאַצן פון העלפאַנד־ביין. בנות מלכים ביקרותיך, צווישן די געסט אויף דיין חתונה זיינען דאָ קעניגלעכע טעכטער. נצבה שגל לימינך בכתם אופיר, דיין מלכה שטייט צו דיין רעכטער זייט אין די טייערסטע צירונג פון אופיר.

און צו דער כלה ווענדעט זיך דער הויף־משורר מיט פאָלגנדע האַר־ציקע ווערטער: הער טאָכטער! זע און פאָלג שמעי בת וראי, והט אזנך, ושכחי עמך ובית אביך, פאַרגעס דיין פאָלק און דיין פאָטערס קייזער־לעך הויז, וועסטו זיין שטענדיק גליקלעך. דער מלך וועט דיר ליב האָבן, ער וועט זיין דאַן האַר און דו זאָלסט אים ליב האָבן און פאָלגן. ויתאו

המלך יפיך, כי הוא אדניך והשתחו לו, אנשטאט דיינע עלטערן וועלן זיין דיינע קינדער צו האַרן אין גאַנצן לאַנד. תחת אבותיך יהיו בניך תשיתמו לשרים בכל הארץ.

נאָך דעם הערלעכן קבלת פנים, האָט מען דער כלה־פּרינצעסין אריינגעפירט אין די קעניגעלכע פּאַלאַצן, זינגענדיק, כל כבודה בת מלך פנימה.

קאפיטל פיר

אייגנאַרטיקע פּאָעזיע און מוזיק אין תהלים

די צוויי גרויסע גאָטס מתנות צו די מענטשן. מיינונגען וועגן פּאָעזיע און מוזיק: וואָלטעיר, לאַמאַרטינאַ, שעקס־פּיר, דעשאַמפּס. יידישע קלאַסישע פּאָעזיעס. די הנאה פון אַ ניגון, נגינה לויט קבלה. חסידישע מוזיקאַלישע טער־מינאָלאָגיע. שירה און זמרה ביי יידן. די ווירקונג פון נגינה ביים מקריב זיין קרבנות. תורה וועגן קרבנות. רמב״ם וועגן קרבנות, נביאים וועגן קרבנות. די ווירקונג פון די באַשטימטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן ביים מקריב קרבנות. וידוי ביי מקריב זיין קרבנות.

אין תהלים האָבן זיך פאַראייניקט די צוויי גרויסע און וויכטיקע מתנות וואָס גאָט האָט געשאָנקען דער מענטשהייט: צו דערפרייען און באַגייסטערן זיי, צו באַרואיקן זייער געמיט און צו שטאַרקן זייער האַרץ, צו באַרייכערן זייער וויסן, צו שאַרפן זייער פאַרשטאַנד און צו פאַרשע־נערן און צו פאַרזיסן דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט.

די צוויי פון גאָט־געבענטשטע מתנות זיינען: פּאָעזיע און מוזיק. וועלכע ווערן אַרויסגעבראַכט און אַנטוויקלט פון צוויי פאַרשיידענע פּער־זענלעכקייטן: פּאָעט און מוזיקער, וועלכע באַאיינפלוסן זיך גאַנץ אָפט און באַרייכערן זיך איינער פון דעם צווייטן.

אָפט טרעפט, אַז באַגאַבטע, פון גאָט געבענטשטע פּערזענלעכקייטן זאָלן זיין גרויסע מוזיקער און אויך באַגאַבטע פּאָעטן.

דוד מלך ישראל, איז לויט דער יידישע מסורה, געווען מוזיקער און פּאָעט, דער נעים זמירות ישראל, דער וואָס האָט פאַרזיסט די יידישע געזאַנג. מיר ברענגען אייניקע מיינונגען וועגן מוזיק און פּאָעזיע פון פאַר־שידענע פּערזענלעכקייטן:

וואָלטעיר רופט פּאָעזיע: די מוזיק פון דער נשמה און איבערהויפּט פון גרויסע נשמות.

לאַמאַרטינאָ זאָגט: אַז פּאָעזיע איז די מוזיק וואָס די גאַנצע מענטשהייט טראָגט אין זיך.

דעשאַמפּס רופט פּאָעזיע: מוזיק וואָס דענקט.

אין אַלגעמיין איז ריינע פּאָעזיע די, וואָס קומט אַרויס פון אײַ־נערלעכע גייסטיקע איבערלעבונגען, פון איבערפלוס פון געפילן, פון טיפן דענקען, פון גרויסע התפעלות און שטאַרקער עמאָציע.

צו די געהערן די יידישע קלאַסישע פּאָעזיעס, די אַנערקענטסטע: תהלים, די נבואות פון ישעיהו, האזינו פון תורת משה און די קלאָג־לידער פון ירמיהו הנביא.

דאָס זיינען פּאָעזיעס וואָס שטראַלן דורך אַמשטאַרקסטן אין מוזיק, שפּיגלען אָפּ אויף אַ הערלעכן אופן די באַוועגונגען פון דעם מענטשנס נשמה, זיינע געפילן אין טיפן דענקען.

און דעם מענטשנס נשמה האָט הנאה פון נגינה און פּאָעזיע. ווייל די נגינה און פּאָעזיע דרינגען אריין אין דער טיפעניש פון זיין נשמה און צעשפּרייטן זיך דאָרט אין אַלע צעלן פון דער נשמה און פילן אָן דעם גאַנצן מענטשלעכן וועזן מיט קדושה.

אין קבלה ווערט אַרויסגעבראַכט פאָלגנדער געדאַנק וועגן דער וויכ־טיקייט און ווירקזאַמקייט פון נגינה: אַז עס זיינען פאַראַן אין די הימלען אַזעלכע פּאַלאַצן (הוכלין) וואָס האָבן רשות (דערלויבעניש) זיך צו עפע־נען נאָך דורך מוזיק, ד"ה, ווען מען זינגט תפלות דאָ אויף דער וועלט צעעפענען זיך אין די הימלען די טויערן פון די הוכלין מקבל צו זיין די תפלות. נגינה זאָל זיין דער שליסל צו די פּאַלאַצן אין הימל.

ביי חסידים איז אָנגענומען, אַז אויב מען קאָן ניט געפונען די פּאַ־סענדסטע ווערטער אויסצודריקן די ליבע און איבערגעגעבנקייט צו גאָט, זאָל מען עס טון דורך אַ ניגון. די טענער פון דעם ניגון האָבן אין זיך אַלע עלעמענטן פון געטלעכער שפּראַך. צוליב דעם האָבן די חסידים זיך געשאַפן זייער אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישע טערמינאָלאָגיע ביים זינגען, ווי: דבוקות, דבוקות הרבי, עליה, בענקשאַפט צו גאָט, באַהעפטן זיך מיט גאָט, אויפהייבן זיך צו גאָט, דערנענטערן זיך צו גאָט אא"וו.

ווען דאָס האַרץ נאָגט און בענקט, ווען מען איז אין אַ גוטער אָדער געדריקטער שטימונג און מען געפינט ניט קיין אויסגאַנג זיך צו באַ־רואיקן, ברומט מען אומבאַוואוסטזיניק אַ ניגון. דורך די טענער פון ניגון לאָדט זיך אויס די נאָגעניש, די בענקשאַפט, געדריקטקייט און אויך פריילעכקייט, וואָס באַהערשט דעם מענטשן, און מען פילט זיך באַרואיקט און גענעזן, ווייל דאָס וואָס דאָס וואָרט קאָן נישט ווירקן, קומט די נגינה און דערגענצט עס פילפאַכיק. אין תהלים האָבן זיך פאַראייניקט די צוויי גייסטיקע עלעמענטן: שירה און זמרה, פּאָעזיע און מוזיק, וואָס דערגענצן

זיך קענגזייטיק. די שפּראַך פון תהלים איז אַזוי פּאַעטיש הויך, די זאַצן אַזוי וואונדערבאַר געבונדן, אַז די נגינה זינגט אַרויס פון יעדער וואָרט און פון יעדער זאַץ, און באַשטראַלט מיט קדושה זייער אינהאַלטסרייכן אינהאַלט.

דערפאַר האָט מען אין בית המקדש געזונגען די מזמורים פון תהלים אין די ימים טובים און ביים מקריב זיין קרבנות פאַרן יחיד ווי פאַרן קהל, ווייל דער אינהאַלט פון די מזמורים מיט זייערע מעלאָדיעס, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אויף די באַשטימטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, האָבן באַזעסן דעם גייסטיקן כח צו דערהויבן די יעניקע וואָס זיינען געקומען אויף די ימים טובים קיין ירושלים אין בית המקדש, און אויך די יעניקע וואָס האָבן געבראַכט אַ קרבן צו גאָט אויף געטאָענע זינד, צו דער העכסטער מדרגה פון חרטה, גוטסקייט און דערהויבנקייט.

דער געדאַנק, אַז דער אינהאַלט פון די מזמורים פון תהלים און די נגינה מיט וועלכער מען האָט זיי געזונגען, ווי אויך די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס זיינען געווען באַשטימט צו באַגלייטן די אָדער אַנדערע מזמורים, האָבן געהאַט דעם גייסטיקן כח צו דערהייבן די יעניקע, וואָס האָבן געבראַכט אַ קרבן אין בית המקדש מכפּר צו זיין פאַר זייערע זינד, צו דער העכסטער מדרגה פון חרטה און דערהויבנקייט, באַשטעטיקט דעם רמב״ם׳ס דערקלערונג אין זיין מורה נבוכים וועגן ענין הקרבנות: אַז ביים מקריב זיין אַ קרבן יחיד, האָט מען געזוכט אויפצואוועקן ביי דעם יעניקן וואָס האָט געבראַכט דעם קרבן מקריב צו זיין, אַ געפיל פון חרטה אויף זיינע געטאָענע זינד; מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל נישט מיינען אַז מיט דעם וואָס מען איז מקריב אַ קרבן חטאת אָדער אשם, ווישט ער אָפּ זיינע עבירות וואָס ער האָט געטאָן, ער מוז וויסן אַז אַ קרבן אָן אַ אויפריכטיקן געפיל פון חרטה און אַ פליכט אויף ווייטער ניט צו זינדיקן, וועט ניט אָנגענומען ווערן פון גאָט.

דער זעלבער געדאַנק ווערט אין דער תורה אַ אימפּעראַטיוו, וסמך ידו על ראש החטאת (ויקרא ד׳) דער וואָס ברענגט מקריב צו זיין אַ קרבן חטאת אָדער קרבן אשם, זאָל אָנשפּאַרן זיין האַנט אויפן קאָפּ פון דעם קרבן און זאָל זיך מתודה זיין אויף זיינע עבירות וואָס ער האָט געטאָן, און דאָס מיינט אויך אַ פליכט אויף ווייטער ניט צו טאָן די עבירות, אַז ניט האָט דאָך ניט קיין זין זיין חרטה.

די נביאים האָבן דעם געדאַנק וועגן קרבנות אויסגעדריקט טיפער שאַרפער: הנה שמוע מזבח טוב (שמואל א׳ ט״ז) דער וואָס פאָלגט אויס גאָטס געבאָט, איז בעסער ווי ווען ער ברענגט די בעסטע שעכטונג (קרבן). למה לי זבחיכם, אמר א״ד (ישעיה א׳ י״א) דער נביא זאָגט צו די יידן אין נאָמען פון גאָט: צו וואָס דאַרף איך אייערע פיל שעכטונגען (קרבּ־נות) רצחו הזכו הסירו רע מלליכם מנגד עיני חדלו הרע (דאָרט, ט״ו)

בעסער וואשט אייך, רייניקט אייך, טוט אַפּ אייערע שלעכטע מעשים פון מיינע אויגן, הערט אויף שלעכטס צו טאָן.

אין תהלים קומט אַרויס דער געדאַנק נאָך שאַרפער, נאָך בולטער: כי לא תחפוץ זבח ואתנה, עולה לא תרצה (נ"א, י"ח), גאָט וויל ניט קיין שעכטונג, וואָס מען וועט אים געבן, אַ קרבן עולה איז פון גאָט ניט באַוויליקט, זבחי אלהים, רוח נשברה ולב נשבר ונדכה, אלהים לא תבזה (נ"א י"ט), די זבחים וואָס גאָט וויל, איז אַ ריינע תשובה וואָס קומט אַרויס פון אַ צעבראָכן האַרץ, פון אויפריכטיקע חרטה, אַזאַ קרבן וועט גאָט ניט פאַרשעמען.

פון דאָס געזאָגטע איז קלאָר, אַז דאָס קרבנות ברענגען אין בית המקדש איז געווען באַצוועקט צו גאָר אַ וויכטיקן מאָראַלישן ציל. און דאָס איז, אַרויסצורופן אַן אויפריכטיקן געפיל פון חרטה אויף די געטאָטענע זינד און אַ פאַרפליכטונג אויף ווייטער ניט צו באַגיין קיינע זינד...

מיין אַרויסגעזאָגטע השערה, אַז די מזמורים מיט זייער מאָראַלישן און עצהדיקן אינהאַלט, ווי אויך די מעלאָדיען מיט די צו דעם באַשטימטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט צו באַגלייטן, האָבן שטאַרק געווירקט אויף די יעניקע וואָס האָבן געבראַכט אַ קרבן חטאת אָדער קרבן אשם און האָבן ביי זיי אַרויסגערופן דעם געפיל פון ריינע חרטה אויף די געטאָטענע זינד, ווערן באַשטעטיקט ווען מיר באַקאַנען זיך מיט די פּראָצעדורן ווי עס זיינען צוגעגאַנגען דאָס איבערגעבן דעם קרבן צו די כהנים און די פאַרשידענע מזמורים וואָס מען האָט דערביי געזונגען ווי אויך די באַשטימטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן צו שפּילן ביי יעדער קרבן.

ביים איבערגעבן דעם קרבן צום כהן האָט זיך דער וואָס האָט געבראַכט דעם קרבן, געמוזט מתודה זיין אויף זיינע זינד, וסמך ידו על ראש הפּר, אָדער הודע אליו חטאתו אשר חטא... וסמך את ידו אל ראש החטאת. מיט זיין ודוי וואָס האָט געדאַרפט זיין בפּה און ניט במחשבה, מינדלעך און ניט אין געדאַנק, איז קלאָר געוואָרן פאַר די כהנים זיינע באַגאַנגענע זינד, ד. ה. זיינע נאַטירלעכע חיות'דיקע נייגונגען צו זינדיקן, חיות־אינסטינקטן.

כדי צו אָפּטויטן די שלעכטע אינסטינקטן און צו דער זעלבער צייט אויפצוועקן אין אים אַן אויפריכטיקן געפיל פון חרטה אויף די אָפּגעטאָענע זינד און אַריינגעבן אין אים אַ ווילן גוטס צו טאָן, האָט מען ביים מקריב זיין זיין קרבן, געזונגען די מזמורים וואָס אַנטהאַלטן די ווערטער וואָס קאָנען צוגעפּאַסט ווערן צו די זינד וואָס ער איז באַגאַנגען, די שטראָף וואָס ער וועט באַקומען דערפאַר און אויך די גוטע עצות ווי צו גיין אויפן דרך הישר ניט צו זינדיקן מער.

דערביי האָט דער מנצח געשפּילט אויף דעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דעם דערמאָנטן מזמור. דער קלאַנג פון דעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט און דער ריטם פון שפּילן, האָבן געהאַט דעם כח צו אַטראָפירן אין דעם זינדיקער זיינע חיהשע אינסטינקטן.

און דורך דעם אים געמאַכט פּעאיק צו פילן און צו פאַרשטיין אַז מיט דעם געבראַכטן קרבן, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַש און רויך וועט ער ניט באַקומען קיין מחילה אויף זיינע באַגאַנגענע זינד. גאָט וויל עס ניט (כי לא תחפץ זבח), דאָס וואָס גאָט וויל איז אַ ריין האַרציק געפיל פון אויפריכטיקער חרטה און אַ הייליקע פאַרפליכטונג אויף ווייטער ניט צו זינדיקן און צו טאָן נאָר גוטס.

צו באַלייכטן און באַשטעטיקן מיין אַרויסגעזאָגטע השערה, וועל איך ברענגען אַלס אילוסטראַציע אייניקע מזמורים פון תהלים, וואָס באַהאַנדלען די חיהשע אינסטינקטן ביי מענטשן אין די פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס באַזיצן דעם כח מיט זייער קלאַנג און ריטם צו אַטראַפירן אינסטינקטן.

ביים ברענגען אַ קרבן איז געווען נויטיק: א) ודוי, מינדלעך דערקלערן זיין זינד; ב) קרבן, מאַטעריעלע סאַנקציע; ג) דער אינהאַלט פון מזמור און ד) דער מוזיקאַלישער אינסטרומענט אויף וועלכן מ'האָט דערביי געשפילט.

קאַפיטל ה׳: למנצח על הנחילות, נחלות אָן אַ יוד איז פון מקור חליל, אַ פייפל (רש״י דאָרט).

מיט אַ פרימיטיוו פייפל פון האָלץ וואָס האָט פאַרשיידענע לעכלעך, צו אַרויסברענגען טענער, פאַרשלעפערט דער פאַקיר, דער הינדו, די געפערלעכסטע בייזע גיפטיקע שלאַנגען און מאַכט זיי אומשעדלעך.

די טבע פון אַ שלאַנג איז צו פאַרגיפטן, טויטן, אָן צו האָבן אַן אייגענעם געניוס. אַ שלאַנג איז פאַלש, און איז גיפטיק...

דער דערמאָנטע מזמור רעדט וועגן מענטשן וואָס האָבן אַלע אייגנשאַפטן פון אַ שלאַנג. כי אין בפיהו נכונה, אין זייער מויל איז נישטאָ קיין אמת, קרבם הוות, אין זיי איז נאָר פאַרדאָרבנקייט. קבר פתוח גרונם, זייער האַלדז איז אַן אָפענער קבר, ולשונם יחליקון און מיט זייער צונג רעדן זיי גלאַטיק... די שטראָף פאַר אַזעלכע מענטשן, תאבד דברי כזב, איש דמים ומרמה יתעב א״ד, דו גאָט וועסט פאַרטיליקן די וואָס רעדן ליגנס, אַ בלוט־פאַרגיסער און אַ פאַלשן וועט גאָט פאַראומווירדיקן...

דער חליל מיט וועלכן מען שפּילט ביים זינגען דעם מזמור, אין די הענט פון אַ מנצח, ווירטואָז, קען ווירקן און עמאַציאָנירן דעם צוהערער ביז צו אַזאַ הויכער מדרגה, וואָס זאָל נייטראַליזירן זיינע שלאַנגען־אינסטינקטן. די ווערטער פון דעם מזמור וואָס שטעלן פאָר די שלעכטקייט און אומנוצלעכקייט פון אַזאַ האַנדלונג און די פאַרזיכערונג, כי אתה תברך צדיק א״ד, אַז גאָט וועט בענטשן דעם צדיק, דערהויבן דעם צוהערער צו העכערע, צו ליכטיקע און אָרנטלעכע געדאַנקען, און אַזוי אַרום ווערט ער אויטאָמאַטיש באַפרייט פון זיינע נאַטירלעכע שלאַנגען־אינסטינקטן.

דעם זעלבן מיטל האָט מען גענוצט פאַר מענטשן וואָס זיינען באַהערשט פון פחדנות, פון אומצוטרוי, פון מורא.

די מזמורים ט׳ און מ״ו ווערן באַגלייט פון עלמות, אַ מוזיקאַלישער

הילצערנער בלאָז־אינסטרומענט (זע אויבן). דער מוזיקאַלישער אינסטרו־מענט מיט הויכע טענער ווירקט שטאַרק אויף א הירש. א הירש איז בטבע א גרויסער פּחדן. ניט האָבנדיק קיין שאַרפע נעגל און שטאַרקע ציין מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן פון זיינע אָנפאַלער און נאָכיאָגער, איז ער אין שטענדיקער אומרו און מורא, שטענדיק האַלט ער די אויערן אָנגעשטעלט, צו הערן א פאַרדעכטיקע באַוועגונג פון איינעם וואָס לויערט אויף אים. האַלט די אויגן אָנגעשטרענגט צו קוקן אויף אַלע זייטן, טאָמער קומט אָן זיינער א שונא, צו קאָנען זיך פון אים ראַטעווען באַצייטנס. און שונאים האָט דער הירש א סך, כאָטש ער טוט קיינעם קיין שלעכטס ניט, חיות יאָגן זיך נאָך זיין פלייש, מענטשן נאָך זיין פעל און שיינע הערנער. ביי דער קלענסטער באַוועגונג וואָס ער דערהערט אין וואַלד אָדער אין פעלד, אַנט־לויפט ער זיך צו ראַטעווען, ווייל אין יעדער באַוועגונג וואָס ער הערט, פילט ער א סכנה פאַר זיך. און דאָך איז גענוג מען זאָל אָנהויבן שפּילן אויף דעם „עלמות" ווי דער הירש פאַרגעסט מאָמענטאַל די גרויסע סכנה אין וועלכער ער געפינט זיך, שטעלט זיך אָפּ און קוקט זיך אַרום פון וואַנען דער קול קומט... דער קול פון עלמות האָט אין אים אַטראָפירט זיין פּחדנות, זיין שרעק פאַר זיינע שונאים.

די דערמאָנטע מזמורים ווערן געזונגען באַגלייט פון עלמות און באַרו־איקן דעם פּחדן מיט הירשן־אינסטינקט און פילן אים אָן מיט אמונה און בטחון.

בשוב אויבי אחור יכשלו ויאבדו מפניך, ווען מיינע פיינד וועלן אַנט־לויפן באַזיגטע, וועלן זיי געשטרויכלט און פאַרלאָרן גיין פאַר דיר. האויב תמו חרבות לנצח, דער פיינד האָט זיך געענדיקט, איז חרוב אויף אייביק. כי עשית משפטי ודיני ישבת לכסא שופט צדק, זייער מפּלה איז געקומען, ווייל דו האָסט געטאָן מיין משפּט, דו האָסט זיך באַזעצט אויפן כסא המשפּט, גערעכטיקער שופט. ויהי א"ד משגב לדך, משגב לעתות בצרה, און גאָט וועט זיין א באַשיצער צום פאַרשטויסענעם, א באַשיצער צו שלעכטע צייטן.

דער מנצח על עלמות מיט זיין שפּילן, האָט אַרויסגעשלעפּט דעם פּחדן פון זיין הירשן־אינסטינקט. דאָס שפּילן אויף עלמות האָט אים גע־מאַכט פאַרגעסן זיין פּחדנות פאַר מענטשן, פּונקט ווי יענעם הירש זיין סכנה. די ווערטער און אינהאַלט פון די מזמורים האָבן אים באַרואיקט, ער זאָל זיין זיכער, אַז זיינע פיינד וועלן פאַרלוירן גיין און אַז גאָט וועט אים באַשיצן אין די שלעכטע צייטן.

אַזוי ווי די זעלבע שוואַכקייט איז פאַרשידן ביי מענטשן האָט מען שטענדיק צוגעפּאַסט דעם מזמור ביי יעדן פאַל, ווייל דער כהן האָט דאָך געהערט זיין ודוי.

דער זעלבער אינהאַלט מיט אַנדערע ווערטער איז דער מזמור מ"ו. דעם מזמור האָט געשפּילט א ווירטואָז פון עלמות, באַגלייטנדיק א זינ־

גער. למנצח לבני קרח על עלמות שיר. אלהים לנו מחסה ועז, גאָט איז אונדז אַ באַשיצונג און אַ שטאַרקייט, עזרה בצרה נמצא מאד, אַ הילף אין אַ צייט פון אַ צרה, איז ער גרייט צו לאָזן זיך געפינען. לכו חזו מפעלות א״ד, זעט דעם כח פון גאָט, ער האָט פאַרשטערט מלחמות ביז עק וועלט, צושטויסן די שפּיז, צעבראָכן דעם בויגן, די מלחמה־וועגענער פאַרברענט אין פייער. א״ד צבאות עמנו, גאָט איז מיט אונדז...

דער אינהאַלט פון דיביידע מזמורים און די קלאַנגען פון עלמות מיטן ספּעציעלן ריטם פון דער מעלאָדיע האָבן ניט נאָר אַטראַפּירט ביי די פּחדנים זייער הירשן־אינסטינקט, נאָר האָט זיי אויך אָנגעפילט מיט אָפּטימיזם, אמונה און בטחון.

אויסער די דערמאָנטע חיות, זיינען דאָ גאָר אַ סך חיות וואָס האָבן אַ נייגונג צו פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווען נאָר זיי דער־הערן די טענער פון די אינסטרומענטן, שטעלן זיך אָפּ צו הערן, אַזוי ווייסט מען אַז פייגלען האָבן גערן אַ קליין פליוט־פּיקאָלאָ. בינען, טאַ־טשען מעשענע, אַבער־דולזיינא, טיגער, לייב און אַנדערע געוואוינען זיך צו מוזיק פון מעשענע בלאָז־אינסטרומענטן און צו מעלאָדיען מיט אַ ספּעציעלן ריטם.

מיליטערישע פערד גייען מיליטעריש נאָכן ריטם פון שפּילן פון מי־ליטערישע אָרקעסטערס. שטובּיקע חיות לערנען זיך אויס טאַנצן נאָכן ריטם פון מוזיק.

און מענטשן האָבן אַ סך היהשע אינסטינקטן, העלפן די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט זייערע קלאַנגען און ריטם צו אַטראַפּירן די אינס־טינקטן אין אַזוי אַרום מאַכן זיי פריי דעם וועג צום שכל און געפילן פאַר די ווערטער און אינהאַלט פון די מזמורים פון תהלים. און מוזיק ווירקט דאָך פיל מער אויף מענטשן ווי אויף חיות.

פיל פיזיאָלאָגן האָבן אויסגערעכנט, אַז דער מענטש לעבט אַרומ־גענומען פון אַ מאַסע לופט וואָס וועגט 16.300 קילאָ. ווען די לופט באַ־וועגט זיך דורך מאַכן וויברירן סטרונעס פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אָדער דורך שפּילן אויף בלאָז־אינסטרומענטן, מאַכט עס פילן, ניט נאָר דעם געהער, נאָר אויך אַלע איידעלע טיילן פון מענטשנס קערפּער און די טויזנטער נערוון וואָס ציען זיך איבער דעם קערפּער. פון דאַנען נעמט זיך די ווירקונג פון די פאַרשידענע פאָרמען פון ריטם אויפן מענטש, אויף זיינע געפילן, אינטעלעקט און באַוועגונגען.

אַ סך מזמורים זיינען אַדרעסירט אַנאָנים צום מנצח (דיריגענט אָדער ווירטואָז), ניט דערמאָנענדיק זייערע נעמען. דאַקעגן ווערן דערמאָנט די נעמען פון די מחברים: דוד, אסף, שלמה, משה, א. א. און עס ווערן דער־מאָנט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט וועלכע מען האָט געשפּילט די מזמורים אָדער באַגלייט די כאָראַלע אָדער סאָלאָ־געזאַנגען.

איז עס דערפאַר, ווייל די קאָמפּאָזיציעס זיינען שטענדיק דעם פאַר־

פֿאַסערם אייגנטום. דערפֿאַר טראָגן זיי שטענדיק זיין נאָמען. דאַקעגן, די יעניקע, וואָס אינטערפּרעטירן די קאָמפּאָזיציעס, זינגענדיק, שפּילנדיק אָדער דיריגירנדיק, בייטן זיך שטענדיק, און דערפֿאַר בלייבן זיי אומבאַקאַנט.

דאָס זעלבע איז מיט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פֿאַר יעדן מזמור, וואָס מען האָט ניט געטאָרט בייטן, ווייל יעדער מזמור, צוליב זיין אינהאַלט האָט געמוזט געשפּילט ווערן מיט דעם באַשטימטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט, מעלאָדיע און פֿאָרם פֿון זינגען און שפּילן.

די מזמורים פֿון פֿראַגעס און ענטפֿערס

דער מזמור ט״ו: מזמור לדוד, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער פֿראַגע: א״ד מי יגור באהלך? ומי ישכן בהר קדשך? (גאָט! ווער קאָן וואוינען אין דיין געצעלט? און ווער קאָן רוען אין דיין הייליקן באַרג?). און דער מזמור כ״ד: לדוד מזמור, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: לד׳ הארץ ומלאה, וואָס מען זאָגט מיט גרויס התלהבות אין די שולן אין די טעג פֿון ראש השנה און יום כפור נאָך מעריב, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿראַגעס און ענטפֿערס.

די צוויי מזמורים אַדרעסירט צו דוד, אָן מנצח׳ס, שטעלן פֿאַר אונדז פֿאָר איינע פֿון די פֿילע טראַדיציעס און מנהגים פֿון אונדזער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט.

דער מנהג פֿון די כהנים צו פֿרעגן ביי די יעניקע וואָס האָבן געוואָלט אַריינגיין אין בית המקדש, צי זיי האָבן אָפּגעהיט די דינים פֿון ריינקייט (פֿון טומאה), צו קאָנען אַריינגיין אין בית המקדש.

דער דערמאָנטער מנהג איז אין יענע צייטן געווען ניט נאָר אַ ייִדישער ,ער איז געווען אָנגענומען ביי אַלע אַלטע אָריענטאַלישע פֿעלקער. אין די טעמפּלען פֿון מצרים און גריכנלאַנד, האָבן די גייסטלעכע פֿון יענע טעמפּלען שטרענג אַכטונג געגעבן אַז די וואָס קומען אַריין אין די טעמפּלען זאָלן זיין ריין פֿון טומאה.

אויף די ווענט פֿון יענע אַלע טעמפּלען איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ פֿאָלגנדער אויפֿשריפֿט: פֿאַר אומריינע איז דער אַריינגאַנג אין טעמפּל פֿאַרבאָטן.

ווען דוד איז געאיילטערהייט אַנטלאָפֿן פֿון שאול המלך און ניט מיט גענומען גענוג פּראָוויאַנט פֿאַר זיינע יונגען וואָס האָבן אים באַגלייט, האָט ער זיך געווענדט צום כהן אחימלך פֿון נבה ער זאָל אים געבן צו עסן פֿאַר זיינע יונגען. האָט אים אחימלך געענטפֿערט: אין לחם חל אל תחת ידי כי אם לחם קדש אם נשמרו הנערים אך מאשה (שמואל א׳, כ״א), קיין וואָכעדיק ברויט האָב איך ניט צום האַנט, נאָר הייליק ברויט, אויב דיינע יונגען האָבן זיך אָפּגעהיט פֿון פֿרויען, דאָס הייסט, אויב זיי זיינען

ניט טמאה, קאָנען זיי עס עסן, ווייל עס האַנדלט זיך פון אַ נויטפאַל...

אויף דער פראַגע: מי יגור באהלך? ווער האָט די ווערט צו וואוינען אין דיין געצעלט. ענטפערן די כהנים: הולך תמים ופועל צדק, דער וואָס גייט זיין לעבנס-וועג גאַנץ און אָרנטלעך און אַלעם וואָס ער טוט איז נאָר גערעכטיקייט.

פון דעם ענטפער פון די כהנים איז קלאָר, אַז מען האָט פאַרלאַנגט פון די וואָס האָבן געוואָלט אַריינגיין אין בית המקדש, ניט נאָר ריינע הענט, אָנשטענדיקן אָנטאָן און ריין פון אומריינקייט, פון טומאה, נאָר אַ העכערע, מאָראַלישע ריינקייט, הולך תמים, ופועל צדק, ודובר אמת בלבבו, ער זאָל גיין אין גלייכן וועג און אַלץ וואָס ער טוט זאָל זיין מיט גערעכטיקייט, זאָל טראַכטן אין האַרצן אויפריכטיקייט. לא רגל על לשונו זאָל ניט האָבן גערעדט קיין רכילות, לא עשה לרעהו רעה, ניט האָבן געטאָן צו זיין פריינד קיין שלעכטס און האָט ניט באַליידיקט זיין חבר, וחרפה לא נשא על קרבו, האַלט זיך קליין און רעספעקטירט אָרנטלעכע מענטשן. זיין געלט האָט ער ניט געגעבן אויף פּראָצענט און האָט זיך ניט אויסגעקויפט מיט כאַבאַר. עשה אלה לא ימוט לעולם, דער וואָס טוט דאָס אַלעס וועט זיך קיין מאָל ניט אויסגליטשן, ניט געשטרויכלט ווערן און איז באַרופן אַריינצוגיין אין בית המקדש.

דער מזמור כ״ד: לדוד מזמור, שטעלט פאָר צוויי הערלעכע אימפּאָזאַנטע בילדער פון אונדזער רייכער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע עמאָציאָנירן אונדז ביז צו דער טיפעניש פון אונדזער נשמה.

ווען מען פאַרטיפט זיך אין דעם אינהאַלט פון מזמור און מען טראָגט זיך אַריבער אין דער פאַנטאַזיע צו יענעם ווייטן עבר, זעט מען דייטלעך די גרויסע יום־טובדיקע פּראָצעסיע וואָס גייט צום הר הבית און מען הערט דעם עכאָ פון זייערע הערלעכע געזאַנגען. עס שטראַלן אַרויס פון דעם געזאַנג, ניט נאָר די אויסערלעכע פרייד און יום־טובדיקע שטימונג וואָס האָט דאַן באַהערשט די אַלע יעניקע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּראָצעסיע, נאָר אויך די אינערלעכע גייסטיקע פרייד, דער הייליקער ציטער און עמאָציע פון זיך דערנענטערן צום הר הבית, צום בית המקדש.

דעם דערמאָנטן מזמור האָבן געזונגען צוויי כאָרן אין אַנטיפאָנישער פאָרם. איין כאָר איז געגאַנגען פאַראויס דער פּראָצעסיע און דער צווייטער כאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון כהנים און לויים, האָט זיך געפונען אין הויף פון בית המקדש.

ווען די פּראָצעסיע וואָס איז באַשטאַנען פון די איינוואוינער פון ירושלים און פון עולי רגל פון די פּראָווינצן, האָט זיך דערנענטערט צום הר הבית, האָט דער כאָר וואָס איז געגאַנגען פאַראויס דער פּראָצעסיע אָנגעפאַנגען צו זינגען די פאָלגנדע ווערטער פון מזמור: מי יעלה בהר א״ד? ומי יקום במקום קדשו? ווער קאָן אַרויפגיין אויף דעם באַרג פון

גאָט און ווער קען אײנשטיין אין דעם אָרט פון זיין הייליקייט. אַ ווײלע, הערשט אַ שטילקייט, אַ פּויזע. אַלס ענטפער אויף דער פראַגע, זינגט דער כאָר, וואָס געפינט זיך אין הויף פון בית המקדש פאָלגענדן ענטפער: נקי כפים ובר לבב, אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה, דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ ריין האַרץ, האָט ניט געגלוסט צו פאַלשקייט און האָט ניט געשוואָרן כדי יענעם אָפּצונאַרן. אַזאַ ריין מאָראַלישער מענטש, מעג אַרויפגיין אויפן באַרג פון גאָט און ער וועט נאָך מקבל זיין די ברכה פון גאָט, זיין באַשיצער. ישא ברכה מאת א״ד וצדקה מאלהי ישעו. אויף דעם ענטפערט דער כאָר פון דער פּראָצעסיע מיט גרויס התלהבות: זה דור דורשיו מבקשי פניך, אָט דאָס איז דער דור, וואָס קומט זיך דער־נענטערן צו גאָט...

נאָך דעם ענטפער, עפענען זיך די טויערן פון בית המקדש, די גאַנצע פּראָצעסיע באַהערשט פון יראת הכבוד און דורכגענומען פון אַ רעליגיעזן ציטער, שטראָמען אַריין אין הויף פון בית המקדש. די כאָרן פאַראייניקן זיך אונטער איין מנצח און מען זינגט מזמורים, הימנען און הללויהס אין דער אָנגענומענער טראַדיציאָנעלער, אַנטיפאָנישער פאָרם.

די צווייטע העלפט פון זעלבן מזמור כ״ד, אָנפאַנגענדיק פון פּסוק ז׳ שטעלט פאָר דעם גרויסן יום־טוב אין אויסערגעוויינלעכע פייערונגען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין ירושלים, ווען מען האָט אַריינגע־בראַכט דעם ארון האלהים אין ערשטן בית המקדש. דער פייערלעכער מאָמענט איז געווען פון אומגעהויערער באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלק. דאָס גאַנצע פאָלק איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן פון דער וויכטיקער גע־שעעניש, די לופט פון לאַנד איז אָנגעפילט געוואָרן מיט קדושה.

צום בית המקדש ציט זיך אַ פּראָצעסיע פון טויזנטער יידן, פרויען און קינדער (ביי יידן איז געווען אַ מנהג, אַז יעדע וויכטיקע פייערונג האָט זיך אויסגעדריקט אין אימפּאָזאַנטע פּראָצעסיעס, אָנגעפירט פון כאָר און אָרקעסטערס. שפּעטער האָט עס די קירכע איבערגענומען. און יעדע רעליגיעזע פייערונג זייערע פירן זיי דורך מיט פּרצעסיעס, טראָגנדיק זייערע הייליקע בילדער און זינגענדיק מזמורים פון תהלים). די פּראָ־צעסיע איז פּראַכטפול און אימפּאָזאַנט. פאָראויס זיינען געגאַנגען די כאָרן דערנאָך דער קעניג מיט די העכסטע רעגירונגס־באַאַמטע, נאָך זיי די כהנים און לוויים אין זייערע גאַלאַ־קליידער. די עלטסטע פון די כהיים מיט זייערע געהילפן, אַלע אָנגעטאָן אין זייערע בגדי כהונה, טראָגן דעם ארון האלהים צום בית המקדש.

ווען די פּראָצעסיע מיטן ארון האלהים דערנענטערן זיך צום בית המקדש, פאַנגען אָן צו זינגען דער כאָר מיט אַלע בייוועזנדע, פאָלגנדע ווערטער: שאו שערים ראשיכם! הויבט אויף איר טויערן אייערע אויי־בערשטע טיילן, והנשאו פתחי עולם! און זאָל דערהויבן ווערן די טירן

פון דער וועלט, ויבוא מלך הכבוד! און זאָל אריינקומען דער מלך הכבוד.
די געזאַנגען ווערן וואָס אַמאָל שטאַרקער און צודרינגלעכער...

פון הויף פון בית המקדש הערט זיך ווי דער כאָר פון די כהנים און לויים פרעגן זינגענדיק: מי זה מלך הכבוד? ווער איז דער מלך הכבוד? וואָס איר פאַרלאַנגט אַז די טויערן זאָלן אויפהויבן זייערע אויבערשטע טיילן און עס זאָל דערהויבן ווערן די טירן פון דער וועלט?

דאַן צעזינגט זיך דער כאָר פון דער פּראָצעסיע וועגן דער גרויסקייט און שטאַרקייט פון גאָט: א״ד עזוז וגבור, א״ד גבור מלחמה. און פאַדערן נאָך אַמאָל מיט מער התלהבות: שאו שערים ראשיכם! הויבט אויף איר טויערן אייערע אויבערשטע טיילן, ושאו פתחי עולם! און הויבט אויף די טויערן פון דער וועלט, ויבא מלך הכבוד, און זאָל אַריינקומען דער מלך הכבוד.

פון הויף דערהערט זיך ווייטער ווי דער כאָר פון כהנים און לויים פרעגן זינגענדיק: מי הוא זה מלך הכבוד? ווער איז ער דער מלך הכבוד? אַלס ענטפער צעזינגט זיך דער כאָר מיט די פון דער פּראָצעסיע: א״ד צבאות הוא מלך הכבוד, גאָט דער הערשער, ער איז דער מלך הכבוד.

די גאָלדענע טויערן פון בית המקדש צעעפענען זיך מאַיעסטעטיש און די כהנים ברענגען אַריין דעם ארון האלהים אין דביר. דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער יום־טוב פון חנוכת הבית (זע אויבן).

דאָס לעצטע וואָרט פון מזמור איז, סלה. סלה טייטשט מען אייביק, גאָט וועט זיין אייביק דער מלך הכבוד. אויך תרגום זעצט איבער סלה, לעלמין, אויף אייביק. אייניקע פאַרשער זאָגן, אַז סלה מיינט פויזע, אָפּשטעלן דאָס זינגען אָדער שפּילן. אַנדערע נעמען אָן, אַז דאָס וואָרט סלה איז אַ סיגנאַל, אַז די צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט. אַנדערע דענקען, אַז סלה איז אַן אָנדייטונג צו די מוזיקער זאָלן שפּילן, כדי די זינגער זאָלן זיך אָפּרוען.

71 מאָל ווערט דערמאָנט סלה אין תהלים, ביים ענדע און אינמיטן די מזמורים. ביי פאַרשידענע אינהאַלטן, וואָס עס וויל זאָגן, אַז עס זיינען געווען פאַרשיידענע סלה׳ס, פאַר קרבנות, פאַר מלחמות, פאַר טרויער־אויסדרוק, א. א. (1)

די מעלאָדיען פון די פאַרשיידענע מזמורים, הללויהם און שיר המעלותן, דער גאַנצער באַגאַזש פון די נגינות פון תהלים האָבן אונדזערע עלטערן ניט געקריצט אין שטיין און ניט געצייכנט אויף פּאַפּירוס, ווי עס האָבן געטאָן אַלע אַלטע פעלקער איבערצוגעבן עם די קומענדיקע דורות.

---

(1) אַן אָנמערקונג פון ידידיה אפרון ע״ה: סלה שטאַמט פון סל — פּויק. און דער געדאַנק איז סלה צום פּויק, ווי הרה צום באַרג פון הר. ביי די תפלות פלעגט דער מנצח געבן אַ צייכן ביים ענדע צום סלה, צום פּויק, דאָס הייסט די קאַפּעליע זאָל שפּילן, אַזוי ווי תנו תף.

אונדזערע עלטערן האָבן די אַלטע נגינה פון תהלים געקריצט אין זכרון פון דעם פאָלק, און דאָס פאָלק האָט עס אָפּגעהיט פאַר דער גאַנצער צייט פון גלות.

וועגן דער שיינקייט און איידלקייט פון דער נגינה קאָן מען זיך שאַפן אַ קלאָרן באַגריף, לויט די דאַטן וואָס זיינען צעשפּרייט אין די כתבי הקודש, תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי און מדרשים. פון די דאַטן איז לייכט צו וויסן ווי שיין די יידישע נגינה איז געווען, ווי גוט און מייסטערהאַפט עס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין בית המקדש די סטאַבילע כאָרן און אָרקעסטערס און די גאַנצע אינסטיטוציע פון מלמדי שיר, מוזיק־לערער, וואָס האָבן צוגעגרייט זינגער און שפּילער פון די לויים־משפּחות פאַרן בית המקדש און פאַרן פאָלק.

עס איז ניט ווייט די צייט, ווען דער יידישער נאַציאָנאַלער מוזיק־גאון, וועט פון די אַלע דערמאָנטע דאַטן, טראָפּ־צייכענונגען און טראַדיציאָנעלע פאָלקס און רעליגיעזער נגינה, רעקאָנסטרואירן צוריק די ריינע יידישע נגינה, פּונקט ווי די חלוצים רעקאָנסטרואירן צוריק דעם ריינעם יידישן לעבן פון פעלד־אַרבעטער. דאַן וועט די וועלט איבעראַשט ווערן פון דער הערלעכער נגינה מיטן רואיקן מילדן ריטם וואָס וועט באַרואיקן די צערודערטע געמיטער פון דער וועלט און אַזוי אַרום ברענגען פאַר דער וועלט שלום און סאָציאַלן יושר, און עס וועט מקוים ווערן די נבואה, אַז די פעלקער וועלן צעשטויסן זייערע שפּיזן און מאַכן פון זיי מכשירים צו ערד־אַרבעט, און קיין פאָלק וועט ניט הויבן אויפן צווייטן פאָלק זיין שווערד.

קאפיטל פינף

ווי מען זינגט די מזמורים פון תהלים אין די פאַרשידענע יידישע צענטערן

אַנטיפאָנישע געזאַנגען ביי יידן אין פאַרשידענע צייטן

די פאַרשידענע פאָרמען ווי מען האָט געזונגען די מזמו־רים אין בית המקדש. די עמערגענץ צו פאַרבאָטן צו זינגען און הערן זינגען די אויטענטישע נגינה פון די מזמורים נאָכן חורבן בית שני. די אויטענטישע נגינה פון תהלים ביי די יידן פון תימן און פון בבל. קאַפּיטל קמ״ד לדוד ברוך און די לעגענדע: דער רייזנדער בנימין פון טודעלאַ. עזרה הסופר און די יידן פון תימן. פאָלקס נגינה ביי תימנער יידן. טענץ ביי יידן.

ווי געזאָגט זיינען די מזמורים פון ספר תהלים געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל אין פאַרשידענע צייטן און פון פאַרשידענע פאַרפאַסער, דערפאַר זיינען זיי אַזוי פאַרשידן אין זייער אינהאַלט און פאָרם.

א סך מזמורים זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון אַנאָנימע מחברים צו־ליב נאַציאָנאַלע פייערלעכקייטן און נאַציאָנאַלע געשעענישן און זיי האָבן דערפאַר ספּעציעלע מעלאָדיעס און ריטמס אין זייער פאָרם פון זינגען.

אין בית המקדש האָט מען געזונגען די מזמורים אין פאַרשידענע פאָרמען: גאַנצע כאָרן באַגלייט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און אַנטיפאָניש, פון צוויי כאָרן. איין כאָר האָט געזונגען אַ האַלבן פסוק, און דער צווייטער כאָר האָט געענטפערט מיטן זעלבן האַלבן פסוק אָדער מיטן צווייטן העלפט פון דעם זעלבן פסוק. אייניקע מזמורים האָט געזונגען אַ סאָליסט, באַגלייט פון אָרקעסטער אָדער איינצלנע מוזיקאַ־לישע אינסטרומענטן, אָפטמאָל אויך פון כאָר, און אָפטמאָל אָן באַגליי־

טונג. די נגינות פון די מזמורים זיינען געווען פארשידן אין מעלאָס און אין ריטם און אויך, ווי געזאָגט, אין פאָרם פון זינגען, ווייל זייער אינ־האַלט איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער און אַן אַלזייטיקער.

די פאָרם פון זינגען אַנטיפאָניש (קעגנקלאַנג) איז ביי די יידן זייער אַן אַלטער און האָט אָנגעהאַלטן פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די יידן האָבן געלעבט אַלס פריי פאָלק אין ארץ־ישראל, אין די רעליגיעזע געזאַנ־גען אין בית־המקדש און אין די פאָלקס־געזאַנגען, אויך אין די צייטן פון תלמוד, גאונים און אין פאַר דער גאַנצער תקופה פון גלות ביז היינט צו טאָג האָט מען אין די שולן און בתי־מדרשים געזונגען אַנטיפאָניש: חזן און קהל אָדער חזן און כאָר.

אַנטיפאָנישע געזאַנגען ביי יציאת מצרים

ווען די יידן זיינען אַריבער דעם ים־סוף מערקט מען דאָרט דעם אַנטיפאַנישן געזאַנג, צווישן מרים און אירע באַגלייטערנס, די פרויען און די בני ישראל, ותען להם מרים, מרים האָט זיי געענטפערט זינגענ־דיק... דאָס העברעאישע וואָרט „ענה" ענטפערן, מיינט אויך ריידן הויך אָדער זינגען, אַן אויסגעשריי פון פרייד, פון עקסטאַז זינגען און קעגן־זינגען. משה און די יידן האָבן געזונגען: אשירו לד' כי גאה גאה, און מרים האָט געענטפערט, שירו לד' כי גאה גאה (שמות ט"ח). אין תלמוד (סוטה ל' עמוד ב') קומט פאָר אַ גאַנצע דיסקוסיע צווישן רבי עקיבא, רבי אליעזר בן יוסי הגלילי און רבי נחמיה כיצד אמרו שירה, ווי האָבן די יידן געזאָגט שירה. רבי עקיבא זאָגט, אַז משה האָט געזאָגט: אשירה לד" און די יידן האָבן איבערגעחזרט אשירה לד" א. א. וו. רבי אליעזר איז מיט דער מיינונג אַז די יידן האָבן ניט מיט געשאַפן די שירה, נאָר נאָכגעזאָגט משה'ן. רבי נחמיה איז מיט דער מיינונג, אַז די שירה פון ים איז געקומען ספּאָנטאַן ברוח הקדש צו משה און צו די יידן.

ביים עגל הזהב, ווען יהושע אינפאָרמירט משה'ן אַז אין דער מחנה הערט מען אַ קול מלחמה, זאָגט אים משה, אַז ער הערט ניט די שטימע פון די שטאַרקע און ניט די שטימע פון די שוואַכע, ער הערט דעם קול פון ענות, פון אַנטיפאַנישער פרייליכער געזאַנג (שמות ל"ב).

ווען די יידן זיינען אַריבער דעם ירדן, האָבן זיך (לויט דעם פאַרזאָג פון משה) זעקס שבטים געשטעלט אויף דעם באַרג גריזים צו בענטשן דאָס פאָלק און זעקס שבטים האָבן זיך געשטעלט אויף דעם באַרג עיבל צו שעלטן דאָס פאָלק, וענו הלוים ואמרו אל כל איש ישראל קול רם, און די לוים האָבן אָנגעהויבן צו זינגען די ברכה, ברוך האיש אשר לא יעשה פסל מסכה, געבענטש זאָל זיין דער מענטש וואָס וועט ניט מאַכן קיין אויסגעהאַקטע אָדער געגאָסענע בילד. און פון די יידן וואָס זיינען געשטאַנען צעטיילט אויף די בערג האָט אָפּגעהילכט: אמן. דאַן האָבן

זיי זיך אומגעקערט מיט זייערע פנימער צום בארג עיבל און אויסגעזונ־גען די קללה, פארשאלטן זאל זיין דער מענטש וואס וועט מאכן אן אויס־געהאקטע אדער געגאסענע בילד (דברים כ"ז) און אלע האבן געענטפערט אמן. א. א. וו.

דאס בילד איז פאנטאסטיש. א פאלק וואס גייט זיך ערשט באזעצן אויף זיין לאנד נעמט אויף זיך די שווערסטע מאראלישע פליכטן, ווי צו לעבן אין זיין לאנד (דברים כ"ז), שטייט צעטיילט אויף צוויי גרו־פעס, יעדע גרופע אויף א באזונדערן בארג, די בערג זיינען איינע קעגן דער אנדערער, אינמיטן שטייט דער ארון ארומגערינגלט פון די כהנים, און די לוים ווענדן זיך זינגענדיק צום פאלק מיט א ברכה פאר די וואס וועלן אויספאלגן די געבאטן און דאס גאנצע פאלק ענטפערט אנטיפאניש, אמן. דאן ווענדן זיי זיך זינגענדיק צו די זעלבע מיט א קללה פאר די וואס וועלן ניט אויספאלגן און דאס גאנצע פאלק ענטפערט דעם קעגן־געזאנג (אנטיפאניש) אמן.

אנטיפאנישער געזאנג אין די צייטן פון דוד המלך

ווען דוד האט באזיגט די פלישתים, זיינען ארויס די פרויען פון אלע שטעט פון ישראל, צו זינגען און צו שפילן אנטקעגן שאול המלך, ותענינה הנשים המשחקות ותאמרן, הכה שאול באלפו ודוד ברבבתיו, האבן די פרויען געזונגען אנטיפאניש, א טייל האבן געזונגען באגלייט אויף זייערע מוזיקאלישע אינסטרומענטן, הכה שאול באלפו, שאול האט געשלאגן אין די טויזנטער, און דער צווייטער טייל האט געענטפערט, און דוד האט געשלאגן אין די צענער טויזנטער (שמואל א' י"ח).

דעם קאפיטל למנצח על מחלות לענות (פ"ח), האט מען געזונגען רעספאנסיוו, כאר קעגן כאר, ענו לד' בתודה, זמרו לד' בכנור, זינגט ענטפערנדיק צו גאט מיט לויב־געזאנג, שפילט צו גאט מיט כנור (קמ"ז).

אנטיפאנישער געזאנג אין בית־המקדש

אין בית־המקדש איז די רעספאנסיווע און אנטיפאנישע פארם פון קאלעקטיווער נגינה געווען שטארק אנטוויקלט, ביז צו א הויכער מיים־טערשאפט. עס זיינען געווען קאנאניזירטע פארמען און סיסטעמען פאר כארן און ארקעסטערס, פאר סאליסטן און פאר מוזיקאלישע באגלייטונגען (זע ווייטער).

די אלטע יידישע פארמען פון קאלעקטיוון געזאנג, האט שפעטער די־רעקט באאיינפלוסט די וועלט־מוזיק אין איר געשיכטע. די קאטוילישע קיר־כע האט איבערגענומען די פארם פון זינגען, האט עס קאנאניזירט ווי א הייליקטום און פארשפרייט איבער דער וועלט. די טראדיציאנעלע קיר־

כען־געזאַנגען זיינען פול מיט מעלאָדיען וואָס שטאַמען פון יידישן מקור און ווערן געזונגען אין דער אַלטער יידישער פאָרם. (זע ווייטער).

אין גלות ווערט דער אנטיפאַנישער געזאַנג שטאַרק אָפּגעהיט ביי די יידן, באַם דאַוונען אין די שולן. און איז קאָנאָניזירט געוואָרן פאַרן חזן און קהל, חזן און כאָר.

תהלים זינגט מען אין דער אַנטיפאָנישער פאָרם. דער פאָר־זאָגער זינגט אַ פסוק תהלים און דער עולם זינגט דעם צווייטן פסוק, אָדער דער פאָרבעטער ענדיקט אַ קאַפּיטל תהלים און דער עולם הויבט אָן דעם צווייטן קאַפּיטל.

ווי געזאָגט האָט מען נאָך אין יענע ווייטע ביבלישע צייטן געזוכט דעם קאָנטראַסט־עפעקט אין קאָלעקטיוון זינגען און שפּילן, ווי אויך אין דעם געמיש פון צוזאַמען זינגען פון די פאַרשידענע מענער און פרויען־שטימען.

די וויכטיקייט איז באַשטאַנען צו מאַכן זינגען דעם כאָר און אָר־קעסטער, רעספּאָנסיוו, דיאַלאָגמעסיק, זאָל האָבן דעם קאָנטראַסט־עפעקט פון כסדרדיקן פרעגן און ענטפערן.

פון די דערמאָנטע ביבלישע פאָרמען זיינען מיט דער צייט אַנט־שטאַנען די פּרימיטיווע פאָרמען פון דער מאָדערנער פאָליפאָנישער „פוגא", וואָס איז אַזוי רייך און ברייט אַנטוויקלט געוואָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט פון די מוזיקאַלישע גאונים, הענדעל, באַך און אַנדערע.

***

נאָכן חורבן בית שני האָבן די גייסטיקע מנהגים פון דאַן פאַרבאָטן צו זינגען און צו הערן זינגען אין ארץ־ישראל די הערלעכע נגינות פון די מזמורים וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש. עס זיינען נאָר דערלויבט געוואָרן צו זינגען תפלות, קריאת התורה, נביאים און מגלות. דאָס געזאַנג פון לערנען איז געווען אָבליגאַטאָריש (זע אויבן).

דאָס פאַרבאָטן צו זינגען און צו הערן זינגען די נגינות פון תהלים אין ארץ־ישראל נאָכן חורבן, איז געווען אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט. די נייע קריסטן האָבן געזונגען אין זייערע בתי כנסיות, די ריינע יידישע נגינה, די מזמורים וואָס די לוים האָבן געזונגען אין בית־המקדש און מיט דעם געזוכט צוצוציען די נאַיווע אומוויסנדע יידן צו זייער גלויבן. און אַזוי ווי די דערמאָנטע נגינות זיינען געווען הייליק און באַליבט ביים פאָלק, זיינען יידן געגאַנגען הערן זינגען די מזמורים און צו דער זעלבער צייט געהערט זייערע פּרעדיקן פאַר דער נייער אמונה... און עס איז אַנטשטאַנען די גרויסע סכנה אַז זיי זאָלן באַ־איינפלוסט ווערן פון זייער פּרעדיקן, און זיך אָנשליסן צו זייער נייער אמונה.

כדי אויסצומיידן די סכנה, האָבן די גייסטיקע מנהיגים פון יענער צייט דערקלערט, אַז פון דעם טאָג ווען דער בית־המקדש איז חרוב גע־וואָרן איז פאַרבאָטן צו זינגען און צו הערן זינגען די געזאַנגען פון די מזמורים וואָס מען האָט געזונגען אין בית המקדש, און אויב די נייע קריסטן זינגען די נגינות, איז אָבער זייער נייער גלויבן פרעמד צום יידישן גייסט און יידן דאַרפן זיך דערווייטערן פון זיי. דאָס האָט פּאַסירט ווען עס איז פאַרגעקומען דער דעפיניטיווער ריס צווישן יידנטום און קריסטנטום אין די צייטן פון דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא (132—135) פון דער נ. צ. ר.

דאָס האָט געווירקט אין יענער צייט אין ארץ־ישראל. יידן האָבן ניט געזונגען און ניט געגאַנגען הערן זינגען די מזמורים פון תהלים. מיט דער צייט זיינען די דערמאָנטע נגינות כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן אין ארץ־ישראל. דאַקעגן האָט מען געזונגען די אויטענטישע נגינות פון די מזמורים אין די יידישע צענטערן ווי תימן און בבל. אין די קהילות איז ניט נויטיק געווען צו פאַרבאָטן דאָס זינגען, ווייל דאָרט האָבן די נייע קריסטן דאָן ניט געהאַט קיין שום השפעה.

אין ספר תהלים ווערן דערמאָנט אַ סך מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן מיט וועלכע מען האָט אַקאָמפּאַנירט די כאָרן און סאָליסטן ביים זינגען די מזמורים און הימנען אין בית־המקדש, ווייסט מען ביי אונדז ניט אויף ריכטיק, די נגינה זעלבסט, כאָטש די טראָפּ (די מעלאָדיעס) זיינען געצייכנט אויף יעדעס וואָרט. יענע נגינה איז פאַרגעסן געוואָרן.

צוליב די דערמאָנטע מאָטיוון, האָבן יידן פאַר דער צייט פון גלות, כמעט בכל תפוצות, אויסער בבל און תימן, ניט געזונגען און ניט גע־הערט זינגען די אויטענטישע נגינות פון תהלים (אַ ייד האָט דאָך ניט גע־טאָרט הערן דאָס זינגען אין די קלויסטערס אפילו פון דרויסן), און אַנ־שטאָט יענע הערלעכע געזאַנגען וואָס זיינען געווען באַגלייט פון אָר־קעסטערס און כאָרן אין בית־המקדש, האָט זיך געשאַפן אַן אומעטיקער, טרויעריקער נוסח תהלים של גלות, מיט וועלכן יידן זאָגן די מזמורים פון תהלים בציבור וביחידות.

די אויטענטישע נגינה פון תהלים אין גלות

כדי צו באַקאָנען זיך מיט די אויטענטישע נגינות פון די מזמורים פון תהלים, מוזן מיר זיך ווענדן צו די צוויי ערשטע יידישע גלות־צענ־טערן, בבל און תימן, וועלכע זיינען געווען די איינציקע וועלכע האָבן אָפּגעהיט און געפּילעוועט אַלע יידישע טראַדיציעס פון ארץ־ישראל און אויך די יידישע טראַדיציאָנעלע נגינה אין יענע לענדער.

בבל און תימן זיינען די צוויי פּאָליוסן (פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע) וואָס גיבן אונדז אַביסל ליכט צו קאָנען געפינען אונדזערע אַלטע אוי־טענטישע נגינות.

דער ערשטער איז געווען דער העכסטער קולטורעלער צענטער נאָך ירושלים און דער צווייטער (תימן) איז געווען און איז, דער מער אָפּ־געשטאַנענער, דער מער פּרימיטיווער יידישער צענטער פון מיטעלן אָר־יענט. ביידע צענטערן ציילן יאָר־טויזנטער פון זייער עקזיסטענץ.

אויך אין די קליינע צעשפּרייטע יידישע קהלות פון מיטעלן מזרח, וועלכע זיינען געווען ווייט פון די קולטורעלע יידישע צענטערן ווי בבל און ירושלים, האָבן זיך די יידן געהאַלטן פעסט געקלאַמערט אין אַלעם וואָס זיי האָבן געהאַט בקבלה פון זייערע עלטערן, ניט דערלויבנדיק פאַר קיין פאַל צוצוגעבן עפּעס נייעס צו דער אַלטער יידישער טראַדיציע און ניט צו מינערן פון דעם. אַזוי איז עס אויך געווען מיט דער טראַדי־ציאָנעלער יידישער נגינה.

דאַקעגן, האָט מען אין די גרויסע און מיטעלע קולטורעלע יידישע צענטערן בכל תפוצות הגולה, זיך ניט געהאַלטן פעסט געקלאַמערט צו די אַלטע טראַדיציעס, ירושת אבות. דאָרט האָט מען זיך דערלויבט צו צוגעבן נייעס פון דער סביבה וואו מען האָט געלעבט, צו ענדערן אַלטע מנהגים און אפילו דינים אויב די צייט און די אומשטענדן האָבן עס גע־פאָדערט. די גייסטיקע מנהיגים פון די צענטערן האָבן ניט נאָר ניט רעאַ־גירט אויף דעם, נאָר זיי האָבן גוטוויליק מסכים געווען. אַזוי אַרום זיינען צוגעקומען נייע מנהגים אין יידישן לעבן און נייע נגינות צו יידישע תפלות, סליחות און צו די מזמורי תהלים.

דערפאַר, ווען מיר ווילן זיך באַקאַנען מיט דער ריינער יידישער טראַדיציאָנעלער נגינה בכלל און מיט דער פון תהלים בפרט, מוזן מיר אָנקומען צו די אַלטע יידישע צענטערן וועלכע האָבן אויפן פּרימיטיוון אופן קאָנסערווירט אָט די נגינה, ווייל אויף די מער אַנטוויקלטע קול־טורעלע יידישע צענטערן קאָנען מיר זיך ניט פאַרלאָזן. ווי געזאָגט, זיי האָבן ניט שטאַרק מקפיד געווען אין אָפּצוהיטן די טראַדיציאָנעלע יידי־שע נגינה.

נגינות תהלים פון די יידן פון בבל

דער ערשטער גלות פון יידישן פאָלק איז געווען בבל, לערך 586 יאָר פ. נ. צ. ר. וועגן דעם גלות איז דאָ אַ בריוו פון איינעם אַ געוויסן רב אליקום כרמי אין וועלכן ער דערציילט, אַז ווען די יידן זיינען פאַר־טריבן געוואָרן קיין בבל, האָבן זיי מיטגענומען שטיינער פון בית־המקדש. און ווען זיי האָבן זיך דאָרט מער־ווייניקער עקאָנאָמיש איינגע־אָרדנט, האָבן זיי פון די שטיינער אויסגעבויט אַ שול, אַ בית הכנסת אין דער שטאָט נהרדעא, און מיט אַ צייט שפּעטער אויך אויסגעבויט אַ בית הכנסת אין דער שטאָט הוצל (זע אויבן: גלות בבל), וואו זיי האָבן געזונגען די מזמורים פון תהלים און אַנדערע תפלות.

נאָכן חורבן בית שני האָבן זיך די יידן באַזעצט אין קאָמפּאַקטע

מאַסן אין בבל. עס זיינען צו זיי צוגעקומען אַ סך יידן, אַנטלאָפענע פון ארץ־ישראל און די וואָס זיינען געווען פאַרוואַגלטע און פאַרשטויסענע אין די אַרומיקע לענדער פון בבל, ווי אשור, מדי, פּרס און אַנדערע איבערבלייבענישן פון מלכות ישראל און האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט.

איבער דעם זיינען דאָרט דאַן פאַרשוואונדן די אידעען קאַמפן פון די פאַרשידענע פאַרטייען פון ארץ־ישראל. עס זיינען אויך פאַרשוואונדן געוואָרן (אין די ערשטע צייטן) די סאָציאַלע דיפערענצן. אַלע זיינען באַהערשט געווען פון דעם שטאַרקן ווילן, אַנצוהאַלטן דאָס אייגנאַרטיקע יידיש לעבן. אַנצוהאַלטן די יידישע טראַדיציעס, יידישע קולטור, יידישע נגינה, ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין און מען וועט זיך צוריקקערן אין הייליקן לאַנד ארץ־ישראל.

נוסח תהלים פון די יידן פון בבל.

גענומען פון אידלזאָן



די הויפט־שטעט אין וועלכע עס האָט זיך אַמשטאַרקסטן אַנטוויקלט די יידישע קולטור און זיינען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די פעסטונגען פון יידישקייט פאַר דער גאַנצער צייט פון יידישער עקזיסטענץ אין בבל, זיינען געווען פאָלגנדע: נהרדעא, פומבדיתא, סורא און מחוזא.

אין די דערמאָנטע שטעט האָבן די יידן פון בבל געגרינדעט די גרעסטע יידישע ישיבות פאַר תלמודיסטישן וויסן, וואו מען האָט געשטודירט חכמת ישראל, תורת ישראל און אַלעס וואָס אַנבאַלאַנגט צו גאַנצער יידישקייט.

די ישיבות זיינען געווען אָנגעפירט פון די גרעסטע אויטאָריטעטן פון יידישן וויסן פון יענער צייט.

אין דער זעלבער צייט ווען אין בבל האָט זיך אַזוי צעבליט די יידי־שע קולטור און יידישער וויסן, איז דאָס זעלבע געגאַנגען באַרג־אַראָפּ אין ארץ־ישראל איבער דער טיראַנישער הערשאַפט פון די פאַרשידענע פרעמדע מלוכות וואָס האָבן געהערשט און טיראַניזירט דעם ישוב. אַזוי אַרום איז דער יידישער צענטער פון בבל געוואָרן די העכסטע אינסטאַנץ צו וועמען עס האָבן זיך געווענדעט אַלע יידן פון תפוצות הגולה, וועגן אַלע יידישע אָנגעלעגנהייטן.

גאָר אַ סך נייע מנהגים האָבן די יידן פון בבל איינגעפירט אין זייער קאָלעקטיוון לעבן. אויך אין תפלות אין בתי כנסיות. די מנהגים זיינען אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות הגולה און אפילו אין ארץ־ישראל.

דער מנהג פון הושענות אין הושענה רבה, די נעמען פון די חדשים, די נעמען פון די מלאכים און אַנדערע שטאַמען פון בבל. די טהרת המש־פחה וואָס עזרא הסופר האָט אַזוי געלייטערט און געפּילעוועט, האָבן די יידן פון בבל מער אָפּגעהיט אפילו ווי די יידן אין ארץ־ישראל.

***

ענדע פון פינפטן יאָרהונדערט האָט מען סיסטעמאַטיזירט דעם גאַנצן גייסטיקן מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די דערמאָנטע ישי־בות פון סורא, נהרדעא און פומבדיתא, וואָס זיינען באַשטאַנען פון גע־זעץ־פאָרשונגען, דערקלערונגען, אויסטייטשונגען פון תורה און נביאים, זיטן־לערע און יידישע טראַדיציע אין דעם מאָנומענטאַלן ווערק תלמוד בבלי.

דער תלמוד בבלי איז געוואָרן פאַר דעם יידישן פאָלק די צווייטע הייליקע תורה, תורה שבעל־פה נאָך די כתבי הקדש, און האָט געהאַט אַן אומגעהייערן איינפלוס אויף דעם לעבן פון די יידן בכל תפוצות ישראל.

דער תלמוד איז שטודירט און געלערנט געוואָרן אין אַלע ישיבות און חדרים, איז געוואָרן דער הויפּט־געזעץ־בוך פאַר אַלע יידן פון דער גאַנ־צער וועלט.

דורך די געזעצן פון פאַמיליען־לעבן, שפּייז (כשרות, מילכיקס און פליישיקס, טריפות, מאכלות אסורות) שמירת שבת ויום טוב און אַנדערע, האָט דער תלמוד פאַרהיט און אָפּגעהאַלטן די יידן פון אַסימילאַציע, אַריינגעגעבן אין די יידן אמונה, מוט און שטאָלץ און האָט אויפגעהאַלטן די אייניקייט פון יידישן פאָלק ביז היינט צו טאָג.

אין די יידישע צענטערן פון בבל האָט זיך אויך צעבליט און אַנט־וויקלט די יידישע נגינה, באַגלייך מיט דער אַלגעמיינער יידישער קולטור און וויסן.

עס האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט די יידישע גזע־מוזיק (ריין יידישע אָפּשטאַם־מוזיק), די פאָלקס־נגינה וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל. די רעליגיעזע נגינה פון די תפלות, מזמורים און הללויה׳ס וואָס מען האָט געזונגען אין ארץ־ישראל אין בית המקדש און אין די מקדשי מעט (מיניאַטור בית המקדשן) און זייער אייגנאַרטיקע נגינה וואָס זיי האָבן געשאַפן אין בבל גופא.

די גזע־מוזיק, האָבן זיי אַ טייל פאַרוואַנדלט אין טראָפּ צו זינגען מיט זיי תורה, נביאים, משלי, איוב, משנה און מגילות (זע אויבן). און אַ טייל האָבן זיי איבערגעטראָגן צו זינגען די תפלות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין בבל גופא. די רעליגיעזע נגינה האָבן זיי ווי מעגלעך אָנגעהאַלטן אין אָריגינאַל און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די נוסחאות התפלות פון שבת, ימים טובים, ימים נוראים און צו זינגען די מזמורים פון תהלים. די ערשטע צייט האָבן עס דורכגעפירט ביים דאַוונען די לוים און שפּעטער די שליחי־צבור, — די בעלי תפלות און חזנים.

די נגינות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין בבל גופא האָבן געהאַט אין זיך אַ סך נייע מוזיקאַלישע עלעמענטן, נייע קלאַנגען מיט אַ נייעם ריטם, אַ דירעקטע השפעה פון דער פרעמדער סביבה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

מיט אַ טייל פון אָט די נגינות האָט מען געזונגען די נייע תפלות און סליחות פון גלות, און אַ גרויסער טייל נגינות זיינען געבליבן אין פאָלק צו באַשיינען אַלע מאַניפעסטאַציעס פון פריוואַטן אין קאָלעקטיוון לעבן.

מיט דער צייט האָבן זיך די פריילעכע פאָלקס־נגינות געטובלט אין ימים פון יידישע צרות און פיין, וואָס די ערשער פון לאַנד האָבן זיי געמאַכט ליידן, און זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון יידישער גלות־מוזיק.

וואָס אָנבאַלאַנגט תהלים, האָבן זיי געהאַט צוויי נוסחאות. צו די לאַנגע פסוקים וואָס זיינען ווייניקער און צו די קירצערע פסוקים וואָס זיינען די מערערע. די לאַנגע פסוקים ווערן געזונגען פון כאָר מיט באַגלייטונג. די קירצערע — פון יחיד און קהל.

***

נאָך תורה לערנען, האָט תהלים פאַרנומען ביי די יידן פון בבל אַ גרויסן אָנזען. יידן האָבן געזונגען מזמורים פון תהלים אין דאַוונען, און האָבן אַלע טאָג געזונגען תהלים בצבור און ביחידות. יידן האָבן דעם תהלים געקאָנט זינגען אויף אויסנווייניק. זיי האָבן אַ ספּעציעלן נגון צו זינגען דעם קאַפּיטל (קמ״ד) לדוד ברוך א״ד צורי, וואָס מען זאָגט בכל תפוצות ישראל אַלע שבת פאַרנאַכט, פאַר מעריב דאַוונען, כדי צו פאַר־לענגערן דעם שבת, צוצוגעבן מחול אל הקדש, צו געבן פון וואָך צו קדושה.

ווען דעם ספעציעלן נגון פון „לדוד ברוך" איז דא א קבלה ביי די יידן פון בבל, אז דעם נגון האבן געזונגען דוד המלך'ס סאלדאטן ווען זיי פלעגן גיין א מיליטערישן גאנג. און ווען זיי האבן געזונגען די ווער־טער: המלמד ידי לקרב אצבעותי למלחמה (דער וואס האט גע־לערנט מיינע הענט צו קעמפן, מיינע פינגער צו מלחמה), פלעגן זיי נאכן ריטם פון זינגען, ספאנטאן אויפהויבן די הענט מיט די צעעפנטע פינגער. (די מעלאדיע זינגט זיך מיט א מיליטערישן ריטם, אין דער פארם פון א מארש).

לדוד ברוך א'ד צורי

גענומען פון אידלזאן



דעם דערמאנטן קאפיטל (לדוד ברוך) זינגט מען גלייך אין אלע יידישע קהלות פון מיטעלן מזרח. דאס באשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער קבלה (לעגענדע) פון די יידן פון בבל, אז דער נגון זאל זיין דער אויטענטישער וואס דאס מיליטער פון דוד המלך האט געזונגען.

דער רייזנדער רב בנימין פון טודעלא (געלעבט אין 12־טן יארהונ־דער נ. ק.) פארזיכערט, אז א געוויסער רב אליעזר בן צמח מיט זיינע ברידער (איינוואוינער פון בבל) האבן געקאנט גוט די אויטענטישע נגי־נות פון תהלים וועלכע די לוים האבן געזונגען אין בית המקדש און פלעגן עס זינגען ביי יעדער פאסנדער געלעגנהייט.

דער רייזנדער רב פתחיה פון רגנישבורג (געלעבט אין דעם 12־טן

יאָרהונדערט נ. ק.) דערציילט אין זיינע רייזע־באשרייבונגען, אז די אידן פון בגדד, שפּילן אין די טעג פון חול המועד סוכות געוויסע מעלאָדיעס צו אייניקע קאַפּיטלעך תהלים אויף אַן אַלטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט פון האָלץ וועלכן זיי האַלטן אַ גאַנץ יאָר באַהאַלטן אין ארון קדש, צוזאַמען מיט די ספרי תורות.

דער יידישער צענטער פון תימן

לויט דער מסורה וואָס גייט אַרום צווישן די יידן פון תימן, שטאַמען זיי פון די יידן וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָכן חורבן פון בית ראשון. עס ווערט צווישן זיי דערציילט פאָלגנדע לעגענדע, וואָס באַשטעטיקט די אויבנאַרויסגעזאָגטע מיינונג וועגן דער אַלטקייט פון דעם יידישן ישוב.

די לעגענדע דערציילט זיך אַזוי: אַז אין די צייטן פון עזרא הסופר, ווען ער האָט אויפגעפאָדערט אַלע יידן בכל תפוצות הגולה, זיי זאָלן זיך צוריק אומקערן קיין ארץ־ישראל, העלפן אויפבויען דאָס לאַנד און זיך דאָרט באַזעצן און אַזוי אַרום זיך באַפרייען פון גלות, האָבן אַ סך יידן, וואָס האָבן געלעבט אין פאַרשידענע לענדער, מיט באַגייסטערונג אויפגענומען זיין רוף און האָבן אין די מאַסן זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל העלפן בויען דאָס לאַנד און זיך דאָרט באַזעצן, איבערלאָזנדיק אויף די ערטער זייערע איינגעאָרדנטע געשעפטן און פאַרהאָרעוועטע בעלי־בתיש־קייט.

ווען די זעלבע אויפפאָדערונג פון עזרא איז אָנגעקומען צו די יידן פון תימן, האָבן זיי די אויפפאָדערונג אויפגענומען זייער קאַלט און גלייכגילטיק און ניט אויסגעפאָלגט.

זיי האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן דאָס לאַנד וואו זיי האָבן געלעבט רואיק און זיכער זייט הונדערטער יאָרן און וואו זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע זעלבסטשטענדיקע מלוכה (זייער מלוכה איז חרוב געוואָרן אין יאָר 525).

עזרא, וועלכער האָט וואַרשיינלעך זיך געשטיצט אויף זייער הילף ביים ווידערבויען דאָס לאַנד, ווייל די תימנער יידן זיינען דאַן געווען אויסגעצייכנטע קעמפער און מלחמה־פירער, האָט מיט אַנגסטן און פאַרדרוס צוגעזען ווי אַט דער וויכטיקער טייל פון יידישן פאָלק איז געבליבן אַזוי אינדיפערענט צו דעם וויכטיקסטן היסטאָרישן מאָמענט פאַר דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק. און ניט האָבנדיק געניג פיזישע און מאָראַלישע כוחות צו צווינגען זיי, אַז זיי זאָלן נאָכקומען זיין דרינגענדע אויפפאָדערונג, האָט ער זיי דערפאַר פאַרשאָלטן מיט קללות וואָס זיינען אויף זיי מקוים געוואָרן שפּעטער, מיט טויזנט יאָר, ווען זייער זעלבסטשטענדיקע מלוכה איז חרוב געוואָרן און זיי זיינען געבליבן פאַרשקלאַפטע

אין אַ ביטערן און פינצטערן גלות, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו די אַלע גלות׳ן פון כלל ישראל.

די תימנער יידן, זייענדיק געקרענקט און באַליידיקט פון עזרא׳ס האַנדלונג, האָבן אים ארייגעלייגט אין חרם, אַלס קעגן־מאַראַלישן אָנ־גריף, און האָבן פאַרבאָטן די תימנער יידן אַנצורופן זייערע ניי־געבוירענע קינדער מיטן נאָמען עזרא, לדור דורות. דער פאַרבאָט איז אָנגעהאַלטן געוואָרן ביי זיי אַ סך הונדערטער יאָרן.

ביים פאַרשן וועגן דער קאָנסערווירונג פון דער אויטענטישער יידי־שער נגינה, איז די אַלגעמיינע מיינונג פון די פאָרשער, אַז די תימנער יידן זייען כמעט די איינציקע וועלכע האָבן קאָנסערווירט און אָפּגעהיט די ריכטיקע אויטענטישע יידישע נגינות פון די מזמורים פון תהלים, פון נאָכן חורבן בית ראשון ביז היינט צו טאָג.

אברהם צבי אידעלזאָן ז״ל, אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק „אוצר נגינות ישראל״, חלק א׳: נגינות יהודי תימן, דערציילט פאָלגענדן עפּי־זאָד וואָס האָט אים פּאַסירט באַם מאַכן אריינזינגען אין זיין פאָנאָגראַף די נגינות פון די יידן פון תימן דורך זייערע שליחי צבור, חזנים און משוררים. דער עפּיזאָד באַווייזט אונז אויף וויפיל די תימנער יידן זיי־נען קאָנסערוואַטיוו, פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט וואָס אַנבאַלאַנגט צו זיי־ער אַלטער טראַדיציאָנעלער נגינה.

דאָס ערשטע זיינען זיי געגאַנגען צו זייער חכם (רב) פרעגן צי מעגן זיי אריינזינגען פון זייער נגינה אין פאָנאָגראַף, ווייל ביי זיי איז אַ טראַדיציע צו האַלטן זייער נגינה באַלזאַמירט פאַרן אינערלעכן געברויך. דער רב האָט מתיר געווען (דערלויבט) (ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט אין פּרנסה, מען האָט זיי געצאָלט פאַרן אריינזינגען) אריינצוזינגען נאָר אַזעלכע שירים און תפלות אין וועלכע עס זיינען ניטאָ קיין כוונות פון קבלה. זיי זאָלן זיך למען השם היטן ניט אריינצוזינגען מזמורים און שירים וואָס זייער אינהאַלט איז הייליק און האָבן קבלה־כוונות, ווייל אין פאָנאָגראַף זיינען פאַראַן כוחות פון רוחות און שדים.

אין דער וואָך ווען צוויי משוררים האָבן אריינגעזונגען אין פאָנאָ־גראַף מזמורים און תפלות, האָט זיי געטראָפן אַ גרויסער אומגליק: ביי איינעם איז געשטאָרבן אַ קינד און ביים צווייטן די פרוי.

אין יענער נאַכט האָט זיך דעם חכם געחלומט, אַז די צוויי זינגער האָבן אריינגעזונגען אין פאָנאָגראַף שירים פון קבלה און מען האָט אים אָנגעוויזן פון הימל, אַז דורך דעם וועט אויף זיי קומען אַ מגפה.

תיכף האָט דער חכם געשיקט רופן די משורים און זיי באַשוואוירן זיי זאָלן זאָגן דעם אמת. די אומגליקלעכע משוררים האָבן זיך מודה געווען. דאַן האָט דער חכם צונויפגערופן אַלע משוררים פון דער קהלה און האָט זיי באַשוואוירן ביי אַ ספר תורה, אַז זיי זאָלן אויף ווייטער קיינ־

מאָל ניט ארייַנזינגען אין קיין פּאַראַגראַף און בכלל זעען וואָס ווייניקער צו זינגען פאַר פרעמדע אומבאַקאַנטע.

***

די נגינות פון די תימנער יידן זיינען פאָלגנדע: נגינות אָדער נוסח התורה, נוסח הנביאים, נוסח התהלים, נוסח השירה פון דער תורה, נוסח שיר השירים, אסתר, איכה, איוב, משנה, תפלה, סליחה, תענית צבור, נוסח ימים טובים און ימים נוראים. דאָס זיינען נגינות פון בית הכנסת. אויסער דעם האָבן זיי נגינות מחוץ פון בית הכנסת, פאָלקס־געזאַנגען.

די פאָרם פון זינגען תפלות איז ביי זיי פאָלגנדער: געקליבענע תפלות זינגט דער חזן הויך, אַלע זאָלן הערן, און דער עולם זאָגט די זעלבע תפלה בלחש, אין דער שטיל. די אַנדערע תפלות און די פסוקי דזימרה זינגען אַלע צוזאַמען, עלטערע און קינדער (פרויען טאָרן ניט מיטזינגען), זיי זיינען אַזוי איינגעאיבט און פּינקטלעך אין אָנפאַנגען און אויסלאָזן די תפלות און מזמורים ביים דאַוונען, אַז דעם זייטיקן דוכט זיך, אַז אַ פאַרבאָרגענע האַנט דיריגירט מיט זיי און ווייזט זיי אָן, ווען אָנצופאַנגען און ווען צו ענדיקן דאָס זינגען די תפלות. איבערהויפּט פילט זיך עס ביים זינגען די מזמורי תהלים.

זיי זוכן אַ שליח צבור זאָל זיין אַ מענטש מיט גוטע מדות, ער זאָל זיין אַן אָרנטלעכער און אַ גוטער בטבע, זאָל קאָנען לערנען און וויסן גוט אַלע נוסחאות התפלות, זיי פאַרלאַנגען אַז דער שליח צבור זאָל האָבן אַ טענאָר־שטימע, זאָל זינגען אויף הויכע טענער, להיפּך צו די יידן פון בבל וואָס זוכן אַ שליח צבור מיט אַ באַריטאָן־שטימע.

אַ חזן, אַ מנגן, וואָס וויל ווייזן קענטעניש ביים דאַוונען, כדי אויס־צונעמען ביים עולם, און צוליב דעם גיט ער צו פרעמדע אָדער אייגענע תנועות אָדער ער איז משנה עפּעס פון דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן נוסח, ווערט ביי די יידן פון תימן ניט טאָלערירט. זיי האַלטן, אַז דער שליח־צבור פאַרטרעט ביים דאַוונען אין בית הכנסת דאָס זעלבע וואָס דער כהן גדול ביי דער עבודה אין בית המקדש, פונקט ווי דער בית הכנסת פאַר־טרעט אין גלות דעם בית המקדש פון ירושלים. און אַלס אַזעלכער מוז ער זיין זייער פּאָרזיכטיק און גוט איינגעאיבט אין די נוסחאות התפלות, ווייל טאָמער חלילה מאַכט ער אַ טעות אין די תפלות אָדער ער פאַרבייט די נוסחאות, וועט דאָך דורך זיין טעות די תפלות פון גאַנצן עולם ניט עולה זיין לרצון פאַר גאָט, און דער שליח צבור וועט דערפאַר באַשטראָפט ווערן פאַרן גאַנצן עולם.

דערפאַר זיינען זיי אַזוי מדקדק ווען זיי נעמען צו אַ שליח צבור, כדי צו קאָנען האָבן צו אים דעם פולסטן צוטרוי, אַז ער וועט ניט מאַכן קיין טעות׳ן ביים דאַוונען.

א תימנער ייד וויל קיין מאָל ניט דאַווענען פאַר קהל, זיין זייער שליח צבור. ווייל ער גלויבט באמונה שלמה, אַז פאַר מאַכן דעם קלענסטן טעות סיי אין דאַווענען און סיי אין נוסח, וועט ער ברענגען אַ גרויסן אומגליק אויף זיך. זיינע קינדער וועלן שטאַרבן יונג און ער וועט אויף דער עלטער בלינד ווערן, חוץ דעם וועט ער פאַראָרעמט ווערן און זיין קראַנק.

דאָס איז איינע פון די פיל מאָטיוון פאַר וואָס זיי זיינען אַזוי שטרענג קאָנסערוואַטיוו אין אָנצוהאַלטן די ריינע יידישע נגינה. תהלים זינגען זיי מיט דער נגינה און אין דער פאָרם ווי די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש (דאָס איז זייער קבלה).

חוץ די דערמאָנטע יידישע אַלטע צענטערן מוז געמוטען ווערן אין אַנבאַטראַכט די נוסחאות פון תהלים פון אַנדערע אַלטע קהלות, ווי פּרס, מראקו, איטאַליע, ענגלאַנד און אַנדערע. ווייל אין יעדן יידישן אַלטן צענטער, האָבן זיך אויבאַהאַלטן פון פאַרגעסן ווערן אייניקע יידישע אויטענטישע תנועות וואָס די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש.

גלייכט מען די אַלע נוסחאות איינע צו דער אַנדערער, געפינט מען אַ סך תנועות וואָס גלייכן זיך. און די זאָלן עס זיין די אויטענטישע נגינה פון די מזמורים וואָס די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש.

מחול־טענץ פון ארץ־ישראל וואָס זיינען אָפּגעהיט געוואָרן ביי תימנער יידן

דריי גרויסע פאַמיליערע פייערונגען, ווי ברית מילה, בר מצוה און חתונה ווערט ביי די יידן פון תימן געפייערט מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד, געזאַנג און טענץ.

די דערמאָנטע פייערונגען זיינען ביי זיי מלא חן, קאַלירפול און לעבעדיק. יעדער שיר אָדער נגון וואָס זיי זינגען ווערט ביי זיי באַגלייט מיט מימיק און מיט אויסדריקלעכע קערפּערלעכע באַוועגונגען, מיט טענץ.

זייערע נגינות צו שמחות, האָבן אַ שאַרפן ריטם, וועלכע ווערן באַגלייט פון אַלע בייוועזנדע מיט פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט און מיט דעם ברענגען זיי אַריין די טענצער אין שטאַרקן עקסטאַז, התלהבות און התרוממות הנפש.

די פאָרם צו באַגלייטן אַ שיר אָדער אַ נגון מיט מימיק און טענץ האָבן די תימנער יידן מיטגענומען מיט זיך פון ארץ־ישראל ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל נאָכן חורבן פון בית ראשון, און היטן עס אָפּ באַגלייך מיט אַלע גייסטיקע שאַפונגען און טראַדיציעס וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך ווען זיי האָבן פאַרלאָזט זייער פאָטערלאַנד

ארץ־ישראל. תימנער יידן זיינען קינסטלער־טענצער, אפילו אַלטע לייט טאַנצן פלינק און מיט גרויס התלהבות. ביי זיי איז טאַנצן אַ נויטווענדיקייט ווען זיי זינגען אַ שיר, די קערפּערלעכע באַוועגונגען מאַכן, אַז די נגינה פון שיר זאָל זיין געוואויגן און געמאָסטן.

טענץ ביי די אידן אין די אוראַלטע צייטן

טאַנצן ביי שמחות איז אַן אַלטע טראַדיציע ביי פעלקער. אַלע אַלטע פעלקער האָבן זיך נוהג געווען צו שפּרינגען און טאַנצן ביי זייערע שמחות און דער עיקר, ביי זייערע עבודת אלהים.

מיט די באַוועגונגען פון זייערע קערפּערס, הענט און אַנדערע אברים האָבן זיי אויסגעדריקט דעם קאַמף פון לעבן און טויט, ליבע, קנאה, אַנטוישונג, מורא, שטרעבונג און האָפנונג.

זיי פלעגן טאַנצן קאָלעקטיוו אַרום זייער מזבח, אָדער איינציקווייז, אין פּאָרלעך, אין אַ קאָלעקטיוון קרייז.

אַזוי איז עס געווען ביי אַלע אַלטע פעלקער און אַזוי האָבן זיך די יידן, אויך נוהג געווען, אין די אַלטע צייטן, און עס איז געבליבן אַ טראַדיציע אויף דור דורות.

ווען די יידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און אַריבער בשלום דעם ים סוף, האָט מען אויסגעדריקט די פרייד טאַנצנדיק. ותקח מרים הנביאה את התף בידה, ותצאן כל הנשים אחריה בתופים ובמחלות (שמות י״ט) מרים די נביאה האָט גענומען דעם האַנט־פּייקל אין איר האַנט, זיינען אַרויס אַלע ווייבער נאָך איר מיט פּייקלעך און טענץ.

ווען די יידן האָבן שפּעטער אין דער מדבר געמאַכט דעם „עגל״, האָבן זיי פאַר אים געטאַנצט, וירא את העגל והמחולות, און משה האָט דערזען דעם גאָלדענעם קאַלב און די טענץ.

ביים ברענגען דעם ארון האלהים אין עיר דוד, האָט מען געטאַנצט מיט עקסטאַז און התלהבות. ודוד מכרכר בכל עוז לפני ארון ברית אלהים (שמואל ב׳ י״ד) דוד האָט געטאַנצט מיט זיין גאַנצן כח פאַרן ארון האלהים.

אין תהלים, קאַפּיטל ק״נ ווערן אויסגערעכנט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט וועלכע מען זאָל לויבן גאָט. הללוהו בתקע שופר, לויבט גאָט מיט דער באַגלייטונג פון שופר בלאָזן. הללוהו בנבל וכנור, לויבט גאָט מיט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: נבל און כנור. הללויה בתף ומחול, לויבט גאָט באַגלייט פון פּויק און טענץ.

טאַנצן איז די שפּראַך מיט וועלכער דער מענטש דריקט אויס דורך די ריטמישע באַוועגונגען פון זיין קערפּער, די פרייד פון לעבן, באַגייסטערונג, ליבע און די התלהבותדיקע צוגעבונדנקייט צו זיין גאָט.

שמחת בית השואבה

מיט א וואונדערבארער צערעמאָניע און מיט אויסערגעווייגלעכע התלהבותדיקע טעניץ, האָט מען געפייערט אין בית המקדש דאָס גיסן וואסער אויפן מזבח, די צווייטע נאכט פון סוכות.

דעם יום טוב האָט מען גערופן שמחת בית השואבה, די שמחה פון הויז פון שעפן וואסער.

אין בית המקדש איז געווען א גרויסער האָל, וואו מען האָט צוגע־גרייט די פייערלעכקייט צום יום־טוב פון ניסוך המים. אין דעם האָל האָט מען געטאַנצט און געזונגען מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד און עקסטאַז, גרייטנדיק זיך צו שעפן וואסער פון טייך שילוח, צו גיסן עס אויפן מזבח.

דער מנהג צו גיסן וואסער אויפן מזבח איז געווען כדי דאָס לאנד זאָל געבענטשט זיין מיט רעגן. (ראש השנה ט"ז). ביים טייך שילוח, האָט מען אָנגעפילט מיט וואסער א גאָלדן קריגל פון דריי לוגין (קוואָרט) און מען האָט עס געבראַכט ביזן טויער פון וואסער, שער המים פון בית המקדש. דאָרט האָבן די כהנים געבלאָזן אין די חצוצרות, תקיעה, תרועה, תקיעה, צו לאָזן וויסן אז מען האָט געברענגט דאָס וואסער.

ווען מען האָט מקריב געווען דעם קרבן תמיד פון דער פרי, האָט מען געגאָסן דאָס וואסער פון גאָלדענעם קריגל אויפן מזבח.

די צערעמאָניע פון שמחת בית השואבה האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די כהנים און לוים זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון עזרת ישראל (א טייל פון הויף פון בית המקדש באַשטימט פארן פאָלק), צו דער עזרת נשים, (א טייל פון הויף פון בית המקדש באַשטימט פאַר פרויען) און האָבן דאָרט אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער שמחה פון שעפן וואסער.

זייער צוגרייטונג איז באַשטאַנען אין אויסלייגן ברעטער אויף די שפּיצן וואָס זיינען אַרויס פון די מויערן, און אין אַרומצאַמען עס, כדי די פרויען זאָלן דאָרט קאָנען שטיין און צוזען די פייערונג פון שמחת בית השואבה.

א סאך גאָלדענע מנורות פון פופציק איילן די הויך זיינען דאָרט געווען, יעדע מנורה האָט געהאַט פיר שיסעלאך מיט גראָבע קנויטן. לעבן יעדער מנורה זיינען געשטאַנען פיר לייטערס, א לייטער צו יע־דער קנויט. פיר יונגע כהנים זיינען אַרויף אויף די לייטערס מיט קריג־לען בוימל און האָבן אָנגעפילט די שיסעלאך ווען עס איז נויטיק געווען. די קנויטן פלעגט מען מאַכן פון די אַלטע גאַרטלען און אַלטע הויזן פון די כהנים. ווען מען האָט אָנגעצונדן די אַלע מנורות איז די אילומינאַציע געווען אַזוי גרויס אז עס האָט באַלויכטן אַלע הויפן פון ירושלים.

די געניצטע קליידער פון די כהנים, וואָס זיינען געווען פון ליין, האָט מען געהאַלטן פאַר האַלב־הייליק, ניט צום אַרויסוואַרפן און אויך

ניט צו פאַרטיילן צו אָרעמע ניט כהנים, האָט מען עס גענוצט ווי קנויטן פאַר דער אילומינאַציע צו שמחת בית השואבה.

חסידים און די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן געטאַנצט מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן וועלכע זיי האָבן קונציק געוואָרפן אין דער הויך און טאַנצנדיק עס צוריק געכאַפּט.

הלל הזקן אָדער הלל הנשיא פלעגט זינגען ווען ער האָט געפייערט שמחת בית השואבה: אם אני כאן, הכל כאן, ואם אינו כאן מי כאן. אויב איך בין דאָ איז אַלץ דאָ, און אויב איך בין ניט דאָ, ווער איז דאָ.

רבי שמעון בן גמליאל פלעגט טאַנצנדיק וואַרפן אַכט אָנגעצונדענע שטורקאַצן אין דער הויך און פלעגט זיי אַזוי קינסטלעריש אָנכאַפּן צוריק, אַז עס האָט זיך ניט אָנגערירט איינע אָן דאָס צווייטע.

טאַנצנדיק פלעגן זיי זינגען: וואויל איז אונדזער עלטער וואָס האָט ניט פאַרשעמט אונדזער יוגנט.

רבי יהושע בן חנניה האָט געזאָגט: ווען מיר פייערן שמחת בית השואבה, האָט אונדז קיין מאָל קיין שלאָף ניט גענומען. אַזוי פריילעך האָבן מיר פאַרבראַכט דעם יום טוב.

די לוים מיט זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן האָבן געשפּילט און געזונגען שטייענדיק אויף די פופצן טרעפּ וואָס האָבן אָפּגעטיילט די עזרת נשים פון עזרת אנשים (סוכה נ"א, ע"ב).

צוויי כהנים זיינען געשטאַנען אין דעם העכערן טויער פון בית המקדש, האַלטנדיק די חצוצרות. ווען די הענער האָבן געקרייט, האָבן זיי געבלאָזן תקיעה, תרועה, תקיעה. דאָס איז געווען אַ צייכן אַז די צייט איז געקומען מען זאָל גיין צום שילוח אָנצונעמען וואַסער אין גאָלדענעם קריגל.

ווען די כהנים זיינען צוגעקומען צום צענטן טרעפּ, האָבן זיי ווייטער געבלאָזן תקיעה, תרועה, תקיעה, דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן ווען זיי האָבן דערגרייכט צום הויף פון דער עזרה. נאָר זיי האָבן אויסגעצויגן די לעצטע תקיעה ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טויער פון בית המקדש וואָס גייט אַרויס צו מזרח. דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעדרייט מיט זייערע פּנימער צו מערב, צום היכל און האָבן געזאָגט: אונדזערע עלטערן וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם אָרט זיינען געצנדינער געווען, און מיר זיינען געווענדט צו גאָט, אנו ליה, ועיננו ליה.

די שמחה אין בית השואבה איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געבליבן אין פאָלק, אַז דער וואָס האָט ניט געזען שמחת בית השואבה, האָט אויף זיין לעבן קיין שמחה ניט געזען (סוכה נ"א, עמוד ב').

לזכרון ווי מען פלעגט אַמאָל פייערן ימים טובים מיט קאָלעקטיווע טענץ (מחולות מחנים) פּראַוועט מען אין די שולן הקפות אַרום דער בימה אָדער שולחן, צו הושענות און שמחת תורה. און בשעת מעשה טאַנצט מען

אונטער... חסידים טאַנצן נאָך היינט מיט גרויס התלהבות שמחת תורה ביי הקפות.

איבער דעם ביטערן, פינצטערן גלות זיינען די אַמאָליקע אידישע התלהבותידיקע טענץ, פאַרגעסן געוואָרן. מען טאַנצט יאָ שמחת תורה און מען טאַנצט אויך אויף שמחות, אָבער די טענץ זיינען וואָכעדיק, אָן התלה־בות, אָן עקסטאַז, גלות׳דיק.

אינעם 16־טן יאָרהונדערט נ. ק., האָבן די מקובלים פון צפת אויפ־געלעבט די אַמאָליקע יידישע התלהבותדיקע טענץ, וועלכע די שבתי־צבי־ניקעס און די פראַנקיסטן האָבן עס פון זיי איבערגענומען.

אינעם 18־טן יאָרהונדערט איז עס איבערגעגאַנגען צו די חסידים פון בעל שם און פון חב״ד. די לעצטע צייט זיינען די אַלטע יידישע התלה־בות׳דיקע טענץ צוריק אויפגעלעבט געוואָרן פון די חלוצים אין ארץ ישראל און אויך אין גלות.

קאַפּיטל זיבן

תהלים אין דער קירכע

תהלים דער יסוד פונעם קירכלעכן קולט. דער פאַרגלייך פון זייער נגינה מיט די פּרימיטיווע נגינות פון די יידן פון בבל און תימן. פעטער וואַגנער און זיין בוך: „די געבורט פון די גרעגאָריאַנישע געזאַנגען". ישו, דעם לעצטן אָוונט פאַר זיין קרייצונג. פילון פון אַלעקסאַנדריע. מילמאַן און זיין געשיכטע פון קריסטנטום. וויברעל, אין זיין בוך: „מוזיק און רעליגיע". די פאָרעם פון זינגען די מזמורים פון תהלים אין דער קירכע. דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס. די באַפעלן פון די ערשטע עלטסטע פון דער קירכע וועגן תהלים. קריסוסטמוס וועגן די נייע גלויביקע. אַמבראָזיוס וועגן תהלים. דער פאַרבאָט פון די עלטסטע גייסטלעכע פון דער קירכע צו שפּילן אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווען מען זינגט די מזמורים פון תהלים. סאַן קלעמענט און די מזמורים פון תהלים. סאַן אַמבראָסיאָ, סאַן אויגוסט, סאַן פּעדראָ, סאַן גרעגאָריאָ און זיין „אַנטיפאַנאַריאָ". די נייע איינגעקומענע תפלות און נגינות אין קירכע. די קירכע אַלס קינעמאַטאָגראַפישער אַפּאַראַט אויפצוכאַפּן אַלע אַספּעקטן פון לעבן. דער פּויפּסט חוליאָ דער דריטער און פּאַלעסטרינאַ. די נגינות פון דער קירכע ביז דעם 18טן יאָרהונדערט. סעבאַסטיאַן באַך און הענדל. געטהע און די דייטשע מאָראַל. די פוגאַס פון באַך אין קלויסטער. דייטשער מענטאַליטעט און באַרבאַריזם. די פּרימיטיווע קירכן־געזאַנגען — אויטענטיש יידישע.

די קירכע האָט איבערגענומען אַ וואונדערבאַרע ירושה פון יידישן טעמפּל און פון די יידישע סינאַגאָגעס, דעם תהלים און די נגינות פון תהלים (מילמאַן „די געשיכטע פון קירסטנטום").

עס איז ניט אַפּצושאַצן, זאָגט וויבערלי אין זיין בוך „מוזיק און רע־ליגיע", דעם הוב וואָס דאָס קריסטנטום האָט מיטן יידנטום. זיינע וואָרצ־לען זיינען טיף איינגעוואַקסן אין יידנטום. די קירכע איז געבוירן געוואָרן פון אברהם׳ס אָפּשטאַם און דערפאַר איז אומפאַרמיידלעך די דערנענ־טערונג פון די פּרימיטיווע קירכן־געזאַנגען צו די יידישע.

ביי די ערשטע קריסטן, גלייך נאָך זייער אַנטשטייאונג איז געווען דער עיקר פון זייער קולט, דאָס זינגען די מזמורים פון תהלים מיט דער זעלבער נגינה און מיט דערזעלבער פאָרם ווי די לויים האָבן עס געזונגען אין בית־המקדש. זיי האָבן אָנגענומען די מזמורים אין זייערע נגינות אַלס יסוד פון זייער קולט און אַלס דאָס הייליקסטע אין זייער עבודה און תפלה.

פּעטער וואַגנער, אין זיין בוך „די געבורט פון גרעגאָריאַנאָס געזאַנ־גען", זאָגט אויך אַז דער תהלים איז דאָס שענסטע און טייערסטע ירושה, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלאָזט צו די קריסטן, איידער זיי האָבן פאַרלאָרן זייער זעלבסטשטענדיקייט אַלס סואווערען פאָלק.

ישו (זייער דערלייזער) האָט געזונגען מזמורים פון תהלים צוזאַמען מיט זיינע תלמידים, דעם לעצטן אָוונט פאַר זיין קרייציקונג. ער האָט געזאָגט, אַז די מזמורים מיט זייערע מעלאָדיעס דערנענטערן דעם מענטשן צו זיין גאָט.

פילון פון אַלעקסאַנדריע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן פילון דער ייד (געלעבט אין דעם ב־טן יאָרהונדערט נ. ק.), זאָגט עדות, אַז די ערשטע קריסטן האָבן דאַן געזונגען אין זייערע פאַרזאַמלונגען די זעלבע תפלות און מזמורים וועלכע די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש, און אין דערזעלבער פאָרם פון זינגען. דער פאָרבעטער האָט געזונגען אַ פּסוק און דער עולם האָט געזונגען דעם צווייטן פּסוק, רעספּאָנסיוו. זיי האָבן אויך איבערגענומען ביי די יידן דעם רעספּאָנס נאָך אייניקע תפלות, ווי, אמן און הללויה.

דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס פאָדערט אויף די נייע גלויביקע, צו זינגען צו גאָט די מזמורים און הללויה׳ס פון תהלים, ווייל דער תהלים איז דער קריסטאַל־קלאָרער קוואַל, פון וואַנעט יעדער מענטש קאָן שעפּן די נוי־טיקע שפּראַך ווען ער ווענדט זיך צו גאָט.

די וויכטיקייט פון תהלים פאַר דער קירכע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די ערשטע עלטסטע גייסטלעכע פון דער קירכע האָבן באַפוילן די גלחים צו קאָנען אויף אויסנווייניק דעם גאַנצן תהלים. און דער גלח וואָס וועט עס ניט געקאָנט באַוויזן, וועט מוזן פאַרלאָזן זיין אַמט אַלס אַזעלכער. (לויט דעם פאַרזאָג, טראָגן די גלחים מיט זיך שטענדיק אַ תהלים׳ל).

קריסוסטמוס דערציילט, אַז ווען די נייע גלויביקע קומען זיך צונויף אין זייער בית הכנסת, איז די ערשטע, מיטלסטע און לעצטע תפלה זייערע די געזאַנגען פון דוד בן ישי, תהלים.

אמבראזיאוס (געלעבט אינעם 4־טן יאָרהונדערט נ. ק.), רופט דעם ספר תהלים: די ברכה פון גאָט, די שפּראַך פון קהל, דאָס זיסע גלעקעלע פון גלויבן, די פרייד פון באַפרייאונג, די שיינקייט פון גן־עדן.

לויט דער קירכע, נעמט אַרום דער ספר תהלים דעם גאַנצן לעבן פון מענטשן, זיין געמיט־צושטאַנד און די האַרציקע געפילן. אויב דער מענטש לעבט איבער אַנגסטן, ער ווערט געפּלאָגט אָדער ליידט פון אַנ־דערע צרות און פיין און וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, צי ער לעבט אין רייכטום און כבוד, האָט מנצח געווען זיינע פיינד, און וויל דאַנקען און לויבן גאָט, — צו די אַלע אומשטענדן קאָן דער מענטש געפינען געצוגנדן מאַטעריאַל אין תהלים.

די עלטסטע גייסטלעכע פון דער קירכע האָבן די ערשטע צייטן פון דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום, פאַרבאָטן צו שפּילן אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן (איבערהויפּט בלאָז־אינסטרומענטן) ווען מען האָט געזונ־גען די מזמורים און הללויה׳ס פון תהלים.

דער פאַרבאָט איז געקומען, ווייל זיי האָבן געזען ווי די גריכן באַ־גלייטן זייערע תפלות צו זייערע געצן מיט מוזיקאַלישע בלאָז־אינסטרו־מענטן און פון סטרונעס, וועלכע מעלאָדיעס האָבן אָנגעהאַלטן אַ ריטם, וואָס האָט אויפגערייצט די נידעריקע מענטשלעכע חושים פון תאוה: צו אויסגעלאַסנקייט און שפיכת דמים. און דאָס האָבן די עלטסטע פון די פּרימיטיווע קריסטן געוואָלט אויסמיידן און פאַרהיטן.

איזביוס דערציילט, אַז דער באַפעל פון די הויכע גייסטלעכע צו זינ־גען תהלים האָט אַרומגענומען אַלע קריסטלעכע קהלות פון דער גאַנצער וועלט. אַלע קריסטן זינגען מיט התלהבות די מזמורים פון תהלים און דעם קול פון די געזאַנגען הערט מען אין די ווייטע ווייטקייטן.

סאַן קלעמענט (געלעבט אינם 200־טן יאָר נ. ק.) לערנט די גלוביקע, אַז מען דאַרף אויסקלויבן אַ נאַטירלעכן וועג צו דינען גאָט. נאָר מיט דער הערלעכע מתנה פון גאָט, מיט דעם מענטשנס שטימע זאָלן זיך ווענדן צו גאָט, מען זאָל זיך דערוויטערן צו דינען גאָט מיט אַרטיפיציעלע מיטלען ווי די פאַרשידענע מוזיקאַלישע בלאָז־אינסטרומענטן, וואָס רייצן די גע־מיטער צו אויסגעלאַסנקייט, זנות און שפיכת דמים.

די בעסטע שפּראַך צו דינען גאָט, זיינען די געזאַנגען פון דוד בן ישי, — תהלים, געזונגען מיט דער מענטשלעכער שטימע.

דער זעלבער קלעמענס פאָדערט אויף די נייע גלוביקע, אַז זיי זאָלן אָננעמען און אָפּהיטן ד׳י ריינע יידישע נגינה פון תהלים און נביאים. קלעמענס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אין איין צייט פון יהודה הנשיא, און דאָן האָט נאָך זיכער געלעבט די נאַטירלעכע ריינע יידישע נגינה און יידישע טראַדיציעס.

סאַן אַמבראָסיאָ (געלעבט 333-397 נ. ק.) האָט געהייסן אַרויס־וואַרפן די אַלע פרעמדע מעלאָדיעס מיט די פרעמדע ריטמען וואָס האָבן

זיך אָנגעקליבן אין קירכען־געזאַנגען, און מען זאָל אין אַלע קירכען צוריק איינפירן צו זינגען די מזמורים פון דוד בן ישי.

ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע אַלטע נגינות פון תהלים, האָט זיי קאָרעגירט, רעדאַקטירט און פאַראָרדנט אַז מען זאָל עס זינגען אין די קירכען. די זאַמלונג רופט מען אויף זיין נאָמען: קאַנטאָס אַמבראָסיאַנאָס.

סאַן אוגוסטין פלעגט זיך אַזוי באַגייסטערן פון די תפלות און נגי־נות פון די מזמורי תהלים, אַז ער פלעגט זיך שטאַרק צעוויינען פון גרויס באַגייסטערונג און עמאָציע.

סאַן איסידראָ (570־634) זאָגט: ניטאָ קיין פּערפעקטערע דיסציפּ־לין ווי אין מוזיק. די וועלט, די הימלען מיט די פּלאַנעטן באַוועגן זיך לויט אַ מוזיקאַלישע דיסציפּלין. יעדעס וואָרט וואָס אַ מענטש רעדט אַרויס, יעדער קלאַפּ אין די אָדערן, פאָלגט נאָך אַוועלכן ניט איז מוזיקאַלישן ריטם. ריטם, איז לעבן. וואו עס איז ניטאָ קיין ריטם איז ניטאָ קיין לעבן.

צו דינען גאָט איז דאָס בעסטע דורך מוזיק. אָבער די מוזיק מוז זיין אַזעלכע וואָס דערהויבט און רייניקט די געדאַנקען, וואָס הייליקט און באַגייסטערט, וואָס דערנענטערט צו גאָט. און דאָס אַלעס קאָן מען דערגרייכן ווען מען דינט גאָט, זינגענדיק די מזמורים פון תהלים מיט די נגינות פון דוד בן ישי.

סאַן גרעגאָריאָ (געלעבט אין דעם 7־טן יאָרהונדערט נ. ק.) דער רע־פאָרמיסט פון די קירכען־געזאַנגען. איז דער, וואָס האָט באַזייטיקט אַלע פרעמדע עלעמענטן וואָס האָבן זיך באַהעפט אין די קירכען־געזאַנגען ביז זיין צייט, און האָט אויסגעקליבן און איינגעאָרדנט די ריינע נגינות פון תהלים וואָס עס האָבן געזונגען די ערשטע קריסטן (לייען: די ריינע יידי־שע נגינה) און געמאַכט פון דעם אַ מין סדור וואָס זאָל גילטן אַלס טראַ־דיציע פאַר אַלע קירכען פון דער וועלט. דעם סדור האָט ער אַ נאָמען גע־געבן אַנטיפאָנאַריאָ, און האָט אים צוגעבונדן מיט אַ קייט צום אַלטאַר פון דער קירכע סאַן פּעדראָ פון וואַטיקאַן, כדי ער זאָל בלייבן אַלס גע־זעץ לדורות.

דאָס בוך אָדער סדור האָט באַקומען די אַנערקענונג פון דער אַל־וועלטלעכער קירכע אַלס די אויטענטישע ריינע קירכען־געזאַנגען פון די ערשטע קריסטן.

די נגינות וואָס סאַן גרעגאָריאָ האָט צוזאַמענגעקליבן און מסדר געווען, רופן זיך אויף זיין נאָמען „קאַנטאָ גרעגאָריאַנאָס" און זיינען מיט דער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן קריסטן פון דער גאַנצער וועלט דורך די פּעליגרינער (עולי רגל), וואָס פלעגן באַזוכן דעם הייליקן קבר פון סאַן פּעדראָ און האָבן דאָרט געהערט זינגען די נגינות.

אַ געוויסער מאָנאַך*, אַ גרויסער טעאָלאָג און מוזיקער פון 16־טן

* איך געדענק ניט זיין נאָמען.

יאָרהונדערט, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן די קירכלעכע געזאַנגען פאָל־גנדעס: נגינה איז די גייסטיקע פאָטאָגראַפיע פון יעדן פאָלק, ווייל אַלע לעבנס־מאַניפעסטאַציעס פון יעדן פאָלק דריקן זיך אויס אין זייער מוזיק. דאָס פאָלק זינגט עס אויס. עס זינגט און באַזינגט גוטע יאָרן, גוטע גע־רעטענישן, מלחמות, טריאומפן, נידערלאַגעס, עקאָנאָמישע באַקוועמלעכ־קייטן א. א. וו. צו יעדער געשעעניש זיין מוזיק אין ספּעציפישן ריטם.

די נגינות פון דער קירכע זיינען הייליקע געזאַנגען וואָס גייען אי־בער בירושה פון דור צו דור אין דער פאָרם פון אַ מומיע, אָן פאַרענדע־רונגען. מען טאָר צו דעם ניט צוגעבן און ניט אָראָפּנעמען. דערפאַר איז ביי די פעלקער לייכט אָפּצושאַפן דעם שטאַט פון דער קירכע, ווייל די נגינה איז ניט די פאָלקס גייסטיקע פיזיאָנאָמיע. די קירכע איז אַ רעלי־גיע מיט אירע אויטאָנאָמע אַטריבוטן.

פון דעם אַלעם איז צו זען אויך ווי ווייט דער ספר תהלים איז געווען באַליבט און הייליק ביי די קריסטן.

נייע מוזיקאַלישע עלעמענטן אין דער קירכע

פון דעם 7־טן ביז דעם 16־טן יאָרהונדערט נ. ק. האָט מען אין דער קירכע אריינגענומען גאָר אַ סאַך נייע מעלאָדיעס און תפלות. די אַלטע געזאַנגען פון די ערשטע קריסטן, וועלכע זיינען פאַרהייליקט געוואָרן פון די ערשטע עלטסטע גייסטלעכע, אַז נאָר מיט די מעלאָדיעס זאָל מען זינגען די מזמורים און הלויה'ס, זיינען פון דער קירכע אין אַלגעמיין פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אנשטאָט די דערמאָנטע מעלאָדיעס, האָט מען צוגעפּאַסט צו די מזמורים און הללויה'ס ביליקע פּאָפּולערע נגינה און מען האָט עס געזונגען ביי רעליגיעזע פייערונגען.

פון די נייע תפלות וואָס מען האָט אריינגענומען אין דער קירכע, האָבן אייניקע תפלות באַקומען מאָדנע נעמען, ווי: „דער באַוואָפנטער מענטש", „מיין ליבע", „שושנה", „די תפלה פון דעם האָן" און ענלעכע. „דער יום־טוב פון אייזעלע": מען פלעגט אויסקלויבן אַ יונג אייזעלע, אים אויספוצן מיט פאַרשיידענע באַפּוצונגען און מיט גרויס פאַראַד פירן אים אין קירכע צו אַ תפלה...

צווישן די נייע תפלות זיינען פאַראַן ספּעציעלע תפלות פאַרן קעניג און זיין מיליטער וואָס זיי־נען געגאַנגען אין מלחמה קעגן אַ צווייטן קע־ניג און זיין מיליטער. ביידע קעניגן און זייערע פעלקער זיינען גלויביקע קריסטן. האָט מען מיט די תפלות געבעטן אין די קירכעס פון ביידע לענ־דער, אַז זייערע קעניגן מיט זייער מיליטער זאָלן זיגן איינער קעגן צווייטן, מען זאָל פאַרשקלאָפן פעלקער וועלכע זאָלן ליגן צו זייערע פיס... און הויכע גייסטלעכע, אָנגעטאָן אין זייערע רעליגיעזע קליידער, טראָגנדיק

זייער דערלייזער וועלכער האָט זיי געלערנט אַז מען גיט אַ פּאַטש אין איין באַק שטעל אונטער די צווייטע, — בענטשן די געווער פון די מי־ליטאַרן מיט די זעלבע ברכות און באַשפּריצן זיי מיט די געהייליקטע וואַסער, אַז זיי זאָלן טרעפן אין ציל, זאָלן וואָס מער מענטשן טויטן, וואָס מער מענטשן מאַכן פאַר אייביקע קאַליקעס און וואָס מער שטעט און דערפער חרוב מאַכן, וואָס דאָס איז קעגן אַלע דאָגמעס, מאָראַל און עטיק אויף וועלכער די קירכע איז געבויט געוואָרן.

געווירקט צו דער וואולגאַריטעט און צו די פאַרשידענע תפלות און פּראָצעסיעס פון דער קירכע האָבן די מאָנאַכן פון די פאַרשידענע אָרדנס און קאָנווענטאָס, וואו יעדער מאָנאַך אָדער גלח האָט עפּעס מחדש געווען אין זיין קלויסטער, כדי צו באַקומען אָנערקענונג פון זיינע פרומע שע־פעלעך, און אויך אין פיל פאַלן צו אַרויסווייזן געטריישאַפט צו די הער־שער פון די לענדער, צו באַקומען פון זיי די געהעריקע באַראַנקונג.

איבערהויפּט האָט צו דעם געבראַכט און געווירקט דאָס לעבן זעלבסט. די עוואָלוציע פון דער מענטשהייט אין אַלע זיינע אַספּעקטן האָט פון דער קירכע אַראָפּגענומען די פאַרשלאָסנקייט, צעעפנט ברייט די טירן און געלאָזט אריינשטראָמען אַהין דאָס לעבן זעלבסט, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט אין די תפלות און זייער מוזיק.

און אַזוי ווי מוזיק אין אַלגעמיין איז דער שפּיגל אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון יעדן פאָלק באַזונדער, איז זי אויך דער פאָ־טאָגראַף וואָס פאָטאָגראַפירט יעדער עפּאָכע מיט זיינע דערגרייכונגען, האָט מען די נגינות פון דער וועלט אריינגענומען אין דער קירכע צו זינ־גען די הייליקע מזמורים פון תהלים.

די נייע תפלות פון דער קירכע וואָס זיינען די רעפלעקסן פון די מענטשלעכע איבערלעבונגען און שטרעבונגען פון דער נייער צייט, זיי־נען אריין אין דער קירכע דורך די ברייט צעעפנטע טירן, צו באַפרידיקן די טענדענצן און פאַרלאַנגען פון די מאַסן. אַזוי אַרום איז די קירכע גע־וואָרן ווי אַ סינעמאַטאָגראָפישער אַפּאַראַט, וואָס כאַפּט אויף און קאָ־פּירט די אַלע אַספּעקטן פון לעבן פון דער וועלט און ברענגט עס צום אויסדרוק דורך תפלות, נגינות, רעליגיעזע פּראָצעסיעס און רעליגיעזע צערעמאָניעס.

לויט די דערמאָנטע אומשטענדן איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג די אַנטשטייאונג פון פּראָטעסטאַנטיזם אין יאָר 1520, אָנ־געפירט פון גייסטלעכן מאַרטין לוטער, וועלכער איז אַרויסגעשטויסן גע־וואָרן פון דער רוימישער קירכע דורך דעם פּויפּסט לעאָן דער 10־טער. ער האָט רעפאָרמירט די אַלטע קריסטלעכע תפלות און געזאַנגען, האָט באַזייטיקט פון די טעקסטן פון די תפלות דעם „לאַטין" (די אַלטע שפּראַך פון די תפלות) און האָט איינגעפירט צו זאָגן אַלע תפלות אין ריין דייטש. אין יאָר 1524 האָט מען געשאַפן אַ דייטשן תהלים, אַ נאָכמאַכונג פון

דעם אַלטן תהלים, פאַרן דייטשן געברויך, אונטערן נאָמען „קריסטלעכע לידער, לויב־געזאַנגען און פּסאַלמען".

צו די נייע לידער, לויב־געזאַנגען און פּסאַלמען האָבן שפּעטער, אין 18־טן י"ה, די דייטשע מוזיקאַלישע גאונים, סעבאַסטיאַן באַך און אַנדערע, געשאַפן ריינע דייטשע מוזיק, וואָס האָבן דורך וואונדערבאַרע קאָמפּאָזיציעס אַרויסגעבראַכט די גאַנצע דייטשע מענטאַליטעט פון דור דורות (זע ווייטער).

די קירכע איז נאָכגעגאַנגען און מיטגעגאַנגען מיט די אַלע עוואָלוציעס פון דער מענטשהייט, ממילא איז פון דער שטילער, רואיקער און האַרציקער נגינה פון די ערשטע קריסטן (וואָס איז בעצם יידישע נגינה), וואָס לייטערט די מחשבה, ברענגט צו רעליגיעזן עקסטאַז, צו התרוממות הנפש און דערנענטערט צו גאָט, אויסגעוואַקסן און עס האָט זיך צעוואַקסן אַ נייע נגינה, פול מיט באַפּוצונגען און טומל, וואָס פאַרטומלט די מחשבה, דערווייטערט פון התרוממות הנפש און שפּאַט אָפּ פון גאָט. פּונקט ווי די ערשטע באַשיידענע קירכן־געביידעס וואו די ערשטע קריסטן האָבן געזונגען זייערע מזמורים און הללויה'ס, זיינען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הערלעכע הויכע חוצפּה'דיקע מאָנומענטאַלע אַרכיטעקטאָנישע געביידעס, מיט אַן אויסערגעוויינלעך פאַרשווענדערישן לוקסוס, וואָס אַנטשפּרעכט אַבסאָלוט ניט די מענטאַליטעט און שטרעבונגען פון די ערשטע גרינדער פון קריסטנטום.

אין דעם 16־טן יאָרהונדערט האָט דער פּויפּסט כוליאָ דער דריטער, געוואָלט רעווידירן די נגינות פון דער קירכע, כדי צו אַריינברענגען צוריק די מילדע נגינה פון די מזמורים פון די ערשטע קריסטן, אָדער אַמווייניקסטנס צו באַזייטיקן די וואולגאַרע נגינה מיטן טומלדיקן ריטם וואָס האָט אַריינגעשטראָמט אין דער קירכע, ווייל ער האָט געזען צו וואָס פאַר אַ מאָראַלישער געפאַלנקייט די נייע פּאָפּולערע קירכן־געזאַנגען מיט די נייע תפלות האָבן געבראַכט, אַז אפילו די גייסטלעכע פון דער קירכע, וועלכע האָבן געדאַרפט דינען פאַר די פרומע קירכן־באַזוכער אַלס גוטער ביישפּיל פון אָרנטלעכקייט, אָנשטענדיקייט, גוטסקייט און פרומקייט, זיינען אַ גרויסע צאָל פון זיי פּשוטע פאַרברעכער, אויסגעלאַסענע און מאָראַלישע אָפּנאַרער, פאַר וועלכע די קירכע דינט אַלס מאַנטל צו פאַרדעקן זייערע פאַרברעכערישע נייגונגען.

די וויכטיקע, נוצלעכע און וויכטיקע אויפגאַבע, האָט דער דערמאָנטער פּויפּסט באַאויפטראַגט דעם באַרימטן אין זיין צייט מוזיקאַלישן גאון כואַן פּאַלעסטרינאַ, ער זאָל רעווידירן און ברענגען אין אָרדנונג די קירכן־געזאַנגען, אויסרייניקן זיי פון פרעמדע וואולגאַרע מוזיקאַלישע עלעמענטן און ווי מעגלעך אַריינברענגען צוריק די נגינות פון די ערשטע קריסטן.

די אויפגאַבע האָט זיך פּאַלעסטרינען ניט איינגעגעבן, ווייל די נייע

וואולגאַרע נגינות מיטן ריטם וואָס רייצן אויף די מענטשלעכע חושים, זיינען שוין זייט הונדערטער יאָרן אַריין אין בלוט און מוסקולן פון די גלחים און גלויביקע. עס איז געוואָרן אַ טראַדיציע, און עס איז פּראַקטיש געווען אומעגלעך עס איבערצואַנדערשן.

אַזוי אַרום זיינען געבליבן די וואולגאַרע און פּאָפּולערע פאָלקס־נגינה אַלס יסוד פון דער קריסטלעכער רעליגיעזער נגינה פון דער לעצטער צייט.

פאַר דעם גאַנצן פעריאָד פון צוויי הונדערט יאָר, פונם 16־טן ביזן 18־טן יאָרהונדערט, האָט שוין קיינער פון די פּויפּסטן זיך ניט אונטער־גענומען צוריקצוהאַלטן דעם פרעמדן מעלאָס און ריטם וואָס האָבן פאַר־פלייצט די קירכע. מען האָט די מזמורים פון תהלים, די שירי דוד בן ישי אַלע מאָל ניי אָנגעקליידט מיט נייעם מעלאָס און פאַרשידענעם ריטם, וואָס זיינען אַבסאָלוט פרעמד זייער אינהאַלט און זייער טראַדיציע.

לויט דער ווירקונג פון דער צייט און פון דער אַלמענטשלעכער סבי־בה מיט איר פּסיכיק און סאָציאָלאָגיע, מיט איר טעכניק און ציוויליזאַ־ציע, זיינען געווען די מעלאָדיעס און ריטמען מיט וועלכע מען האָט גע־זונגען אין די קירכעס די מזמורים און הללויה׳ס, די, וועלכע האָבן אויפ־גערעגט די יעניקע וואָס האָבן באַזוכט די קירכן, צו אַלדאָס בייז.

ספּעציעל מערקט מען עס אָנזעבאַר אין דעם 18־טן יאָרהונדערט, ווען דער דייטשער מוזיק־גאון סעבאַסטיאַן באַך האָט מוזיקאַליזירט און ריטמיזירט די מזמורים פון תהלים מיט זיין מוזיקאַלישן סטיל, „פוגא" (אַנטלויפן), וואָס ער האָט געשאַפן און אַנטוויקלט צו דער העכסטער מדרגה פון קונסט.

מיט דעם נייעם סטיל „פוגא" האָט באַך אַרויסגעבראַכט און אַריינגע־בראַכט אין דער מוזיק, די גאַנצע דייטשע מענטאַליטעט פון רציחה און אָנגריף זייט דײַטשלאַנד עקזיסטירט אַלס אַזעלכע.

ער האָט רעאַליסטיש אַרויסגעבראַכט אין דער מוזיק דעם נאַטיר־לעכן דייטשן פאָלקס־כאַראַקטער, וואָס באַשטייט אין אָנגרייפן, באַ־קעמפן, באַהערשן און אונטערדריקן, אָן קיין שום איינזעעניש, אָן דעם עלעמענטאַרסטן געפיל פון מיטלייד און רחמנות.

דער גאון, וואָס ווערט געבוירן בחסד עליון, איז אַלעמאָל דער, וואָס ברענגט אַרויס דורך זיינע אַלע ווערק אַלץ וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיין פאָלק פאַר דער צייט פון דורות. ער איז עס דער וואָס זעט מיט זיין שאַרף אויג און פילנדער אינטואיציע, די אַלע מעלות און חסרונות און אַלע אומזעבאַרע ניואַנסן פון פאָלקס־לעבן פאַר דורות און דורות און ברענגט עס אַרויס רעליעף אין ליטעראַטור, סקולפּטור, אַרכיטעקטור, פאַרבן און מוזיק.

אין דעם פאַל האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן דעם דייטשן מוזיק־

גאון באך, ארויסצובערענגען רעאַליסטיש דאָס דײַטשע אייגנאַרטיקייט, דעם דײַטשן פאָלקס־כאַראַקטער.

עס איז כמעט אומעגלעך, אַז ביי אַ פאָלק מיט רואיקע זיטן, וואָס האָט מקדמונים אַן אָרנטלעכע אָריענטאַציע פון אַרבעטן, בויען און שאַפן, פון אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן מיט שכנישע פעלקער, פון אויפריכטיק ליב האָבן דעם שכן, דעם פריינד; ביי אַ פאָלק וואָס קולטיווירט ביי זיך זייט דורות, הויכע הומאַנע אידעאַלן, וואָס פּראַקטיצירט אין לעבן הויכע עטיק און מאָראַל, ליבע און אויפריכטיקע ליבע און מיטלייד אפילו צו זיין שונא, ביי אַזאַ פאָלק וואָלט קיינמאָל זיין מוזיקאַלישער גאון ארויסגע־בראַכט אַזאַ מוזיק ווי באַך, פשוט דערפאַר ווייל אין פאָלק האָט זיך ניט אָנגעזאַמלט אַזאַ מאַטעריאַל.

באַך האָט געהאַט וואָס אַרויסצוברענגען, ווייל פון זיינע באַרבאַרי־שע אור־עלטערן, די טעאוטאָנען, ביז זיין צייט, האָט זיך דער כאַראַקטער פון דייטשן פאָלק ניט געביטן, עס איז נאָר פאַרדעקט געוואָרן פאַר דער וועלטס אויג, מיט דעם שיינעם פיל־פאַרביקן מאַנטל, פון ציוויליזאַציע, וויסנשאַפט, טעכניק, קונסט און אַלגעמיינער פּראָגרעס, וועלכע האָבן אין זיך אויסגעלאָזן אַלע פונקען פון עטיק און מאָראַל פון עלעמענטאַרער, אויפריכטיקער פריינדשאַפט צום ניט־דייטש.

עס איז גענוג צו שפּילן אָדער הערן שפּילן איינע פון די „פוגאַס" פון באַך (באַזייטיקנדיק אַ'ן געדאַנק די שיינע האַרמאָניע און ראַפינירטן סטיל), און זיך צוהערן צו דער בלויזער מעלאָדיע און שאַרפן ריטם, דערשיינט גלייך פאַרן צוהערער וואָס קאָן געוויינטלעך די דייטשע אייגנ־אַרטיקייט, דער פרימיטיווער דייטשער מערדער, דער וואַלד־גזלן, דער טעאוטאָן, וועלכער יאָגט זיך מיט אַ שרעקלעכער חיות'דיקער רציחה נאָך איינעם וואָס אַנטלויפט פון אים, יאָגט, יאָגט און כאַפּט אים, און ברענגט אים אום אויף אַ שרעקלעכן אופן, און צעשמייכלט זיך פון זיין העלדיש־קייט...

מיין אַרויסגעזאָגטע מיינונג וועגן דער דייטשער מערדערישער איי־גנאַרטיקייט, האָט באַשטעטיקט אַ צווייטער דײַטשער גאון, אויך דער שטאָלץ פון דייטשלאַנד, און דאָס איז זייער באַליבטער פּאָעט, געטהע. ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט פאַר זיינע פריינד און פאַרערער, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט וועגן אַ מאָרד, ווי שווידערלעך ער זאָל ניט זיין, וואָס ער וואָלט עס ניט געקאָנט באַגיין, און זיין געוויסן וואָלט געבליבן רואיק.

געטהע, באַגלייך מיט באַכן, האָט אַרויסגעבראַכט מיט זיין זאָג, די מערדערישע אייגנאַרטיקייט פון דײַטשן פאָלק. איבערהויפּט האָט עס באַשטעטיקט די לעצטע וועלט־מלחמה, וואָס דייטשלאַנד האָט אַרויפגע־צוואונגען אויף דער וועלט. פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָבן זיי אַראָפּגענומען דעם פיל־פאַרביקן מאַנטל פון זייער וויסנשאַפט, קונסט

און פּראָגרעס און האָבן אַרויסגעשטעלט פאַר דער ציוויליזירטער וועלט זייערע חיהשע ציין און מערדערישע אייגנשאַפטן. זייערע גרויסע פּראָפעסאָרן מיט אַ וועלט־נאָמען, זייערע גרויסע וויסנשאַפטלער, גרויסע קינסטלער אויף אַלע געביטן, זייערע צערטלעכע מוטערס און טעכטער, קליינע קינדער און מיטעלע יוגנט, אַלטע און קראַנקע, האָבן דורכגעפירט די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס איבער אומשולדיקע אומבאַשיצטע מענטשן, וואָס האָבן זיי קיינמאָל קיין שלעכטס געטאָן.

דאָס גאַנצע דײַטשע פאָלק מיט גאָר אַ קליין־קליינעם אויסנאַם, האָבן דורכגעפירט מיט די ראַפינירטסטע שרעקלעכסטע אכזריותדיקע מעטאָדן, דאָס אומברענגען פון מיליאָנען אומשולדיקע, מענער און פרויען, פּיצעלעך קינדער, אַלטע און קראַנקע, זייערע נעכטיקע שכנים, זייערע נעכטיקע פריינד און גאַנץ אָפט — זייערע נעכטיקע ברויט־געבער. און האָבן זיך געקוויקט צוקוקנדיק ווי זייערע אומשולדיקע קרבנות ליידן אין זייערע אומגעהויערע יסורים, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען פאַר זיי אַ וואולגאַרער גאַסן־ספּעקטאַקל.

די דײַטשע וויסנשאַפטלער האָבן חוצפּהדיק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַנג־יאָריקע מאַסקע פון ציוויליזאַציע און האָבן זיך איבערגעגעבן צו מאָרד און רויב ווי זייערע אור־עלטערן, די טעאוטאָנען. מיט זייער וויסנשאַפט האָבן זיי צוגעגרייט פאַר די אומשולדיקע און אומבאַשיצטע אידן, מאָדערנע קרעמאַטאָריומס, מאָדערנע אויטאָ־דאַ־פע, וואו מען האָט מיט דייטשער מערדערישער אכזריות, פּינקטלעכקייט און דיסציפּלין אומגעבראַכט זעקס מיליאָן שוצלאָזע אידן מיט זייערע פרויען און פּיצעלעך קינדער. זייער מערדעריש האַרץ האָט דערביי ניט אַ ציטער געטאָן, זייער געוויסן, דער געוויסן פון אַ וואָלף־גזלן איז ביי זיי געבליבן רואיק, ווען זיי האָבן ביי די אומגליקלעכע אידישן פרויען פאַרן פאַרברענען זייערע שיינע האָר אָפּגעשאָרן און נאָכן פאַרברענען, די גאָלדענע ציין אַרויסגענומען, דער רויב זאָל זיין פולקאָמער. אַלץ איז געטון געוואָרן פון די דײַטשן מעטאָדיש, מיטן פולן באַוואוסטזיין פון אַ קאַלטן פּראַקטישן מערדער. קיין זאַך פון קרבן זאָל ניט פאַרלאָרן גיין, אַלץ קאָן צונוץ קומען דעם פאָלק וואָס זינגט אין זיינע געבעט־הייזער מזמורים צו זיין גאָט, געשאַפן פון דעם פאָלק וואָס זיי האָבן זיך פאַרנומען אומצוברענגען.

זייער מוזיקאַלישער גאון סעבאַסטיאַן באַך האָט עס טרעפלעך אויסגעדריקט אין זיינע „פוגאַס”, מיט וועלכע ער האָט מוזיקאַליזירט און ריטמיזירט 149 קאַפּיטלעך תהלים, און וועלכער ריטם עס איז אריין אין די בלוטן פון דעם מערדער־פאָלק. פאַר די לעצטע 150 יאָר, אומצוברענגען די אָפּשטאַמיקע פון די וואָס האָבן געשאַפן די הערלעכע מזמורים פון תהלים.

אין זיין מוזיקאַליזירן און ריטמיזירן די 149 קאַפּיטלעך תהלים, פאַר סאָלאָ, מיט באַגלייטונג פון איינצלנע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן,

באַר און אָרקעסטער, האָט ער אַזוי קינסטלעריש אַריינגעגעבן אין זיי דעם אַגרעסיוון ריטם פונם דייטש, אַז הערנדיק זינגען און שפּילן די מזמורים און הללויה׳ס פון תהלים, ווערט מען פאַרכאַפּט און באַגייסטערט פון דעם שיינעם סטיל און וואונדערבאַרער האַרמאָניע, ניט מערקנדיק דעם געפערלעכן גיפט וואָס ליגט אין זיי.

מען פילט דעם געפערלעכן גיפט פון די „פוגאַס", ווען מען אַנאַליזירט באַזאַכט דאָס געהערטע, דאַן פילט מען ערשט ווי מען ווערט אַריינגעשלעפּט אין עפּעס אַ געראַנגל, ווי דאָס בלוט ווערט אויפגעקאָכט, ווי אַן אומבאַוואוסטע אומרואיקייט באַהערשט אונדזער וועזן און ווי וואונדערבאַר עס איז דער קינסטלעכער מאַנטל וואָס פאַרדעקט עס.

יענע רואיקע, זיסע מעלאָדיעס מיטן מילדן ריטם וואָס די ערשטע קריסטן האָבן געזונגען די מזמורים, צו באַרואיקן זייערע געמיטער און צו דערנענטערן זיך צו גאָט, זיינען מער ניטאָ. עס זיינען אויך ניטאָ יענע הויכע גייסטלעכע פון דער קירכע וואָס האָבן געפּריידיקט און געפאָדערט פון דער קירכע אַז מען זאָל זינגען די מזמורים מיט זייערע נאַטירלעכע נגינות, — די נגינות פון דוד בן ישי.

די 149 קאַפּיטלעך תהלים וואָס סעבאַסטיאַן באַך האָט מוזיקאַליזירט און ריטמיזירט, פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דער דייטשער קירכע זייט 200 יאָר. פאַר דער צייט האָבן דורות דייטשן באַזוכט די קירכן און האָבן אַזוי אַרום איינגעזאַפּט אין זייער בלוט און מוסקולן דעם אַגרעסיוון ריטם, וואָס האָט זיי געהאַלטן לויט זייער כאַראַקטער פּערמאַנענט אַגרעסיוו. זייער אַגרעסיווקייט האָבן זיי אויסגעדריקט אין שטענדיקן צוגרייטן זיך צו מלחמות מיט זייערע שכנים־פעלקער. זיי זיינען געווען די וואָס האָבן אַרויסגערופן און אַרויפגעצוואונגען די מלחמה אין די זיבעציקער פון פאַריקן יאָרהונדערט; זיי האָבן אַרויסגערופן און אַרויפגעצוואונגען די ערשטע וועלט־מלחמה פונם 1914 און די צווייטע וועלט־מלחמה דורך היטלערן ימ״ש שמו, וואָס האָט חרוב געמאַכט פעלקער און לענדער.

אַט דאָס איז געוואָרן פון די נגינות און מזמורים פון תהלים אין דייטשלאַנד און פון דאָרט אין אַנדערע לענדער, וואָס די עלטסטע פון די אַמאָליקע קריסטן האָבן פאַרבאָטן צו באַגלייטן עס מיט אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, ווייל מיט אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט קאָן מען חלילה שאַפן אַ גרעסיוון ריטם, וואָס קאָן ווירקן שלעכט אויף די גלויביקע, צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַגרעסיווע בירגער. וואָס קאָן זיי פירן צו שפיכת דמים.

אנשטאַט וואָס די מזמורים פון תהלים מיט זייערע נגינות, האָבן געזאָלט זיין די ברכה פון גאָט, דאָס זיסע גלעקעלע פון גלויבן, די שיינקייט פון גן־עדן, איז עס געוואָרן די ברכה פאַר קאַנאָנען און ביקסן, אַז זיי זאָלן וואָס מער אומברענגען און פאַרשניידן וואָס מער לעבנס. דאָס

קלינגען פון געוועער אין קאמף איז געוואָרן די שיינקייט פון גן־עדן וואו די אומגעבראַכטע דורך דעם געבענטשן געוועער וועלן זיך געפינען...

פון דאָס געבראַכטע איז צו זען אַז די ערשטע העכסטע גייסטלעכע פון דער קירכע, ווי סאַן קלעמענט, סאַן אַמבראָסיאָ, סאַן איסידראָ און סאַן גרעגאָריאָ, האָבן דורות־לאַנג געקעמפט אָנצוהאַלטן אין דער קירכע די ריינע נגינה פון די ערשטע קריסטן. ביי זיי איז געווען יענע נגינה אַ מיטל צו דערנענטערן זיך צו גאָט. לייִדער איז עס זיי ניט געלונגען, די צייט, דאָס לעבן און די אומשטענדן האָבן זיי באַזיגט.

וואָס אַנבאַלאַנגט צו די אויטענטישע נגינה פון די מזמורים פון תהלים איז גענוג צו פאַרגלייכן די ערשטע קירכן־געזאַנגען וואָס געפינען זיך אין מוזעאום פון וואַטיקאַן מיט די זעלבע נגינות פון די יידן אין בבל און תימן, וועט מען זיך דערגרונטעווען צו די אויטענטישע נגינות וואָס די לוים האָבן געזונגען אין בית המקדש, אין ירושלים.

נוסח תהלים פון די יידן פון תימן

גענומען פון אידלזאָן



נוסח תהלים פון דער קירכע

גענומען פון אידלזאָן

VI Ton